STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02986

# TEATER KARAVANEN

Samuel Jacob Harendorf

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. י. האַרענדאָרף

# טעאַטער קאַראַוואַנען

מעשה׳לעך און עפיזאדן פון מיינע
וואנדערונגען מיט יידיש טעאטער

הקדמה: ד״ר. אהרן שטיינבערג

---

פארלאג „פריינט פון יידיש לשון"
תשט"ו לאָנדאָן 1955

# THEATRE CARAVANS

*Humorous Sketches*

*by*

S. J. HARENDORF

איבערדרוקן, אַפילו טיילווייז, אָדער נוצן אויפן ראַדיאָ אָן
אַ דערלויבעניש פונם מחבר איז אויסדריקלעך פאַרבאָטן.

הילע געצייכנט פון מ. סאָכאַטשעווסקי

COPYRIGHT BY
S. J. HARENDORF, 66 WOODLANDS, LONDON, N.W.11, ENGLAND

PRINTED IN ENGLAND
THE NAROD PRESS, CAVELL STREET, LONDON

ש. י. הארענדארף

# טעאַטער קאַראַוואַנען


ערן־עקזעמפּלאַר

פאר פריינט

אליהו ס. סטולאנסקי

ש. י. הארענדארף 8.12.54

# אינהאַלט:

זייט

פראָלאָג: ד״ר אהרן שטיינבערג ...... 9
עטלעכע ווערטער ...... 13

## יונגע יאָרן

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט די „בלאָנדזשענדע שטערן״ פון יידישן טעאַטער ...... 17
אַ פורים־פאַרשטעלונג אין די טיראָלער בערג ...... 19
איך ווער אַ „בראַווא־פאַטשער״ און פראַווע תעניתים ...... 23
יידיש טעאַטער אין דער אַמאָליקער, עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע ...... 24
מיט „געזונגען, מערשע און טענצע״ ...... 28
„דער דויל ווער ציימען״... ...... 31
דער פאַרשוווּנדערישער „חי־געלעבט״ ביי די אַמאָליקע יידישע אַקטיאָרן ...... 33
אַן אַקטיאָרישער פּאַראַגראַף, וואָס וויל נישט מחלל־שבת זיין... ...... 35

## פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט

אַן אַקטיאָר פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אז איך בין דעם „דאָרפס־יונגס״ א ברודער ...... 41
ער איז מתפלל אויף אַ רעגן און — ס׳העלפט נישט! ...... 43
אַן „אויסגעלאַסענע שולמית״... ...... 45
מיט דעם געלט פון אַ צדקה תציל ממות־פושקע באַצאָלט פאַר דער אכסניה... ...... 47
פאַרענדיקט די „אויסגעלאַסענע שולמית״־טורנעע מיט אַ „ברוך־שפּטרני״ ...... 50
קאָנפיסקירט דאָס צעבראָכענע בעטל פון אַן אַקטיאָר אַלס אַ משכון פאַר א חוב... ...... 52
די מעשה איז „פלעק״... ...... 54
„בעבור שנדר? — „ס׳לינקע״... ...... 56
אַן אַקטיאָר לאַדט איין דעם ענגלישן קעניג צו זיין בענעפיס־פאָרשטעלונג... ...... 58

## פאַרצייכענונגען

פאול באַראַטאָוו ווערט אַ יידישער אַקטיאָר און קען נישט רעדן קיין יידיש ...... 63
אַן אָוונט מיט ארטור שניצלער ...... 66

# אינהאַלט:


זייט

ריכאַרד בער־האָפמאַן האָט ביי מיר זיך געלערנט ווידוי זאָגן ...... 79

אַ באַגעגענונג מיט באָריס טאָמאַשעווסקי ...... 83


## נע־ונד מיט דער טעאַטער בויד


די געשיכטע פון אַ „צילינדער“... ...... 87

אַן אימפּרעסאַריאָ פאַרשפּילט אין קאָרטן די סובסידיעס פאַרן יידישן טעאַטער ...... 90

אַ ראש־הקהל קויפט דעם ניגון פון ראש־חודש בענטשן... ...... 92

„אוי, זינגט ער!... ...... 94

אַ ראַבינער גיט אַ „היתר“, אַז יידן מעגן לכבוד שבת באַזוכן דאָס יידישע טעאטער ...... 97

„טודרוס בן־שאול׳יק חזק — מפטיר!“... ...... 101

דער „מיראָפּאָליער צדיק“ הייסט אַן אַקטיאָר זאָגן רבנן־קדיש נאָך צוויי פּראָצענט פון זיינע טעאַטער־מאַרקעס... ...... 102

„אַ קוואַרט“ און אַ „יאַס“ באַטרעפן 70... ...... 107

מיר באַצאָלן טאַנטיעמע פאַר אַ טשעכישער אָפּערע, וואָס מיר האָבן נישט אויפגעפירט ...... 108

איך ווער אַ „שותף“ צו אַ לאָמבאַרד... ...... 110

פּאָליציי געפינט ביי אַן אַקטיאָר אַ גע׳גנב׳עטע „נאַכט־כלי“ פון אַ האָטעל... ...... 112


## געלעכטער מיט טרערן


אַן אַקט־אָרס אַ זייגער ראַטעוועט אונזער טרופּע פון שווערע סיטואַציעס ...... 117

יידן קומען צו אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג מיט הייסע ציגל... ...... 120

צוויי טשעכישע גלחים — די איינציקע געסט ביי אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג ...... 123

מיר שפּילן „כל־נדרי“ פאַר סטודענטן פון אַ קאַטוילישן גלחים־סעמינאַר ...... 126

איך ווער אַ „סטאַר“ צוליב פאַרצווייפלונג ...... 129

אַ גוי׳אישער „בעל־תוקע“ בלאָזט שופר פון נאָטן... ...... 133

„אַמאָל האָט ער געקוקט אַראָפּ, איצט קוקט ער אַרויף“... ...... 139

דעם סופליאָר געפעלט נישט די פּיעסע און לאָזט פאַלן דעם פאָרהאַנג... ...... 143

אַן אַקט־אָר ווערט „געבענטשט“ פון בעלזער רבי׳ן... ...... 145

דער „יאָלד“ איז שוין גאָרנישט קיין יאָלד געווען... ...... 148

# אינהאַלט:

זייט

אַ טרופּע פּאַרט אויף אַ „חתונה“ און פּאָליציי פאַרבעט איר אין „חד־גדיא“ אַריין ...... 151

אַ טרופּע צעפאַלט זיך צוליב אַן אַטענטאַט אויף א יוגאָסלאַווישן מיניסטער ...... ...... 153

אַן אַקטיאָר לאָזט מיך איבער פאַר אַ „משכון“ אין אַ קאַפע־הויז . . . ...... ...... 156

## אויף פאַרבלאָנדזשעטע וועגן

יידישע פויערים פאָרן צו אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג און ווערן באַפאַלן פון אַ סטאַדע מיט וועלף ...... 163

אַנגעשיכור׳ט אַ גלח׳ל און אַרויסגע׳גנב׳עט פון דער צערקווע אַ פוס־אָרגל . . . ...... 165

צווישן חסיד׳ישע „דרעליעס“ און „שמויגערס“ ...... 167

איך רעצ׳יטיר דעם „דיבוק“ און פאַר שרעק האָט אַ פרוי מפּיל געווען . . . ...... 171

אַ „מאַרוויכער“ דערלאָזט נישט שפּילן אַ פּיעסע, וואָס רירט אָן זיין גנב׳ישן כבוד . . . 172

מונקאַטשער פורים־שפּילער באָטן מיר אָן אַ שותפות צו זייערע פורים׳דיקע „גרענדעס“ 175

אַן אַקטיאָר וויל האָבן אַ דין־תורה מיט אַ רבי׳ן צוליב אַ גע׳אסר׳ט׳ער טעאַטער־פאַרשטעלונג ...... 178

יידישע קור־געסט פּראָטעסט׳ירן קעגן אַ פאַר׳גוי׳אישטער „שולמית“־פאַרשטעלונג אין אַן אונגאַרישן טעאַטער ...... 181

אָפּגעשפּאַרט אַן אַפּותיקא ביים יידישן טעאַטער און באַגראָבן זי אין אַ יידישער צייטונג 186

יידן ווילן פירן אַ נעגער־חזן אין באָד אַריין . . . ...... 188

אַן אַקטיאָר ווערט אַן עושר פון קדיש־זאָגן נאָך זיינס אַ פאַרשטאָרבענעם „פּאַטריאָט“ 191

## פאַרן אָפּענעם פאָרהאַנג

„ישראל, מאַך אַ שפּרונג“ . . . ...... 199

דער עולם וויל זען אויף דער בינע די תליות פון די „7 געהאָנגענע“ . . . ...... 200

אַן אַקטיאָר פאַרבעט דעם טעאַטער־עולם צו „צלאל ראַפּאַפּאָרטס“ לוויה . . . ...... 201

דער עולם וויל זען אויף דער בינע די תליות פון די „7 געהאָנגענע“ . . . ...... 200

אַ מונקאַטשער חסיד וויל נישט זען אַ יידישן דבר־אחר אויף דער בינע . . . ...... 202

דער פאָרהאַנג איז געפאַלן . . . ...... 203

עפּילאָג ...... 207

# אינהאַלט:

## די געשיכטע פון אַ דערפּאַלג


| | זייט |
|---|---|
| „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע“ ...... | 211 |
| נאָכוואָרט ...... | 229 |
| טייטש־צעטל ...... | 231 |

פאָטאָגראַפיעס אויף זייטן: 41, 98, 149, 203 204, 205, 212, 222, 224, 227

# פראָלאָג

## צו ש. י. האַרענדאָרף־דאָרפזאָנ׳ס טעאַטער־בוך

די גאַנצע וועלט ווייס, אַז דאָס עצם וואָרט „טעאַטער“ איז מלידה ומבטן גריכיש. פּאַסט עס זיך, ווען מען ווערט אויפגערופן צו מאַכן אַ קורצן אַריינפיר צו אַן ענין, וואָס איז דורך און דורך טעאַטראַליש, אַז אויך די דאָזיקע פאַרבאַמערקונגען זאָלן טראָגן אַ קעפּל אינעם עכטן סטיל פון אַלט־יון.

זאָל עס טאַקע באמת זיין ניט סתם אַ „פאָר־וואָרט“, נייערט דווקא און גראָד, ווי ס׳איז זיין טייטש אויף גריכיש, אַ מין „פּראָ־לאָג“, עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין פולן הסכם מיט די אַלט־אָנגענומענע הלכות טעאַטער. לויט אָט די דינים האָט דער בעל־הפּראָלאָג, נאָך איידער דער פאָרהאַנג טוט זיך אַ הויב, מסביר צו זיין דעם עולם בתכלית הקיצור וועגן וואָס עס וועט זיך דאָ באַלד אויף דער בינע שפּילן און וועמען מען האָט דאָס שפּיל צו פאַרדאַנקען.

אין אונזער פאַל איז דאָס בעסטע אָנצוהויבן ניט מיטן אינהאַלט פון בוך, וואָס וועט זיך גלייך אַן עפן טון פאַרן לייענער, נאָר מיטן מחבר גופא. דער טעם איז אַ פּשוט׳ער. ווען דער ליבער לייענער וועט דערגיין ביזן סאַמע סוף פון די „וואַנדערונגען“ — פון „פּראָלאָג“ ביז צום מחבר׳ס אייגענעם „נאָכוואָרט“ אָדער, ווידער אַמאָל אויף גריכיש גערעדט, צו זיין „עפּילאָג“ — וועט ער געוואָר ווערן, אַז דער נאָמען פון דעם הויפּט־העלד אין אָט דער אייגנאַרטיקער „פּיעסע“ איז ניט קיין אַנדערער ווי דער, וואָס שטייט אויפן שערבלאַט: שמואל יעקב האַרענדאָרף־דאָרפזאָן. ס׳איז די געשיכטע פון זיינע אייגענע אויסטערלישע מסעות מיט יידישע טעאַטער־חברות אויף רעדלעך; ס׳איז אַן אויספירלעכער באַריכט וועגן זיינע פערזענלעכע נאָענטע באַגעגענישן מיט אַ גרויסער צאָל יידישע שפּיל־מענער און שפּיל־פרויען אין משך פון כמעט אַ חצי־יובל יאָרן. ס׳איז אַ ברייט בילד פון יידיש לעבן אין כמה לענדער צונויפגעשטעלט פון פאַרביקע עפּיזאָדן און אַנעקדאָטן, אַזוי ווי ער, דער מחבר, האָט עס געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, פון זיין באַזונדערן קוקווינקל על־גבי און ביי „די ברעטער, וואָס באַדייטן די וועלט“, וואָס דאָס איז, לויט שילער׳ס באַוווסט וואָרט, די בינע, די סצענע, דער טעאַטער־קאַסטן אויף די כוואַליעס פונעם געוויינטלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן. קורץ גערעדט, דאָס בוך איז אַן אויסשניט פון אַ העכסט אינטערעסאַנטער אויטאָביאָגראַפיע. איז איידער מיר גייען זען די פאָרשטעלונג, וואָס דער אויטאָר פון דער דאָזי־

קער אויטאָביאָגראַפּיע „דערלאַנגט" אונז דעריין, דאַרף מען פאַרשטעלן פאַרן עולם אים אַליין.

אינעם גדר פון דער יידישער טעאַטער־וועלט איז ש. י. האַרענדאָרף, כדי עס צו זאָגן אין איין וואָרט, בבחינת „קעניג".

ווער עס האָט ווען געהערט וועגן דעם גיבור סיד כהן, וואָס האָט בעת דער לעצטער מלחמה מיט ליאַדע צען פינגער באַזיגט אַ גאַנצע מחנה איטאַ־ליענער און אַזוי אַרום דעראָבערט די אינזל לאַמפּעדוסע, וועט זיך תיכף כאַפּן וואָס איך מיין (און ווער ס'האָט ניט געהערט, וועט עס דערגיין אין לעצטן „אַקט" פון דער פאַרשטעלונג אין אונזער בוך גופא). אַקוראַט ווי דער יידישער בחור פון לאָנדאָנער ווייטשעפּל, האָט זוכה געווען צו ווערן „אַ קאַליף אויף אַ שעה", אַ „גיבור" אויף אַ רגע, און וואָס איז געוואָרן אַ דאַנק ש. י. האַרענדאָרף'ן, דעם אויטאָר פון דער פּיעסע „דער קעניג פון לאַמפּע־דוסע", אין דמיון פון פאָלק אַ יידישער „מלך", אַ לעבעדיקער סימבאָל פון יידישער זעלבשטענדיקייט — אַקוראַט אַזוי האָט דער אויטאָר גופא, טאַקע בפועל ממש אין איין שעה, דעראָבערט דעם יידישן טעאַטער־עולם. ניט ווילנ־דיק דערמאָנט מען זיך וואָס די גמרא זאָגט אין „עבודה זרה": „יש קונה עולמו בשעה אחת".

ס'איז נאָך פריש אין מיין זכרון, ווי אין רעכטן ברען פון דער מלחמה, האָבן לאָנדאָנער יידן — און ניט בלויז יידישע יידן, נאָר אויך אַזעלכע פאַר וועמען מאַמע־לשון איז שוין געוואָרן באָבע־ און אַפילו עלטער־באָבע־לשון — ניט געהאַט קיין אייליקערע זאַך צו טאָן ווי וואָס גיכער זיך צו באַקענען פּנים־אל־פּנים אין אונזער איסט־ענדער טעאַטער מיט דעם ניי־אויפגעקומענעם יידישן מלך ירום הודו. בעת מען לייענט אָבער ס'געהעריקע קאַפּיטל אין זיין באַשאַפעדס אויטאָביאָגראַפישן דין־וחשבון קומט עס אויס, לויט זיין נאַטיר־לעכער עניוות, אַז ער האָט אים באַשאַפן כמעט על־פּי צופאַל. פרעג איך אים אָפּ, מיניה וביה, פון אַן אַנדער קאַפּיטל אין זיין אייגענעם בוך.

דער לייענער וועט דאָ געפינען, אַז נאָך אין גאַר „יונגע יאָרן", אין דער צייט ניט פון דער צווייטער, נאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער שוין אַמאָל פּרובירט צו פאַרוואַנדלען אַ דראַמאַטישע סיטואַציע אין זיין רעאַלן אַרום אין אַ שטיק טעאַטער, אָדער גענויער אין אַ טעאַטער־שטיק. איז אים, הייסט עס, אויך אין יאָר 1943 בייגעשטאַנען ניט בלינדער צופאַל, נאָר זיין עכטער חוש פאַר טעאַטראַלישקייט, וואָס פאַרט זיך ביי אים אַזוי נאַטירלעך מיט אַ שטאַרקן טיף־יידישן חוש פאַר הומאָר.

אַ דאַנק די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכן: דער שטילער עניוות, דעם גע־

לאַסענעם הומאָר און דעם פיינעם געפיל פאַר׳ן טעאַטראַלישן עלעמענט אין רעאַלן לעבן, וואָס נאָר זייער זעלטן פאַרבינדן זיי זיך אינאיינעם אַזוי האַרמאָניש ווי ביי אונזער אויטאָר, איז ער געווען ווי געשאַפן דערצו צו ווערן אַ טרייער מיטפאָרער אין דער יידישלעכער טעאַטער־בויד פון דער צווישן־די־מלחמות־תקופה, און מער נאָך: עולה צו זיין צו דער מדרגה פון איר ליב־האַרציקן בעל־עגלה. דעריבער איז ער אויך אַן עדות, אויף וועמען מען וועט זיך קענען גוט פאַרלאָזן ווען עס וועט קומען צום שרייבן אַ פולע געשיכטע פון יידיש טעאַטער אין לעצטן דור.

אַז אַזאַ געשיכטע וועט מוזן ווערן אַ וואַגיק קאַפּיטל אין דער אַלגעמיינער יידישער קולטור־געשיכטע פון אונזער צייט, דרינגט ווידער אַמאָל אַרויס פון ש. י. האַרענדאָרף׳ס בוך.

ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן זיין קרובה׳שאַפט מיט אַ מאַסע יידישע שפּיל־לייט וויניקער, מער און העכסט באַגאַבטע. באַזונדערס מוז מען אָבער אונטערשטרייכן, אַז זייענדיק זייער גוטער ברודער און אַדמיניסטראַטיווער שפּייזער, איז אונזער „בעל־עגלה״ געוואָרן איינצייטיק זייער „קולטור־אַטאַשע״, זייער דיפּלאָמאַטישער פאַרטרעטער לגבי דער וועלט, דער יידישער און ניט־יידישער, מחוץ לטעאַטער. אין שייכות דערמיט טרעטן בולט אַרויס אין זיין בוך אַספּעקטן פון יידישן לעבן, וואָס וועגן זיי לאָזט זיך שווער ריידן אין משך פון אַ קורצער פּראָלאָג־צערעמאָניע און וואָס וועלן דאַרפן ברייטער אַרומגערעדט ווערן אין אויספירלעכע רעצענזיעס. דאָ וועט זיין גענוג בלויז מרמז צו זיין אויף די וויכטיקסטע טעמעס, וואָס שווימען אַרויף פון זיך אַליין.

די אינטערעסאַנטעסטע צווישן זיי איז, בלי שום ספק די פראַגע, צי זענען מיר — איך מיין, מיר אחינו־בני־ישראל בכלל — אַ טעאַטראַליש פאָלק, אָדער צי איז ניט אפשר דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער־לעבן פון די לעצטע פאָר דורות בלויז אַן „עפּיזאָד״, עלול צעברעקלט צו ווערן אין קליינע „מעשה׳־לעך״, ווי ס׳האָט זיי מיט אַזאַ ערלעכער כוונה אויסגעשאָטן פאַר אונזערע אויגן אין זיין בוך ש. י. האַרענדאָרף. בשעתו, וואָס דאָס איז צום טייל אונזער אויטאָר׳ס צייט, האָט יידיש טעאַטער אויסגעזען צו דערפילן אַ גרויסע שליחות, דהיינו: צו ווערן אַ בריק צווישן דער אַסימילירטער אינטעליגענץ און „עמך״, ווי דאָס איז צו זען פון דעם סיפור־המעשה׳לע בנוגע אַרטור שניצלער׳ן, דעם „פירשט״ פון דער דייטשער ליטעראַטור אין עסטרייך (זע קאַפּיטל „פאַרצייכע־נונגען״). בערך אין דער זעלבער צייט האָט יידיש טעאַטער געווירקט ווי אַ מאַגנעט אויף אַזאַ אָריגינעלע פּערזענלעכקייט ווי פראַנץ קאַפקאַ. איז עס געווען דער פועל־יוצא פון גאַנץ באַזונדערע קולטור־היסטאָרישע תנאָים, אָדער ליגט עס אין דעם מהות פון אונזער טעאַטער „צו שפּילן די ראָלע״ פון אַן אמונה־סוראָגאַט?

דערמיט ווערט אָנגערירט אַ טעמע, וואָס שלענגלט זיך דורך אַ גאַנצע ריי פון אונזער אויטאָר'ס אַנעקדאָטישע „עפּיזאָדן און מעשה'לעך". ס'טרעפט זיך ביי אים, אַז די קלויז לייגט אַרויף אַ האַרבן איסור אויף טעאַטער, און פּלוצים גיט זי אים גאָר אַ הילכיקע ברכה, בעת דער אַנדערער, דער טעאַטער־צד, קומט אַמאָל אַליין אין אַ לאַגע צו „שפּילן" אמתע אמונה און עבודת־הבורא, אַפילו „בעיני הגויים". ס'איז טשיקאַווע, אויסטערליש — אַ טעמע פאַרן עכטן הומאָריסט, און פונדעסטוועגן פאַרבאַהאַלט זיך דערין אַ טיפער ערנסט.

דער עיקר העיקרים און דער צווייטער אמת'ער העלד אין האַרענדאָרף'ס אויטאָביאָגראַפישע מעשה'לעך איז „עמך", בכבודו ובעצמו. ס'איז ער, דער יידישער עולם, וואָס פלעגט אַמאָל זיין גנעדיק צו אונזער „בעל־עגלה'ס" און „קעניגס" קאַרעטע, און וואָס פלעגט אַן אַנדער מאָל בכלל ניט וועלן האָבן מיט איר קיין שום מגע־ומשא. וועט ער מיט זיין וואונדערלעכן אַריבערשפּרינגען איבער אַלע מחיצות צווישן טעאַטער און לעבן, נאָך ווען עס איז אַמאָל אויפ־שטיין תחית־המתים, כדי אַריינצוברענגען מער לעבן אין יידישן טעאַטער און מער שפּילעוודיקייט אין דאָס טאָג־טעגלעכע יידישע לעבן?

אין בוך גופא ווערט די דאָזיקע פראַגע קוים אָנגערירט. אָבער אַ שטילער אומעט לייגט זיך ווי אַ שאָטן נעבן ש. י. האַרענדאָרף'ס שטילן הומאָר און מאַכט אַלע זיינע באַשיידן דערציילטע מעשה'לעך נאָך בולט'ער, נאָך לעבע־דיקער, נאָך פאָלקסטימלעכער.

טאָ לאָמיר זאָגן אַ יישר־כוח דער גאַנצער בויד און ראשית־כל דעם, וואָס האָט זי אַראָפּגעבראַכט צו אונז אַהער. און גענוג גערעדט (ווי געטהע האָט געבאָטן) — געטאָן זאָל עס ווערן: ציט אַרויף דעם פאָרהאַנג!

לאָנדאָן, אלול תשי"ד. **אהרן שטיינבערג.**

# עטלעכע ווערטער

ס׳איז נישט מיין כוונה צו שרייבן די געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין עסטרייך, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיי, רומעניע און יוגאָסלאַוויען, איבער וועלכע לענדער און שטעט איך האָב דורכגעשפּאַנט מיט פאַרשיידענע יידישע טעאַטער־טרופּעס.

אין מיין זכרון האָבן זיך איינגעקריצט אַן אַ שיעור מעשה׳לעך, עפּיזאָדן און טשיקאַווע פּאַסירונגען וואָס בעטן זיך דערציילט צו ווערן, ווייל זיי באַלויכטן אַ ביז־גאָר אינטערעסאַנטע תקופה פון דעם אַמאָליקן יידישן טעאַטער אין די דערמאָנטע לענדער וואָס זיינען, ביז צום היטלערישן חורבן, געווען וויכטיקע פּאָזיציעס פון אונזער טעאַטער־קולטור.

הגם דער שרייבער פון די שורות איז קיינמאָל נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, האָב איך אָבער אָנגעהאַלטן אַ יאָרן־לאַנגע פאַרבינדונג מיטן יידישן טעאַטער אין די דאָזיקע לענדער. איך בין אַ צייט־לאַנג געווען אַ סופליאָר, שפּעטער אַן אימפּרעסאַריאָ פון אַ ריי יידישע וואַנדער־טרופּעס און אין די לעצטע יאָרן אויך אַ שותף צו אַ יידיש טעאַטער אין ווין.

בעת איך מאַך איצט אַ שטיקל סך־הכל פון יענע גוטע, גליקלעכע צייטן, ווען ס׳האָט נאָך עקזיסטירט אַ „יידישע וועלט״, וועמעס מיליאָנען אויסגעקוילעטע יידן זיינען געווען געטרייע לייענער און קאָנסומענטן פון אַ יידישער צייטונג און פון יידישן בוך, אָפּגערעדט שוין פון אַ יידישער טעאַטער־פאָרשטעלונג, דערוועקט זיך, נישט ווילנדיק, די אָנגעווייטיקטע פראַגע: „צי וועלן די מעשה׳לעך, וואָס איך גיי דאָ דערציילן, נישט זיין די לעצטע פון אַ טראַגיש־אָפּגעשלאָסענער תקופה?״

אין משך פון די צען יאָר (פון 1921 ביז 1931), ווען איך בין — מיט געוויסע הפסקות, — געווען אַ מיטוואַנדערער מיט די פאַרשיידנסטע „בלאָנדזשענדע שטערנס״, מוז איך מודה זיין, אַז די דאָזיקע צייט איז געווען די שענסטע אין מיין לעבן. די צען יאָריקע וואַנדערונג האָט מיר געדינט אַלס אַ מין אוניווערזיטעט, פון וואַנען איך האָב געשעפּט און געזאַמלט גאָר אַ סך לעבנס־דערפאַרונגען, וואָס זיינען מיר שפּעטער שטאַרק צונוץ געקומען, הגם שוין נישט מער דירעקט פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער.

אין אַ הונדערט יאָר אַרום, ווען איך וועל קומען אויפ׳ן עולם־האמת און מען וועט, פאַר עפּעס אַ זכות, מיך מכבד זיין אויפצושטיין תחית־המתים, שטעלן די פראַגע, אויב איך וויל ווידער ווערן אַ נע־ונד׳ניק מיטן יידישן טעאַטער, וועל איך, אָן שום באַדינגונגען, ענטפערן מיט אַ „יאָ״!

די פראַגע אָבער איז, צי ס׳וועט דעמאָלט, — אין הונדערט יאָר אַרום — נאָך עקזיסטירן אַ יידיש טעאַטער . . .

די מעשה׳לעך און עפּיזאָדן, וואָס וועלן דערציילט ווערן אין די קומענ־דיקע קאַפּיטלעך, זיינען אויטענטישע פּאַסירונגען. איך פאַרוף מיך אין מיין אַרבעט אויף פאַרשיידענע יידישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע, אַרגענטינע, מדינת ישראל, ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען געווען פּערזענ־לעכע עדות פון די דאָזיקע, טשיקאַווע געשעענישן.

דער מחבר.

# יונגע יאָרן

# מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט די „בלאַנדזשענדע שטערן״ פון יידישן טעאַטער

אין זומער, 1915, ווען די דייטשע און עסטרייכישע אַרמייען האָבן דעראָבערט פּוילן און דאָס לאַנד איז איינגעטיילט געוואָרן אין צוויי אָקופּאַציע־זאָנעס, אַ דייטשע און אַ עסטרייכישע, האָבן די עסטרייכער גע׳מושל׳ט איבער אַ באַדייטנדיקן טייל פון פּוילן, איינגעשלאָסן די שטאָט קעלץ, ווו ס׳האָט דעמאָלט געוווינט דער שרייבער פון די שורות. אין זומער פון דעם באַטרעפנדיקן יאָר, האָט אַ יידישע טעאַטער־טרופּע פון לובלין, אונטער די אָנפירונג פון דעם „דירעקטאָר, רעזשיסאר און אַקטיאָר״, ש. הערשקאָוויטש, זיך באַוויזן אין אונזער שטאָט און געגעבן אַ צאָל פאָרשטעלונגען אין דעם שטאָטישן „טעאַטער־פּאָלסקי״.

די ערשטע יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס איך האָב געזען אין מיין לעבן, איז געווען „שולמית״ פון אברהם גאָלדפאַדן, וועלכע האָט אויף מיר געמאַכט אַ גאָר־שטאַרקן איינדרוק. ווי יונג איך בין געווען דעמאָלט, האָב איך שוין געהאַט פאַרשלונגען אַ סך ביכער. געווען באַהאַוונט מיט די ווערק פון אונזערע קלאַסיקער, און מיט די שאַפונגען פון אַ גאָר־גרויסע צאָל יידישע שרייבער, דיכטער און פּובליציסטן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אין די וואַרשעווער טעגלעכע צייטונגען און זשורנאַלן. איך האָב שוין אויך געוווסט, אַז אברהם גאָלדפאַדן ווערט באַצייכנט אַלס דער „פאָטער״, און יעקב גאָרדין, אַלס דער „רעפאָרמאַטאָר״ פון יידישן טעאַטער. אָבער אַ גאָר־שטאַרקן איינדרוק האָבן געמאַכט אויף מיר די דראַמאַטישע שאַפונגען פון פּרץ הירשביין און א. וויטער, וועלכע איך האָב געלייענט מיט גרויס התמדה.

איך בין געווען גאָר־יונג, קוים 15 יאָר אַלט, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו „זינדיקן״ מיט דער פּען. מיינע ערשטע דילעטאַנטישע „שאַפונגען״ האָב איך געוויזן מיין בן־עיר, פּ. בימקא, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ דערפאָלגרייכער שרייבער און דראַמאַטורג, און ער האָט מיר געגעבן די געהעריקע אָנווייזונגען, ווי־אַזוי צו שרייבן און מיך דערמוטיקט אין מיינע שרייבערישע תשוקות. היות ווי פּ. בימקא איז געווען גוט־ברידעריש אויסגעקאָכט מיט די אַקטיאָרן פון דער לובלינער טעאַטער־טרופּע, וואָס איז געקומען גאַסטראָלירן אין קעלץ, האָט ער מיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט, און איך בין געוואָרן אַ „היימישער״ אין זייערע גאַרדעראָבעס און אונטער דער בינע.

אָט די ערשטע באַגעגעניש מיט די „בלאָנדזשענדע שטערנס״ פון יידישן טעאַטער, איז שפּעטער געוואָרן אַ וויכטיקער ווענד־פּונקט אין מיין לעבן.

אין דער דאָזיקער טרופּע איז געווען אַן אַקטיאָר, וועלכער האָט זיך גערופן אַדלער. אויב דאָס איז געווען זיין ריכטיקער פאַמיליע־נאָמען, אָדער ער האָט זיין גאָר־שוואַכן טאַלאַנט געוואָלט „דעקן״ מיט דעם נאָמען פון דעם באַרימטן

יעקב פּ. אַדלער, און מיט די נעמען פון די אַנדערע טאַלענטירטע אַקטיאָרישע „אַדלערס“, איז שווער צו זאָגן. אָט דער אַדלער פון דער הערשקאָוויטש־טרופּע, האָט מיך אָנגעהויבן צו באַשיטן מיט שבחים, אַז לויט אַ „שאַפונג“, וואָס איך האָב אים געגעבן צו לייענען, בין איך אַ „גרויסער ליטעראַרישער טאַלאַנט“ און ער ראָט מיר אָנצושרייבן אַ פּיעסע, וועלכע ער וועט זיך באַמיען אויפצופירן אין דער „הערשקאָוויטש טרופּע“. אָבער איידער איך וועל מיך נעמען צו דער מלאכה אָנצושרייבן די פּיעסע, האָט ער צו מיר אַ גאָר־גרויסע בקשה: „איך זאָל אים אויסבאָרגן מיין זייגער (וועלכער האָט נישט געהערט צו מיר, נאָר מיינעם אַן עלטערן ברודער), ווייל זיין זייגער איז פּלוצים געוואָרן אַ חולה און ער האָט אים געגעבן פאַרריכטן צו אַ זייגער־מאַכער“.

איך האָב געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, וואָס אַ יידישער אַקטיאָר באָרגט זיך אויס ביי מיר אַ זייגער, בפרט נאָך, ווען ער נייטיקט זיך אין דער כלי פאַר אַ פּיעסע, אין וועלכער ער טרעט אויף. אין מיין יונגער אומדערפאַרנקייט האָב איך אויף אַן אמת געגלויבט, אַז איך האָב מיט דעם זייגער מתקן געווען אַ גאָר־גרויסע זאַך לטובת דעם יידישן טעאַטער.

ווען עס זיינען פאַרגאַנגען איניקע טעג און מיין ברודער האָט צוריק פאַרלאַנגט דעם זייגער, האָב איך אַ פאַרשעמטער, און מיט אַ נישט דרייסטן קול געבעטן ביי אַדלערן, אַז ער זאָל מיר אָפּגעבן די כלי. אָבער אַדלער האָט זיך געמאַכט כלא־יודע און געענטפערט, אַז איך האָב אים דעם זייגער נישט געבאָרגט, נאָר געגעבן כמו מתנה, אַלס אַן אַנערקענונג פאַר זיין גרויסן, אַקטיאָרישן טאַלאַנט. דער דאָזיקער אַקטיאָרשטשיק האָט אַפילו געוואַגט מיר צו געבן אַ „מאָראַלישע לעקציע“, אַז ס'פּאַסט נישט פאַר אַן אינטעליגענטן בחור'ל, וואָס איז באַלאָדן מיט אַ „גרויסן ליטעראַרישן טאַלאַנט“, זאָל צוריק פאַרלאַנגען אַ געשענק, וואָס איך האָב געגעבן צו אַ יידישן קינסטלער!

ווען ס'זיינען אָנאָנסירט געוואָרן די לעצטע פאָרשטעלונגען פון דער „הערשקאָוויטש־טרופּע“ און איך האָב נאָך אַלץ נישט געהאַט דעם זייגער, בין איך, אין מיין גרויסער פאַרצווייפלונג, געקומען אין דעם קליינעם האָטעלכל וווּ ס'האָט געהויזט די חברה אַקטיאָרן און האָב, מיט טרערן אין די אויגן, דערציילט פאַר דעם דירעקטאָר הערשקאָוויטש די מעשה מיטן זייגער.

ווען הערשקאָוויטש און די מיטגלידער פון דער טרופּע האָבן דערהערט פון דער מיאוס'ער געשיכטע, האָבן זיי אויפגעפאָדערט אַדלער'ן, אַז ער זאָל מיר צוריקגעבן דעם זייגער. צו מיין גרויסער דערשטוינונג, האָט דער חברה־מאַן אָנגעהויבן לייקענען שטיין און ביין, אַז ער האָט ביי מיר נישט אויסגעבאָרגט קיין שום זייגער; אַז איך האָב אויף אים אויסגעטראַכט אַ שקר־בלבול צוליב נקמה, באשר ער האָלט נישט פון מיין „ליטעראַרישן טאַלאַנט“, וכדומה.

איינע פון די אַנוועזנדיקע אַקטריסעס, וועלכע איז, אפנים, געווען באַהאַוונט אין די שווינדלערישע מעשים־טובים פון אַדלער'ן, האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט איך, נאָר איר קאָלעגע איז דער שקרן, און זי האָט אים אָנגעמאָסטן

אַ מתנת־יד אויף זיינעביידע באַקן. ערשט דאַן, האָט אַדלער אַ באַ׳חרפה׳טער אַרויסגענומען דעם זייגער פון זיין באַהעלטעניש . . .

די אַקטיאָרן באַטראַכטן דעם זייגער און צעלאַכן זיך שטאַרק . . .

— געמיינט, — זאָגט דער דירעקטאָר הערשקאָוויטש צו אַדלער׳ן — אַז ס׳איז כאַטש אַ גאָלדענעם כלי, מילא; אָבער צונעמען ביי אַ „וויטשאַק״ אַ פשוט׳ן „ציבעלע־זייגער״, וואָס האָט דעם ווערט פון „חי־פּראַל״, דאָס איז מעשה־לאַטעק . . .

— בחור׳ל — האָט צו מיר אַ זאָג געטון די אַקטריסע, וואָס האָט אַדלער׳ן מכבד געווען מיט דער מתנה אויף זיינע באַקן, — נעם דעם זייגער און ווער אַ „האָז״ ! — — — — —

## א פורים־פארשטעלונג אין די טיראלער בערג

אין דעצעמבער, 1915, ווען די מלחמה האָט געבושעוועט אויף אַלע פראָנטן, האָט די עסטרייכישע אָקופּאַציע־מאַכט אין פּוילן אָנגעהויבן צו מאָביליזירן אַרבעטער, וועלכע זאָלן געשיקט ווערן קיין טיראָל, כדי דאָרט אויפצובויען אַן אייזנבאַן־ליניע, וואָס זאָל דורכשניידן די הויכע, אומהיימלעכע בערג, וועלכע גרענעצן זיך מיט איטאַליע. די אייזנבאַן האָט זיך געזאָלט ציען פון עסטרייכיש־טיראָל, אָנהויבנדיק ביי דער שטאָט באָצען, דורך קאַלטענבראון, ביז קאַוועלעזיע, וואָס איז געלעגן האַרט נעבן דער גרענעץ פון איטאַליעניש־טיראָל, וו ס׳זיינען פאָרגעקומען פאַרביטערטע קאַמפן, באַקאַנט אַלס די „איזאָנצא־שלאַכטן״.

אין לובלין, ראַדאָם, קעלץ און אין צענדליק אַנדערע שטעט און שטעט־לעך פונם עסטרייכישן אָקופּאַציע־געביט, זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן ספּע־ציעלע ווערבירונגס־ביוראָס אין וועלכע ס׳האָבן זיך פאַרשריבן טויזנטער יונגע, אַרבעטס־פייאיקע יידישע בחורים און געזונטע שקצים, וועלכע האָבן גע׳חתמ׳עט קאָנטראַקטן, אַז זיי זיינען זיך מתחייב אויף אַ יאָר צייט צו פאָרן קיין טיראָל אויף אַרבעט.

היות ווי די עקאָנאָמישע לאַגע איז אין מיין היים געווען אַ ביטערע און דער דלות האָט אַרויסגעשיינט פון אַלע ווינקעלעך, האָב איך געוואָלט מיך פאַרשרייבן צו פאָרן קיין טיראָל אויף אַרבעט. אָבער איך בין דעמאָלט נאָך נישט געווען 18 יאָר אַלט און מען האָט נישט געוואָלט מיך רעגיסטרירן. אין עטלעכע טעג אַרום בין איך ווידער געקומען אין דעם רעגיסטראַציע־ביוראָ, אָנגעטון אין פוילערישע בגדים, מיט אַ ווינטערדיקער קוטשמע אויפ׳ן קאָפּ, וואָס האָט פאַרדעקט מיינע אויערן. כדי איך זאָל אויסזען אַביסל עלטער, האָב

איך איינגעריסט מיין פּנים און אָנגעגעבן מיין עלטער מיט צוויי יאָר מער. דאָס מאָל האָב איך יאָ „מצליח" געווען און מען האָט מיך אָקצעפּטירט.

לעולם, האָב איך געהאַט אַ גאַר אַנדערע כוונה, ווי צו פאָרן קיין טיראָל. אין ווין האָט דעמאָלט געוווינט מיין עלטסטער ברודער, וועלכער איז געווען אַ חזן אין אַ דאָרטיקער סינאַגאָגע. איך האָב געוווּסט, אַז די נסיעה קיין טיראָל גייט דורך ווין. האָב איך מיר געמאַכט אַזאַ מין פּלאַן: ווען דער צוג, וואָס וועט פירן דעם טראַנספּאָרט מיט די אַרבעטער וועט אָנקומען קיין ווין, וועל איך מאַכן אַ „ויברח" און מיך פאַראייניקן מיט מיין ברודער, וועלכן איך האָב אַפילו נישט געקענט פּערזענלעך, ווייל ווען ער איז, צוליב׳ן „פּריזיוו", אין יאָר 1904, אַנטלאָפן קיין ווין, בין איך געווען אַ קינד.

אין אַ פאַרטאָגס, פון אַ ביטער־קאַלטן דעצעמבער־טאָג, האָט אונזער טראַנספּאָרט, וואָס האָט געפירט אַרום זעקס הונדערט אַרבעטער, אָנגעלאָדן אין געפרוירענע לאַסט־וואַגאָנען, זיך דערשלעפּט קיין ווין. אויפ׳ן ווינער וואָקזאַל, זיינען די וואַגאָנען אין וועלכע מיר האָבן זיך געפונען, פאַררוקט געוואָרן אויף זייטיקע שינעס און די שמירה אַרום אונז איז פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט אַ מחנה זשאַנדאַרן און סאָלדאַטן, מיט אויפגעשפּיזטע באַגנעטן, כדי מיר זאָלן נישט אַנטלויפן.

פון מיין געפּלאַנטן „ויברח" איז גאָרנישט געוואָרן.

נאָך עטלעכע טעג וואַגלען אין די קאַלטע, שמוציקע לאַסט־וואַגאָנען, וואָס זיינען אין משך פון דער לאַנגער רייזע געווען הערמעטיש פאַרמאַכט, האָבן מיר זיך דערשלעפּט קיין באָצען. פון דאָרט האָט מען אונז, גרופּענווייז, אונטער די באַגלייטונג פון מיליטערישע וואַכן, געטריבן צו־פוס איבער די פאַרשנייטע בערגיקע וועגן און שטעגן, ביז מיר האָבן דערגרייכט צו דעם בערג־פּונקט, וואָס האָט געהייסן קאַלטענברון. דאָס איז געווען אַ חצי־דערפל און אַ חצי־שטעטל, וועמענס איינוווינער זיינען געווען ס׳רוב איטאַליענער.

אין שכנות פון דעם ישוב זיינען געווען אויפגעשטעלט אַ גרעסערע צאָל הילצערנע באַראַקן, וווּ מ׳האָט איינקוואַרטירט די טראַנספּאָרטן מיט אַרבע־טער. די קעלט איז געווען אַ פּחד׳יקע און דער הונגער האָט אונז שטאַרק גע־מאַטערט. נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, האָבן מיר מידע און אַנטוישטע פון די געגעבענע הבטחות אין קעלץ וועגן די גאָלדענע גליקן, וואָס וואַרטן אויף אונז אין טיראָל, זיך אומגעקערט אין די קאַלטע, נישט גע־הייצטע באַראַקן, וואָס זיינען געווען פאַרשאָטן מיט שניי און מיט פּראָסטיקע אייז־קריעס. מיר זיינען געשלאָפן אין אונזערע, מיט דער צייט אָפּגעשליסנע מלבושים, כדי מיר זאָלן נישט געפרוירן ווערן פון דער ביטערער קעלט, וואָס איז ספּעציעל אין יענעם ווינטער געווען אַ מורא׳דיקע.

מיט טעכניש פרימיטיווע מכשירים, האָבן מיר געגראָבן אָקאָפּעס און אויסגעגליכן וועגן; אונטערגעהאַקט טיפע, אוראַלטע שטאַם־בוימער און גע־לייגט שינעס פאַר דער אייזנבאַן, כדי די עסטרייכישע מיליטערישע טראַנס־

פאַרטן זאָלן פאַר דער געפירטער מלחמה קעגן די איטאַליענער, נישט געשלעפּט ווערן פון פערד און אָקסן אויף די שלעכטע שאָסייען און פּרימיטיווע וועגן.

* * *

ווען ס'האָט זיך דערנענטערט צו פּורים און דאָס וועטער האָט אָנגעהויבן ווערן אַביסל מילדער, האָבן מיר ביסלעכווייז פאַרגעסן אין די שווערע ווינטער־חדשים, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק דערקוטשעט אונזערע ביטערע טעג און נעכט. מיינע קעלצער לאַנדסלייט זיינען צו מיר צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל אָנשרייבן עפּעס אַ „זאַך", וואָס זאָל אויפגעפירט ווערן לכבוד פּורים.

אין משך פון עטלעכע אָוונטן האָב איך אָנגעשריבן אַן איינאַקטער, וואָס האָט געהייסן „נאָענט צו גאָט". די האַנדלונג פון דעם איינאַקטער איז געווען אַ רמז אויף די הויכע, טיראָלער בערג, ווו מיר ווערן פאַרשקלאַפּט אַלס אַזוי־גערופענע „פרייוויליקע אַרבעטער". (אַזוי האָבן געלויטעט די קאָנטראַקטן, וועלכע מיר האָבן גע'חתמ'עט, אַז מיר פאָרן אַרבעטן קיין טיראָל אַלס „פריי־וויליקע"). דער איינאַקטער האָט אויך באַהאַנדלט פאַרשיידנע טראַגישע און קאָמישע מאָמענטן פון אונזער לעבן אין די טיראָלער בערג.

אונזער הויפּט־אויפזעער איז געווען אַ טיראָלער דייטש, שמידט האָט ער געהייסן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער רשע און אַ סאַדיסט. ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין שרייען און זיך באַ'נחת'ט, ווען ער האָט איינעם פון אונז געקאָנט שלעכטס טאָן.

אָט דעם רשע שמידט, האָב איך אַריינגענומען אַלס אַ „העלד" אין דעם איינאַקטער און אים אַ נאָמען געגעבן „המן שמידט".

אין אָוונט פון דער פּורים־פאַרשטעלונג איז דער באַראַק, אין וועלכן מיר האָבן געוווינט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „טעאַטער", מיט אַ אימפּראָוויזיר־טער בינע און מיט פּרימיטיוו־געמאָלענע דעקאָראַציעס. הונדערטער יידישע אַרבעטער, פון די נאָענטע און פון די גאָר־ווייטע ישובים ווו זיי האָבן געוווינט און געאַרבעט, זיינען געקומען צו דער פאַרשטעלונג, כדי דעם פּורים'דיקן אָוונט צו פאַרברענגען אין אַ היימישער סביבה.

אין מיטן פון דער פאַרשטעלונג, ווען די אַמאַטאָרן זיינען געווען אויף דער בינע, איז אין דעם באַראַק אַנטשטאַנען אַ בהלה.

אונזער הויפּט־אויפזעער, „המן שמידט", איז געקומען!

ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אימיצער פון אונזערע מיטבאַוווינער אין באַראַק, צווישן וועלכע ס'זיינען אויך געווען פאַליאַקן, האָבן צוגעטראָגן שמידט'ן אַ מסירה'לע, אַז ער פיגורירט אַלס אַ „העלד" אין אַ פּיעסע, וואָס ווערט אויפגעפירט לכבוד פּורים.

— ווער האָט געשריבן „דאָס טעאַטער־שטיק"? — האָט שמידט געשריען מיט באַנומענע קולות, — ווער וואַגט פון מיר חוזק צו מאַכן?!

אין באַראַק האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. קיינער האָט צוליב פּחד נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, דאָס האָט נאָך מער דער׳צאָרנ׳ט אונזער אויפ־זעער. ער איז אַרויף אויף דער בינע און אָנגעהויבן צו פאָכן מיט זיין גראָבן שטעקן, אַז אויב מען וועט אים נישט אויסזאָגן דעם נאָמען פונם מחבר, וועט ער אין אונז אַלעמען זיך ביטער נוקם־ונוטר זיין ; ער וועט אונז באַהאַנדלען מיט דער זעלביקער שטרענגקייט, ווי עס ווערן באַהאַנדלט די צענדליק טויזנטער רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן געטאָן ביטערע שקלאַפן־אַרבעט, און פאַר זייער פּראַצע האָבן זיי באַקומען פּשוטע הונגער־פּאַרציעס! הונדערטער פון זיי זיינען טאָג־טעגלעך, מחמת נויט און פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן, געפאַלן ווי די פליגן.

—איך בין דער מחבר פון דעם איינאַקטער — בין איך אַרויס מיט לשון.

— איך האָב אָרגאַניזירט די פאָרשטעלונג און איך טראָג די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דעם אָוונט.

— דו ? — ליאַרמט שמידט פאַר כעס. — דו ביזט דאָס דער בונטאָווטשיק קעגן מיר ! איך וועל דיך שיקן צו אַ מיליטערישן קריגס־געריכט און דו וועסט קריגן טויט־שטראָף ! דו האָסט באַליידיקט דיין הויפּט־אויפזעער, וועלכער איז, לויט׳ן ראַנג, אַ מאַיאָר אין דער עסטרייכישער אַרמיי. איך וועל דיר שוין ווייזן, וואָס עס הייסט אָפּצו׳חוזק׳ן פון עסטרייך ! ס׳איז מלחמה, פאַרשטייסט ?

שמידט פאָדערט פון מיר דעם מאַנוסקריפּט, אַלס אַן „אַליבי״. אָבער אימיצער פון די אַמאַטאָרן, וואָס האָט מיטגעשפּילט אין דעם איינאַקטער, האָט אים באַהאַלטן.

דער סוף פון דעם אינצידענט איז געווען אַזאַ :

ווען „המן שמידט״ האָט פאַרלאָזן אונזער באַראַק, האָבן אים, אין דעם שטאָק־פינסטערן דרויסן, אָפּגעוואַרט עטלעכע קעלצער „יאַטן״ און אים גע־מאַכט די אָמת׳ע „משכנתא״. כדי ער זאָל נישט קענען שרייען נאָך הילף, האָבן זיי אים דעם פּיסק פאַרשטאָפּט מיט אַ שמאַטע און מקיים פּסק־געווען, ביז צו באַוווסטלאָזיקייט ! שמידט האָט זיך געבעטן רחמים און געשווירן ביי אַלע הייליקע, אַז ער וועט מיך נישט טשעפּן מיט קיין קריגס־געריכט און נית מאַכן קיין שום געברויך פון דער מעשה־נוראָ.

ווען חברה איז צוריקגעקומען אין באַראַק פון דעם שטיקל „אַרבעט״, האָט מען אין אַ פריילעכער שטימונג פאַרענדיקט די פּורים־פאָרשטעלונג און געזונגען הויך אויפ׳ן קול „שושנת־יעקב״ . . .

שמידט האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט, און מיך נישט פאַר׳סליחה׳נט צו די מיליטערישע אויטאָריטעטן. פאַרקערט : דער ערל איז געוואָרן צו מיר ווייך ווי פּוטער און מיך באַהאַנדלט מיט יושר און דרך־ארץ. אפנים, אַז ער האָט זיך פּשוט געשעמט מודיע צו זיין פאַר דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג, אַז ער, דער מעכטיקער אויפזעער, וואָס איז דער הערשער איבער טויזנטער אַרבעטער, איז גע׳מקל׳ט געוואָרן פון יידן . . .

איינקע וואָכן נאָך דעם פאַרגעקומענעם פורים־אינצידענט, האָט שמידט מיר געגעבן אַ לייכטערע באַשעפטיקונג, אַלס אַן אויפזעער איבער דעם באַראַק ווו מיר האָבן געוווינט, און ער האָט פאַר מיר באַשטימט בעסערע מאכלים.

כדי אינגאַנצן פטור צו ווערן פון מיר, האָט ער אויסגעווירקט, אַז מיין אַרבעטס־קאָנטראַקט זאָל אַנולירט ווערן, און אַנשטאָט צו זיין אין טיראָל אַ יאָר, בין איך דעם ביטערן גלות אָפּגעקומען מיט בלויז זיבן חדשים.

---

## איך ווער א „בראַוואָ״־פּאַטשער און פּראַווע תעניתים

אין חודש יוני, 1916, צוריק פאַרנדיק פון טיראָל קיין קעלץ דורך ווין, האָב איך באַשלאָסן, אונטער אַלע אומשטענדן, צו פאַרבלייבן אין דער הויפּט־שטאָט פון דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע.

הגם איך האָב דעמאָלט מיך נאָך נישט אינטערעסירט מיט פּאָליטיק האָט אַפילו אַ חדר־ייִנגל תופס געווען, אַז פון דער קינסטלעך צענויפגעשטעלטער פּאַסאַדע, אויף וועלכער ס'האָט זיך אָנגעשפּאַרט די קיסר'לעך־קעניגלעכע מאָנאַרכיע, הויבן אָן צו פאַלן שטיקער און דער בנין וועט סוף־כל־סוף איינפאַלן ווי אַ קאָרטן־הייזל. דער הונגער און די ביטערע אומצופרידנקייט פון דער באַפעלקערונג איז געווען אַ בולט'ע, אַ שרייענדיקע! עס פלעגן פאָרקומען סטרייקן און דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם זינלאָזן בלוט־פאַרגיסן אויף די מלחמה־פראָנטן. די ברייטע פאָלקס־שיכטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז עסטרייך האָט במילא שוין פאַרלוירן די מלחמה. טאָ הלמאי נאָך פאַרזעצן די שחיטה?

נישט געקוקט אויף דער מלחמה, זיינען די ווינער טעאַטערס, קינאָס, קאָנצערט־הייזער און אַנדערע פאַרוויילונגס־פּלעצער געווען איבערפולט. די באַפעלקערונג האָט געוואָלט אויף אַ פּאָר שעה פאַרגעסן אין דער מיזערע, וואָס הייסט „מלחמה״, פאַרבונדן מיט נויט; צו זיצן אין די נישט־געהייצטע וווינונגען און צו שטיין שעה'ן־לאַנג אין דער ריי פאַר די לעבנסמיטל־געשעפטן, כדי באַגליקט צו ווערן מיט אַ פּאָר פאַרפרוירענע קאַרטאָפל; מיט אַ שטיקל ציבעלע, אָדער מיט אַ פאַרפוילטן עפּל. דעריבער איז מען געלאָפן אין די טעאַטערס, קינאָס און צו די קאָנצערטן, ווו ס'איז געווען אַ ביסל וואַרעם און ליכטיק און די פינצטערע פּנים'ער פון די מרה־שחורה'דיקע אַרבעטער, בעאַמטע און אָנגעשטעלטע, פלעגן אויפגעלויכטן ווערן פון אַ גוטער פאָרשטעלונג אין טעאַטער, אָדער פון אַ פיינעם סימפאָנישן קאָנצערט.

ווען איך בין געקומען קיין ווין, איז די שטאָט געגאַנגען כאַדראַם צוליב אַ נייער אָפּערעטע, די „טשאַרדאַש־פירשטין״, וואָס איז געשפּילט געוואָרן מיט אַ אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. די מוזיק צו דער וועלט־באַרימט געוואָרענער אָפּערעטע, האָט געשריבן דער ייִדיש־אונגאַרישער קאָמפּאָניסט, עמעריך קאַלמאַן, וועמענס מוזיקאַלישע אינסטרומענטאַציע איז דעמאָלט געווען אַ נייער אויפטו, און איז שפּעטער אַדאַפּטירט געוואָרן אויך פון אַנדערע קאָמפּאָניסטן.

דער ממש פאַנטאַסטישער דערפאָלג פון דער „טשארדאש־פירשטין" איז געווען ניט אין דער סיפור־המעשה פון דער פיעסע, נאָר צוליב די, ס'ווילט זיך זאָגן, „צוקער־זיסע" מעלאָדיעס און ראָמאַנטישע געזאַנגען פון דער אונגאַריש־ציגיינערישער מוזיק, וואָס האָט דעם צוהערער געפירט אין די עולמות אַריין.

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען שפילן די דאָזיקע פּראַכטיקע אָפּערעטע אין דעם רחבות'דיקן „טעאַטער אַן דער ווין", וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע בינע און איז געווען באַצירט מיט וווּנדער שיינע פאַרבן־רייכע דעקאָראַציעס; מיט אַ גרויסן כאָר פון גוטע, געשולטע זינגער; מיט אַ באַלעט פון וווּנדער שיינע מיידלעך, וואָס האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי מלאכים, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך זע דאָס אַלץ ווי אין אַ פאַנטאַסטישן חלום! דער גרויסער אנסאמבל איז באַשטאַנען פון גלענצנדיקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, מיט גוטע שטימעס, וועמענס געזאַנגען זיינען באַגלייט געוואָרן פון אַ גרויסן אָרקעסטער. ס'איז, בכן, נישט געווען קיין חידוש, וואָס די בילעטן צו די פאָרשטעלונגען פון דער „טשארדאש־פירשטין" זיינען געווען אויספאַרקויפט מיט חדשים פאָרויס.

טויזנטער סאָלדאַטן און סטודענטן, אַרבעטער און בעאַמטע, זיינען געשטאַנען שעה'ן־לאַנג אין דער ריי פאַרן טעאַטער, כדי באַגליקט צו ווערן מיט אַ בילעט, כאָטש אויף דער גאַלעריע! מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין צייט זיך צו שטעלן אין דער ריי, ווייל זיי זיינען געווען באַשעפטיקט, האָבן פאַר דעם צוועק געדונגען עלטערע מענער און פרויען, וועלכע האָבן פאַר דעם טעאַטער איבערגענעכטיקט אויף קאָלדרעס, אָדער אין מיליטערישע פעלד־בעטלעך, כדי צומאָרגנס אין דער פרי, ווען ס'עפנט זיך די קאַסע פון טעאַטער צו זיין פון די ערשטע, וואָס זאָלן זוכה זיין צו קויפן אַ בילעט אויף דער גאַלעריע פאַר דער אָוונט־פאָרשטעלונג.

אין דעם ווינער טעאַטער־וועלטל איז געווען אַ מנהג, דוכט זיך דער איינציקער פון דעם מין אויף דער גאָרער וועלט, אַז יעדעס טעאַטער, איינגעשלאָסן די באַרימטע ווינער אָפּערע, מיט דעם „טעאַטער אַן דער ווין", בתוכם, האָבן געהאַט אייגענע, אַזוי־גערופענע „קלאַקערס", כדי צו פּאַטשן „בראַוואָ" דעם אָנגעזעענסטן אַקטיאָר, אָדער אַקטריסע, וואָס דערשיינען אויף דער בינע, אין אַ דראַמע, אָפּערעטע, אָדער קאָמעדיע. די „בראַוואָ־פּאַטשערס" זיינען געווען אָרגאַניזירט און אַפילו געהאַט אַן אייגענעם פאַריין, כדי צו באַשיצן זייערע „פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן". דער ראש פון די „בראַוואָ־פּאַטשערס" איז געווען אַ באַצאָלטער אָנגעשטעלטער פון דעם באַטרעפנדן טעאַטער. אָבער די פשוטע „פּאַטשערס" האָבן נישט באַקומען קיין האָנאָראַר פאַר זייער טירחה. זייער באַלוינונג איז געווען — אַ אומזיסטיקער בילעט אין טעאַטער, אויף דער גאַלעריע. נישט יעדער האָט אָבער געהאַט די גרויסע זכיה, אָנגענומען צו ווערן אַלס אַ „קלאַקער". דער קאַנדידאַט האָט געמוזט האָבן צוויי פעסטע ידים, כדי ער זאָל „קלאַקן", דאָס הייסט פּאַטשן „בראַוואָ".

מיט כח און גבורה . . . דער „קלאַק“־שעף פלעגט געבן דעם סיגנאַל, ווען חברה זאָל פּאַטשן בראַוואָ. אָבער ער גופא איז געשטאַנען אויף דער שמירה און אַכטונג געגעבן אַז דאָס „פּאַטשן“ זאָל אויסגעפירט ווערן מיט אַלע פּיטשעווקעס, לויט זיינע אינסטרוקציעס. אויב אימיצער פון די „קלאַקערס“ האָט נישט אויסגעפירט די עבודה, האָט ער אים באַזייטיקט פון טעאַטער און זיין נאָמען איז פאַרצייכנט געוואָרן אויף דער „שוואַרצער ליסטע“. דאָס איז געווען אַזאַ מין הארבע שטראָף, כדי דער באַטרעפנדער זאָל מער נישט אויפגענומען ווערן אַלס אַ „קלאַקער“ אין קיין שום ווינער טעאַטער.

ווען איך האָב מיך דערוווסט, אַז ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו באַזוכן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אָן געלט און נישט מוזן שטיין אין דער ריי, כדי באַגליקט צו ווערן מיט אַ בילעט צו דער פאָרשטעלונג פון דער „טשאַרדאַש־פירשטין“, וועמענס האַרציקע מוזיק האָט עפּעס אַזוי מאָדנע אַפּעלירט צו מיין געמיט, בין איך געגאַנגען צו דעם „קלאַק־שעף“ פון „טעאַטער אַן דער וויך“ און אים אָנגעבאָטן מיין „בראַוואָ־פּאַטשעריי“. דער „קלאַק־שעף“, אַ הויכער, דיקער דייטש, וועלכער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ריז, האָט מיך באַטראַכט מיט אַ איראָנישן שמייכל און געענטפערט, אַז ער האָט איבער־גענוג „קלאַקערס“, הויכע, שטאַרקע און געזונטע יונגען, וועמענס „קלאַטשן“ איז אימשטאַנד אומצוואַרפן דאָס טעאַטער. דעריבער קאָן ער נישט אַקצעפּ־טירן מיין קאַנדידאַטור.

איך האָב נישט געוואָלט רעזיגנירן פון מיין אָנגעבאָט און איינגע'טענה'ט מיט דעם „קלאַק־שעף“, אַז איך פאַרמאָג אַ סך כח אין מיינע הענט און איך וועל פּאַטשן „בראַוואָ“ מיט גרויס געניטשאַפט. ווען מיינע בקשות האָבן נישט געהאָלפן, האָב איך אים אָנגעבאָטן ברויט מיט פּאַפּיראָסן, וואָס זיינען געווען ראַציאָנירט און די ביידע אַרטיקלען זיינען געווען טייערער פון געלט. אָט דער אָנגעבאָט האָט דעם „קלאַק־שעף“ געמאַכט ווייכער און ער האָט מיך אַקצעפּטירט אַלס אַ מיטגליד אין דער חברה „קלאַקערס“ . . .

די „טשאַרדאַש־פירשטין“ האָב איך געזען אפשר צען מאָל. אָבער פאַר יעדער פאָרשטעלונג האָב איך געמוזט באַצאָלן אַ צו־טייערן פּרייז: מיינע מאָגערע ברויט־ראַציעס פלעגט אויפפרעסן דער „קלאַק־שעף“ און איך האָב בוכשטעבלעך געהונגערט! ווען איך האָב געשפּירט, אַז מיינע כוחות פאַרלאָזן מיך און איך בין מער נישט בכוח צו געבן אַ געהעריקן פּאַטש מיט די הענט, האָב איך סוף־כל־סוף רעזיגנירט פון דער „פּראָפעסיע“, — אָבער נישט פון דער „טשאַרדאַש־פירשטין“. די באַטרעפנדע אָפּערעטע האָב איך, אין פאַרלויף פון די שפּעטערדיקע יאָרן, געזען אויפפירן אין די פאַרשיידנסטע לשונות און אין מערערע לענדער, איינגעשלאָסן אויך אין יידישן טעאַטער. אָבער קיין שום אויפפירונג האָט נישט פאַרמאָגט די זעלבע דינאַמיק און אַקטיאָרישע התלהבות ווי די, וואָס איך האָב געזען שפּילן אין דעם „טעאַטער אַן דער וויך“ אין יאָר 1916, — הגם איך האָב צוליב איר אַזוי ביטער געהונגערט . . .

# יידיש טעאַטער אין דער אמאַליקער, עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע

אין די יידישע ישובים פון דער סלאָוואַקיי, קאַרפּאַטאָרוס, טראַנסילוואַניען, קראָאַציען, באַטשקאַ, און באָסניען־הערצעגאָווינע (נעמען פון פּראָווינצן, וואָס ביז צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן געהערט צו עסטרייך־אונגאַרן) איז דאָס יידישע טעאַטער־געביט געווען רוי, נישט פאַרזייט מיט די געהעריקע זוימען, פון וועלכע עס זאָל אַרויסוואַקסן אַ יידישע טעאַטער־קולטור.

אין אָט די דאָזיקע פּראָווינצן האָבן אַמאָל געלעבט לערך אַ האַלבער מיליאָן ווילע, האַרציקע יידן, וואָס זיינען, על פי רוב, געווען גייסטיק און קולטורעל פאַרבונדן מיט דער אונגאַרישער שפּראַך און איר קולטור.

מיט׳ן אויסנאַם פון טראַנסילוואַניען און קאַרפּאַטאָרוס, טיילוויז אויך אין דער סלאָוואַקיי, האָבן די דאָרטיקע יידן ווייניק פאַרשטאַנען דאָס יידישע לשון. אָבער יידיש טעאַטער האָבן זיי ליב געהאַט ווי דאָס אייגענע לעבן. דאָס יידישע טעאַטער האָט זיי ממש אַ כישוף אָנגעטון און זיי האָבן זיך געפרייט מיט דעם „זשידאָ־סינהאַז״ (אויף אונגאַריש: יידיש־טעאַטער), ווי קינדער פרייען זיך מיט אַ שפּילעכל.

צוליב אַ גזירה איז אין דעם אַמאָליקן עסטרייך־אונגאַרן (מיט׳ן אויסנאַם פון גאַליציען און בוקאָווינע), געווען פאַרבאָטן צו שפּילן יידיש־טעאַטער.

בשעת אַ יידיש טעאַטער פאַרשטעלונג אינם ווינער „רינג־טעאַטער״, אין יאָר 1879, איז אויסגעבראָכן אַ שריפה און 22 יידן זענען אומגעקומען. די דעמאָלטיקע יידישע פּני פון ווין האָט אינטערווענירט ביי דער רעגירונג, אַז מ׳זאָל פאַרווערן צו שפּילן טעאַטער אין „זשאַרגאָן״ (אַזוי האָט מען צו יענער צייט אָנגערופן דאָס יידישע לשון) און די עסטרייכישע רעגירונג האָט גערן דערפילט די בקשה.

די דאָזיקע גזירה האָט אָנגעהאַלטן קנאַפּע 22 יאָר — פון 1879 ביז 1901, ביז זי איז ענדלעך בטל געוואָרן, און מ׳האָט דערלויבט וואַריעטע־פאַרשטעלונגען אויף אַ דייטשמערישן יידיש. דאָס הייסט, אַז אַ פּיעסע פון דריי אָדער פיר אַקטן, האָט געקענט געשפּילט ווערן נאָר אַלס באַזונדערע איינאַקטערס, פאַרפּוצט מיט פאַרשיידענע „געזענגע און טענצע״, כדי צו שאַפן דעם איינדרוק פון וואַריעטע. ערשט אין יאָר 1912, האָט מען געמעגט שפּילן יידיש־טעאַטער און אויפפירן גאַנצע פּיעסן.

דאָס איז בלויז געווען חל אויף עסטרייך, און פאַר די טשעכישע פּראָווינצן פון בעמען, מערן און שלעזיען. דאַקעגן אין אונגאַרן, איינגעשלאָסן די פריער־דערמאָנטע פּראָווינצן, האָט מען ביז צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, לגמרי נישט געטאָרט שפּילן קיין יידיש־טעאַטער, שוין אָפּגערעדט

פון אויפפירן אַ פּיעסע אין מערערע אַקטן. די יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס זיינען דעמאָלט געווען טעטיק אין דער אונגאַרישער הויפּטשטאָט, בודאַ־פּעשט, פלעגן אויפפירן יידישע סקעטשן און איינאַקטערס, וועלכע האָבן געמוזט אַנטהאַלטן אייניקע דייטשע נומערן, „געזאַנגע און טענצע". ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט אַ מפּלה פאַר דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע, איז בטל געוואָרן די דאָזיקע דיסקרימינאַציע קעגן דעם יידישן טעאַטער און קעגן דער יידישער שפּראַך.

ווען די סלאָוואַקיי און קאַרפּאַטאָרוס זיינען איינגעגלידערט געוואָרן אין דער רעפּובליק פון טשעכאָסלאָוואַקיי; טראַנסילוואַניען און די בוקאָווינע — אין דעם קעניגרייך פון רומעניען; קראָאַציען, באָסניען־הערצאָגעווינע און באַטשקאַ—צו יוגאָסלאַוויען, האָבן זיך געשאַפן נייע פּערספּעקטיוון פאַרן יידישן טעאַטער אין אָט די דאָזיקע, פון יידן געדיכט באַוווינטע לענדער, ווו ס'האָט עקזיסטירט אַן אייגנאַרטיק יידיש לעבן.

אַמשפּרודלדיקסטן איז געווען דאָס ביז גאָר אינטערעסאַנטע יידישע לעבן אין דער קאַרפּאַטאָ־רוסער פּראָווינץ, ווו ס'האָבן געלעבט אַרום 120 טויזנט טייערע, האַרציקע יידן, וועלכע האָבן גערעדט יידיש מיט אַ ספּעציפישן דיאַ־לעקט, געמישט מיט אַ שלל העברעאישע, מאַדיאַרישע און סלאַווישע ווערטער. אָט די דאָזיקע יידן, הגם אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען העכסט פרום, האָבן שטאַרק ליב געהאַט דאָס יידישע טעאַטער.

די צווייטע יידישלעכסטע פּראָווינץ פון אַמאָליקן אונגאַרן איז געווען טראַנסילוואַניען. הגם דאָרט האָבן געוווינט לערך 150 טויזנט יידן, האָט אָבער די פּראָווינץ נישט אַזוי שטאַרק גע'שמ'ט אין דער יידישער וועלט, ווי קאַר־פּאַטאָ־רוס. מונקאַטש איז געווען „באַרימט" צוליב דעם דאָרטיקן רבי'ן, ר' חיים אליעזר שפּיראָ, וועלכער האָט יאָרנלאַנג געפירט אַ ביטערע מלחמה קעגן די בעלזער חסידים און בעיקר, קעגן די ציוניסטן. וועגן דעם וועט אויסקומען צו דערציילן אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך.

אָט דיביידע פּראָווינצן, טראַנסילוואַניען און קאַרפּאַטאָ־רוס, זיינען מיט דער צייט געוואָרן וויכטיקע פּאָזיציעס פאַר די פאַרשיידענע יידישע וואַנדער־טרופּעס, וואָס פלעגן דאָרט אויפשטעלן זייערע געצעלטן און חדשים־לאַנג מהנה זיין די דאָרטיקע יידן מיט יידיש־טעאַטער.

אָנגעהויבן האָט מען צו קאָרמען די יידן מיט די פּרימיטיוועסטע פּיעסן פונם פאַרעלטערטן יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר. מען האָט זיי געמוזט דער־ציען און בהדרגה הויבן זייער געשמאַק, ביז מען האָט זיי צוגעוווינט צו געניסן די פּירות פון דוד פּינסקי'ס „יענקל דער שמיד"; ש. אַנ־סקי'ס „דבוק" און „טאָג און נאַכט"; פּרץ הירשביינ'ס „גרינע פעלדער"; צו דעם רעפּערטואַר פון יעקב גאָרדין, וכדומה.

פאַרשטייט זיך, אַז מען פלעגט זער אָפט אויך אונטערזינדיקן מיט דעם ערגסטן שונד פון „פּינטעלע ייד" און „כינקע פּינקע". מען האָט אָבער מכפּר

געוועזן אויף די דאָזיקע חטאים מיט בעסערע יידישע מעלאָדראַמעס און אָפּע־רעטקעס, וואָס האָבן געהאַט אַ גאַר שטאַרקן דערפאָלג.

אַ קימא־לן פון קוים פופצן יאָר טיילט אונז אָפּ פון דעם מורא׳דיקן יידישן קולטור־חורבן אין דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע און עס דוכט זיך, אַז דער גרעסטער אומגליק אין אונזער געשיכטע איז שוין צענדליקער יאָרן אַלט!

דאָס יידישע טעאַטער, וואָס איז געוועזן אַ שעפערישער קולטור פאַקטאָר אינ׳ם יידישן לעבן, האָט ממש אויפגעהערט צו עקזיסטירן. און דאָס וואָס איז פאַרבליבן, אַ קוים באַמערקבאַרער זכר פון אונזער קולטור־חורבן, ווערט איצט ביסלעכווייז צעפרעסן פון דער אַסימילאַטאָרישער קראַנקהייט.

---

## „מיט געזענגע, מערשע און טענצע״

אין משך פון די דריטהאַלבן יאָר ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געוווינט אין ווין (פון חודש יוני, 1916, ביז סעפּטעמבער, 1918), פלעג איך פון צייט־צו־צייט באַזוכן דאָס דאָרטיקע יידישע טעאַטער, וואָס האָט געקיניגט אין אַ גרויסן זאַל, וועלכער האָט געהערט צו דעם יידישן האָטעל „שטעפאַני״ אויף דער, פון יידן געדיכט באַוווינטער טאַבאָרשטראַסע. דער זאַל איז געווען אָרומגעשטעלט מיט טישלעך און דער עולם פלעגט בעת דער פאָרשטעלונג נהנה זיין פון די מאכלים, וואָס די קעלנער פלעגן ברענגען פאַר די טעאַטער־געסט בעת די אַקטיאָרן זענען געווען אויף דער אָפענער בינע. די טרופּע איז געווען אַ גרויסע און איז באַשטאַנען פון גאַר־גוטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, ווי: איטשע דייטש, יונה רייזמאַן, אַדאָלף מעלצער, מוניע שטרענג, די ברידער הערמאַן און משה וויינבערג, שמאי אוריך, דוד וועטשטיין, שלמה וויינגאַלד, וואַלדבערג און די פּרויען: סאַלטשע וויינבערג, לאה׳קע וויינטרויב־גראַף, ראַזאַ זיגלער, פּעפּי וויינבערג, פרוי מעלצער און אַנדערע, וועמענס נעמען ס׳איז איצט שווער זיך צו דערמאָנען. אָבער ווי גוט ס׳איז געווען די טרופּע, האָט מען אין דעם טעאַ־טער „שטעפאַני״ געשפּילט „פּעסנעס״ (פּיעסן) פון דעם באַקאַנטן שונד!

היות ווי מ׳פלעגט יעדן טאָג שפּילן אַן אַנדערע פּיעסע, מיט „כינקע פּינקע״ בראש, איז דאָס טעאַטער טאָג־טעגלעך געווען געפּאַקט מיט אַ פאַר־שיידנאַרטיקן עולם, בעיקר מיט יידישע פּלטים פון גאַליציע, וואָס זיינען צוליב דער רוסישער אינוואַזיע פון זייערע גאַליצישע היימערטער, אַנטלאָפן קיין ווין, כדי דאָרט איבערצובידעווען די מלחמה; מיט יידישע סאָלדאַטן פון דער עסטרייכישער אַרמיי, וועלכע אַ סך פון זיי האָבן געהאַט צוגעשווירענע בערד־לעך און צוליב פרומקייט נישט טועם געווען קיין טריפה׳נע מאכלים אין משך פון זייער מיליטערישן דינסט. די דאָזיקע פאַרוואָגלטע יידן, וועלכע דער מלחמה־שטורם האָט אומרחמנות׳דיק אַרויסגעריסן פון זייערע, זינט דורות פאַרוואָרצלטע היימען אין די גאַליצישע שטעט און שטעטלעך, האָט נישט

אינטערעסירט קיין דראַמאַטישע פּראָבלעמען, וואָס זאָלן געלעזט ווערן, דווקא אויף די בידנע ברעטער און פּרימיטיווע דעקאָראַציעס, וואָס האָבן „באַשיינט“ די אָרימע בינע פון׳ם יידישן „שטעפאַני“־טעאַטער אין ווין. זיי זיינען געקומען זיך פאַרווילן, כדי אַ ביסל צו פאַרגעסן אין די פּערזענלעכע דאגות און צרות; זיך אַרויסצושלאָגן פון זייערע קעפּ די מיליטערישע „סלוזשבע“ אין קירה׳ס אַרמיי, וואָס האָט דעמאָלט באַקומען ביטערע קלעפּ אויף די מלחמה־פראָנטן.

דער „האַכגעשעצטער“ טעאַטער־עולם, מיט די יידישע סאָלדאַטן בתוכם, פלעגן פאַר זייערע „ליבלינגס“ אַקטריסעס און אַקטיאָרן מיטברענגען פאַר־שיידענע מתנות, בעיקר ברויט, פּאַפּיראָסן, צוקער, קאַשע, מעל און אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס זיינען געווען שטאַרק ראַציאָנירט און האָבן אויפ׳ן „שוואַרצן מאַרק“ געקאָסט אַ סך געלט. אַלס דאַנק פאַר דער דאָזיקער האַרציקער אויפ־מערקזאַמקייט, האָבן די יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס מהנה געווען זייערע טייערע „פּאַטריאָטן“ מיט אַ לידל, כמו אַ ספּעציעלער „ביילאַגע“ צו זייערע ראָלן. די יידישע אַקטיאָרן פלעגן אָפּטמאָל, זייענדיק אויף דער אָפענער בינע, זיך באַגריסן מיט זייערע „פּאַטריאָטן“ און זיי באַשיטן מיט פאַרשיידענע קאָמ־פלימענטן און מיט ברכות, אַז די מלחמה זאָל באַלד זיך „קינטשען“ מיט אַ „נצחון פאַר די „זיגרייכע“ אַרמייען פון די „צענטראַל־מעכטע“ (געמיינט עסטרייך־אונגאַרן, דייטשלאַנד, בולגאַריע און טערקיי), און דער עולם פלעגט נאָכזאָגן מיט אַ „אמן“ . . .

אָט דאָס יידישע „שטעפאַני“־טעאַטער אין ווין, איז אין יענע יאָרן געווען אַ אינסטיטוציע פון יידישער הייטערקייט, אויסגעמישט מיט צער און טרויער. די חבר׳שע היימלעכקייט און די גוט־ברידערישע פריינטשאַפט פונם עולם אין זאַל מיט די אַקטיאָרן אויף דער בינע, האָט אָפּגעשאַפט די מחיצה צווישן די „צוויי וועלטן“, וואָס עס דאַרף, לעולם, רעפּרעזענטירן דאָס טעאַטער און זיין אוידיטאָריע.

אַלס אַ יונגער „צוציק“, האָב איך מיך געהאַלטן דערווייטערט און רעזער־ווירט פון דער יידישער אַקטיאָרן־משפחה אין ווין. איך האָב נאָך גוט גע־דענקט די ביטערע דערפאַרונג און די אַנטוישונג, וואָס איך האָב געליטן פון דעם אַקטיאָר אַדלער אין דער לובלינער „הערשקאָוויטש־טרופּע“, וועלכער האָט געוואָלט מיט כח אויסנאַרן ביי מיר דעם „ציבעלע־זייגער“. אָבער מיר האָט שטאַרק געפעלן די היימישע פאַלקסטימלעכקייט און די אַטמאָספערע, וואָס האָט אין יענע יאָרן געהערשט אין דעם ווינער יידישן טעאַטער „שטע־פאַני“, וואָס האָט דערמאָנט אין דעם בראשית פון דער גאָלדפאַדענישער טעאַטער־תקופה אין יאסי.

נישט געקוקט אויף דעם שונדאָוונעם טעאַטער־רעפּערטואַר, וואָס די ווינער יידישער אַקטיאָרן פלעגן אין יענע יאָרן צערטלען צוליב פרנסה, זיינען אָבער אין טעאַטער „שטעפאַני“ געווען אויך אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך געבונ־טעוועט קעגן דעם סאָרט קלאָטשע מיט שטרוי־פּיעסן, ווען מען באַנאַלער

אינהאַלט, פאַרבראַקט מיט דעם דייטשמערישן לשון, האָט זיי ממש פאַר־קלעמט ביי די הערצער. כדי זיך נוקם צו זיין אין די מחברים פון די דאָזיקע פיעסקעלעך, האָבן די אַקטיאָרן, (וואָס זענען געווען מאַכטלאָז אין זייער באַ־שטרעבן, צו ענדערן אַביסל דעם הפקר־צושטאַנד אין פרט פון רעפּערטואַר), גערעדט נישט פונם טעקסט, נאָר פון זייער אייגענער פּראָזע און געפּאַיאַצע־וועט, וויפיל ס׳האָט זיך געלאָזט.

איינער פון די דאָזיקע בונטאָוושיקעס איז געווען דער אַקטיאָר און רעזשיסאָר פון דער „פּרייער יידישער פאָלקס־בינע״ אין ווין, איטשע דייטש. אַ געבוירענער אין דעם אוקראַינישן שטעטל טאָלטשין, האָט ער אין דעם פּרט פון רעדן דייטש, ניט געקאָנט קאָנקורירן מיט די יידישע אַקטיאָרן פון גאַליציע, ביי וועמען די דייטשע „פּראָזע״ אין די יידישע פיעסן, איז געווען נאַטירלעכער ווי ביי די יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס פון רוסלאַנד, פוילן, רומעניע און אין אַנדערע לענדער.

איטשע דייטש האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע שנאה צו די „העלדן ראָלן״ אין פיעסן פון יאָזעף לאַטיינער, פּראָפעסאָר האָראָוויץ און אַנדערע מחברים, וואָס האָבן, כדי אַרויסצווייזן זייער „אינטעליגענץ״, אָנגעהאנגען זייערע העלדן אַן עול, צו באַלאָקן „דייטשמעריש״.

איינמאָל, האָט איטשע דייטש געגעבן דעם סופליאָר פון „שטעפאַני״־טעאַטער אַ פיעסע פון פּראָפעסאָר האָראָוויץ, אַז ער זאָל זי איבערשרייבן אין אַ ריינעם יידיש און פון דאָרט אַרויסוואַרפן אַלע דייטשמעריזמען.

דאָס „תורה׳לע״ (פיעסע) האָט געהייסן „פּרינץ בן־הדור״.

בעת די פּראָבעס, האָבן די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס האָבן שוין געהאַט געשפּילט אין דער פיעסע און געקאָנט די דייטשמערישע פּראָזע כמעט אויסנווייניק, זיך געקרומט און גערדריט מיט די נעזער, ווייל דאָס ריינע יידישע לשון האָט זיי ממש געגרילצט אין די אויערן! זיי זענען געווען געוווינט צום דייטשערישן פּאַטאָס: „אָה, פאַטער, אָה, מוטער, אָה מיין צעבראָכענע זעעלע״, וכדומה. היות ווי איטשע דייטש האָט רעזשיסירט די פיעסע האָט ער פאַראָרדנט די מיטבאַטייליקטע, אַז זיי זאָלן רעדן יידיש און זיך אַרויסשלאָגן פון די קעפּ דאָס דייטשמערישע לשון.

דער ערשטער אַקט איז אָפּגעלאָפן גלאַטיק און איטשע דייטש האָט טריי־אומפירט מיט זיין דערפאָלגרייכן עקספּערימענט! אין צווייטן אַקט האָט דער אַקטיאָר משה זיגלער, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון קעניג, פאַרגעסן ווו ער האַלט און אויסגערופן צום פּרינץ, וואָס איז געשפּילט געוואָרן פון איטשע דייטש:

„אונד יעצט, מיין טויערער פּרינץ, געהען וויר אין דעם זאַאַל עמפּפאַנגען די האָכגעשעצטע געסטע״ . . .

ווען איטשע דייטש האָט דערהערט זיגלער׳ס דייטשמערישע פּראָזע, האָט ער אים צוריק געענטפערט אויף דעם ספּעציפיש־ווינערישן דיאַלעקט:

„אי, פאַטער, געי ניט . . . אי ווי ניט" (איך, פאָטער, גיי נישט; איך וויל נישט).

„גאָט איז מיט דיר", פרעגט זיגלער אַ פאַר׳חידוש׳טער; „וואָס פאַר אַ לשון רעדסטו?"

„ווען איר רעדט צו מיר דייטש, רעד איך „האָך־דייטש" — האָט איטשע דייטש אָפּגעענטפערט.

די אַקטיאָרן אויף דער בינע און דער עולם אין זאַל האָבן זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז ס׳איז געווען אונמעגלעך ווייטער אָנצוגיין מיט דער פאָרשטעלונג — און דער פאָרהאַנג איז געפאַלן . . .

---

## „דער דויל וועט ציימען" . . .

די יידישע שוישפּילערין סאַלטשע וויינבערג, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין ווין, איז אין אירע יונגערע יאָרן געווען אַן אמת׳ע יפת־תואר. אין די ווינער אַקטיאָרישע קרייזן האָט מען וועגן איר דערציילט אַזאַ מין געשיכטע:

איידער זי האָט, אַלס פּופּצן־יאָריק מיידל, חתונה געהאַט מיט דעם אַקטיאָר הערמאַן וויינבערג, וועלכער איז געווען עלטער פון איר מיט זעכצן יאָר, איז זי געווען פאַר׳קנס׳ט צו איר צוקונפטיקן שוואָגער, משה, אַ יונגערער ברודער פון איר מאַן. צוליב סאַלטשע׳ן איז צווישן די ביידע ברידער פאָרגעקומען אַ שווערער קאַמף, וועלכער האָט זיך, סוף כל סוף, פאַרענדיקט מיט אַ נצחון פאַר דעם עלטערן הערמאַן. דאָס דאָזיקע אַקטיאָרן־פּאָרל האָט געפירט אַ גליקלעך לעבן, און זיינען געווען די צופרידענע עלטערן פון צען קינדער, פון וועלכע זיבן זענען געבליבן לעבן.

סאַלטשע וויינבערג האָט זיך באַרימט, אַז זי איז געווען די איינציקע יידישע קאַבאַרעטיסטין, וואָס איז אין 1903 אויפגעטרעטן אין די פאַרשיידנ־סטע קאַבאַרעטן אין בודאַפּעשט און געזונגען יידישע לידער, ספּעציעל פון גאָלדפאַדנ׳ס רעפּערטואַר, ווי „שולמית", „עקידת יצחק", „בר־כוכבא" און פון אַנדערע פּיעסן, וואָס האָבן דעמאָלט גאָר־שטאַרק אויסגענומען.

סאַלטשע, וועלכע איז צו 60 יאָר נאָך געווען אַ שיינע פרוי מיט אַ ליכ־טיק פּנים און ברענענדיקע אויגן, פלעגט זיך אויך באַרימען, אַז אונגאַרישע גראַפן און פירשטן, צווישן זיי אויך גראַף טיסאַ, דער שפּעטערדיקער אונ־גאַרישער מיניסטער, האָט פון אירע שיכלעך שאַמפּאַניער געטרונקען, און ער האָט איר אַפילו אָנגעבאָטן חתונה צו האָבן מיט אים. ווען גראַף טיסאַ האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז פאַרהייראַט און האָט שוין אייניקע קינדער, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן און מער האָט זי אים נישט געזען.

איינמאָל, האָט מיר סאַלטשע וויינבערג דערציילט פאָלגענדעס:

ווען זי איז אין יאָר 1911 אַנגאַזשירט געוואָרן אויפצוטרעטן אין אַ קאַ־

באַרעט אין בעלגראַד, די דעמאָלטיקע הויפּטשטאָט פון סערביען, איז מיט איר מיטגעפאָרן איר מאַן, וועלכער איז אויך געווען איר אימפּרעסאַריאָ. בשעת אירע אויפטריטן פלעגט הערמאַן זיצן אין קאַבאַרעט אין אַ זייט, ווי סתם אַ גאַסט, ווייל צוליב געשעפטלעכע טעמים און פּראָפעסיאָנעלער „עטיק" איז עס בעסער פאַר אַ קאַבאַרעט־זינגערין, אַז זי איז „אַליין".

ווי דער שטייגער אין די קאַבאַרעטן, ווערט אַ שיינע אַרטיסטין איינגע־לאַדן פון אַ גאַסט צו טרינקען מיט אים אַ גלעזל שאַמפּאַניער. לויט'ן אָפּמאַך מיט'ן אייגנטימער פון דעם באַטרעפנדן קאַבאַרעט, דאַרף די קינסטלערין זיך נישט אָפּזאָגן צו טרינקען אַ גלעזל משקה, ווייל זי באַקומט אויך אַ געוויסן פּראָצענט, אַלס צולאַג צו די שכירות.

— ווען כ'בין פאַרטיק געוואָרן מיט מיינע געזאַנג־נומערן, — האָט מוסיף געווען סאַלטשע, — בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צום טישל פון אַ סערבישן אָפיציר, וועלכער האָט מיט מיר גערעדט דייטש און געפרעגט צי איך וויל — אַחוץ טרינקען אַ גלאָז שאַמפּאַניער — אויך עפּעס עסן? זייענדיק שטאַרק הונגעריק, האָב איך געענטפערט, אַז יאָ.

— ווען מיין הערמאַן, וועלכער איז געזעסן איינער אַליין ביי אַ טישל אין קאַבאַרעט האָט דערזען די גרויסאַרטיקע סעודה, וואָס איך פּראַווע מיט'ן סער־בישן אָפיציר, איז ער אויך געוואָרן שטאַרק הונגעריק און האָט דורכ'ן קעל־נער מיר צוגעשיקט אַ צעטעלע, געשריבן אין יידיש, בזה הלשון:

„סאַלטשעניו, איך וואָלט וועלן עפּעס „בעריען" (דאָס הייסט עסן, אויפ'ן אַקטיאָריש־קלעזמערישן לשון). ווי מיינסטו, וועט דער „דויל" (יאָלד) „ציימען", (צאָלן)?"

— ווען דער אָפיציר האָט דערזען דאָס צעטעלע, וואָס איך האַלט אין האַנט, האָט ער מיך געפרעגט, ווער ס'האָט צו מיר געשריבן דאָס בריוול?

— מיינער אַ קאָלעגע, — האָב איך געענטפערט.

— קען איך זען דאָס צעטעלע? — האָט געפרעגט דער אָפיציר.

— זייענדיק זיכער, אַז ער וועט נישט קאָנען איבערלייענען די יידישע שריפט, האָב איך אים דאָס צעטעלע געוויזן.

דער אָפיציר האָט גענומען דאָס צעטעלע אין זיין האַנט און, נישט אַרויס־ווייזנדיק קיין שום איבערראַשונג פון דער, פאַר אים „אומפאַרשטענדלעכער" שריפט, האָט ער מיט קאַלט־בלוטיקער רואיקייט אַרויסגענומען אַ בליישטיפט און צוריקגעשריבן פאַלגענדעס, דווקא אין אַ גוטן, זאַפטיקן יידיש:

„איר קענט „בעריען" וויפל איר ווילט; דער „דויל" וועט ציימען!" . . .

— — — — — — — — — — — —

דער „סערבישער" אָפיציר איז געווען דער זון פון אַ יידישן קלעזמער פון לעמבערג, וועלכער איז דורך אַ צופאַל געוואָרן אַן אָפיציר אין דער סער־בישער אַרמיי . . .

# דער פאַרשוווּנדערישער „חי־געלעבט“ ביי די אמאליקע יידישע אַקטיארן

אין די אַמאָליקע גוטע און זאָרגלאָזע צייטן, ווען די יידישע טעאַטער־פּראָפעסיע האָט געבליט און אַקטיאָרן האָבן פאַרדינט אַ סך געלט, האָבן זיי שטאַרק ליב געהאַט אַרויסצוווייזן זייער עשירות אין זייער קליידונג און אין זייער אויפפירונג. זיי פלעגן וווינען אין די רייכסטע האָטעלן, עסן אין די שענסטע רעסטאָראַנען און נישט מאַכן קיין שריט צופוס.

אַ יידישן אַקטיאָר האָט מען דערקאַנט פון דער וויטן . . .

אויך הערמאַן וויינבערג, דער מאַן פון דער פריער דערמאָנטער אַקטריסע סאלטשע וויינבערג, הגם נישט קיין גרויסער „אַקטיאָרישער צעלייגער“, האָט אָבער ליב געהאַט נאָכצוטאָן די באַרימטע יידישע „סטאַרן“ פון יענע יאָרן. ער האָט זיך געקליידט לויט דער „לעצטער מאָדע“ פון די באַוווּסטע קינסט־לער און אַקטיאָרן, כדי מען זאָל אויף אים נאָכטייטלען מיט די פינגער, אַז ער געהערט אויך צו די באַרימטהייטן, אַלץ אויפ׳ן חשבון פון זיין פרוי׳ס גרויסע פאַרדינסטן.

האָט מיר סאלטשע וויינבערג דערציילט, ווי אַזוי איר מאַן האָט זיך אויפ־געפירט אין דער צייט, ווען זי איז אויפגעטרעטן אינ׳ם בודאַפּעשטער „אָרפּע־אום“־טעאַטער, מיט אַ קאָנטראַקט אויף זעקס חדשים, צו זעכצן עסטרייך־אונגאַרישע גילדן פאַר אַן אָוונט! מיט 50 יאָר צוריק איז עס געווען אַ ממש לעגענדאַרע סומע, אַפילו פאַר׳ן גרעסטן אינטערנאַציאָנאַלן קינסטלער, מיט אַ וועלט־נאָמען.

הערמאַן וויינבערג האָט געהאַט זיין „שטאַם־טיש“ אינ׳ם בודאַפּעשטער קאַפע־הויז „ניו־יאָרק“. דאָרט פלעגן פאַרקערן די אָנגעזעענסטע אונגאַרישע גראַפן, באַראָנען, פּאָליטיקער, קינסטלער, גענעראַלן און אָפיצירן פון דער אונגאַרישער אַרמיי.

הערמאַן וויינבערג פלעגט אין די נאָכמיטאָג־שעה׳ן טראָגן אַ גרויען צילינדער־הוט, מיט אַ מאָנאָקל אויפ׳ן רעכטן אויג . . . אויף די פינגער זיינע האָבן געפינקלט גרויסע דימענטן, וועלכע ער פלעגט כסדר פוצן מיט׳ן אַרבל פון זיין „קינסטלערישן“ סורדוט, כדי זיי זאָלן נאָך מער בלישטשען און גלאַנצן . . . אויף זיין גרויער וועסט האָט זיך געבאָמקעט אַ שווערע גאָלדענע קייט פון זיין גרויסן גאָלדענעם זייגער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פונ׳ם קליי־נעם וועסטל־טעשל. אין זיינע הענט האָט ער געהאַלטן אַ שוואַרץ, גלאַנציק שטעקעלע, וועמעס קעפּל איז געווען באַצירט מיט גאָלדענע מאָנאָגראַמען...

אַרום פיר נאָכמיטאָג פלעגט פאַר דעם קאַפע „ניו־יאָרק“ פאַרפאָרן אַן אויסגעפוצטע קאָטש, געשפּאַנט מיט צוויי ווייסע סוסים, וואָס האָט געפירט דעם „הערר באַראָן“ (הערמאַן וויינבערג, בכבודו־ובעצמו), משתין זיין אויף

דער אַנדראַשי־גאַס, וועלכע איז געווען דערוויטערט פונ׳ם קאַפע „ניו־יאָרק״ אויף אַ שפּאַציר פון פינף מינוט . . .

אויף דער אַנדראַשי־גאַס האָט מען דעמאָלט געהאַט פאַרענדיקט אַ ניי „משתין־שטיבל״, געבויט אונטער דער ערד. היות די דאָזיקע גאַס געפינט זיך אין צענטער פון בודאַפּעשט, האָט מען דאָס דאָזיקע „שטיבל״ אויסגעפּוצט מיט מאַרמאָר־ווענט און מיט אַנדערע באַצירונגען.

אָט דאָס דאָזיקע מקום איז וויינבערג׳ן שטאַרק געפעלן און ער פלעגט יעדן טאָג, צו דער באַשטימטער צייט, פאָרן „מקבל פנים״ זיין דאָס פאַרנעמע „משתין־שטיבל״. דער קוטשער פלעגט וואַרטן אויפ׳ן „הערר באַראָן״ ביז ער איז פאַרטיק געוואָרן און אים צוריקגעפירט אין זיין „שטאַם־קאַפע״ אַריין, פאַרצווזעצן זיין לאַנגווייליקע „באַשעפטיקונג״, וואָס איז באַשטאַנען אין פּוצן די דימענטענע רינגען אויף די פינגער . . .

מיט יאָרן שפּעטער, ווען די הערמאַן וויינבערג־משפּחה האָט זיך אויף שטענדיק באַזעצט אין ווין, פלעגט סאַלטשע אָפּט דערמאָנען יענע גליקלעכע צייטן אין בודאַפּעשט; וועגן איר מאַנ׳ס טעגלעכע „נסיעות״ צום „משתין־שטיבל״ אויף דער אַנדראַשי־גאַס, וואָס פלעגט אים קאָסטן אַ „ריניש״ (צוויי עסטרייכישע קראָן פון פאַר דער מלחמה); וועגן די אונגאַרישע „דזשענטריס״, וועלכע האָבן זי באַוואָרפן מיט בלומען אויף דער בינע בעת אירע אויפטריטן; וועגן די ציגיינער־קאַפּעליעס, וואָס האָבן אין די שפּעטע חצות׳ן אויפגעשפּילט „ליבעס־סערענאַדעס״ פאַר די פענסטער פונ׳ם הויז, וווּ זי האָט געוווינט . . . ווי די „שטערבלעך פאַרליבטע״ יונגעלייט, יידן און קריסטן, האָבן פאַר איר הויז געזונגען ליבעס־ראָמאַנסן און נישט אָפּגעטרעטן ביז זי, סאַלטשע, האָט זיך באַוויזן ביי׳ם פענסטער, אַלס אויסדרוק פון דאַנק און אַנערקענונג, אַז די סערענאַדע אַפּעלירט צו איר צעברויזט האַרץ און נשמה . . .

אָפּטמאָל פלעגט „איר״ הערמאַן זיך אויפכאַפּן פון זיין טיפן שלאָף און צולויפן צום פענסטער אַ קוק טאָן, ווער עס זיינען די „יאָלדן״, וואָס זיינען אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין „זיין״ סאַלטשע . . .

ווען די פאַרליבטע „סמוריאַנעס״, וואָס זיינען געשטאַנען אונטן און געוואַרט אויף סאַלטשע׳ס „באַווייזן זיך״ אינ׳ם פענסטער האָבן דערזען די פאַרשלאָפענע געשטאַלט פון אַ מאַנספּאַרשוין, האָבן זיי געמאַכט „אַ ויברח״, שעלטנדיק אים מיט טויטע קללות . . . זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָס פאַרשלאָפענע געשטאַלט איז דער לעגיטימער מאַן פון סאַלטשע׳ן און געמיינט, אַז עס איז איינער פון יענע גליקלעכע גראַפן, באַראָנען און פירשטן, וואָס האָבן באַוויזן צו „דעראָבערן״ דאָס האַרץ פון דער שיינער סאַלטשע וויינבערג, דער „נאַכטיגאַל״ פון בודאַפּעשטער „אָרפעאום״־טעאַטער . . .

# אן אקטיארישער פאנאגראף, וואס וויל נישט מחלל־שבת זיין . . .

די געשיכטע וועגן די גרויסע מאַטעריעלע און קינסטלערישע דערפאָלגן פון סאלטשע וויינבערג אין די בודאַפּעשטער נאַכט־לאָקאַלן און שאנטאנען, אַז „גראַפן און פירשטן פאַלן צו אירע פיס" און אַז „די גרעסטע אונגאַרישע שררות טרינקען שאַמפּאַניער פון אירע שיכלעך", האָט אויך דערגרייכט קיין גאַליציע, ווו משה וויינבערג, דער געוועזענער חתן פון סאלטשע, האָט אַרומ־געוואָנדערט מיט אַ יידישער טעאַטער־טרופּע.

משה וויינבערג האָט זיך אויך דערוווסט וועגן דעם צעבאלעווען לעבן, וואָס עס פראַוועט אין בודאַפּעשט זיין עלטערער ברודער הערמאַן, וועלכער האָט אים, אַזוי צו זאָגן, „פון אונטער די חופּה" צוגענומען זיין כלה און מיט איר חתונה געהאַט.

סאלטשע׳ס דערפאָלגן, האָבן משה נישט ווייגעטון; פאַרקערט: ער איז געווען זער צופרידן צו הערן, אַז זי איז געוואָרן „די נאַכטיגאַל פון בודאַ־פּעשט". עס האָט אים אָבער שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זיין ברודער הערמאַן שניידט די פּירות פון זיין פרוי׳ס גרויסע קינסטלערישע און מאַטעריעלע דערפאָלגן. ער האָט, דעם אמת געזאָגט, נישט פאַרגונען זיין עלטערן ברודער׳ס טעגלעכע נסיעות צום „משתין־הייזל" אויף דער אנדראשי־אוטצא אין בודאַ־פּעשט; זיין אַרומגיין פּוסט און פּאַס און לעבן אַ „געשוואָלענעם טאָג" אויפ׳ן חשבון פון זיין פרוי׳ס גרויסע פאַרדינסטן . . .

משה וויינבערג האָט נישט געגאַרט נאָך נקמה קייגן זיין אייגנעם ברו־דער. ער האָט אָבער געהאַט איין גרויסן באַגער: צו פאַרדינען אַ סך געלט, כּדי חתונה צו האָבן מיט אַ נאָך גרעסערע יידישע אַקטריסע, ווי ס׳איז אין יענע יאָרן געווען זיין שוועגערין סאלטשע, און פון זיין פרוי צו מאַכן דעם גרעסטן „סטאַר" אויף דער יידישער בינע! דאָס וועט זיין די גרעסטע נקמה און רעוואַנזש קייגן זיין ברודער הערמאַן, וועלכער האָט פון אים אַוועק־געריסן זיין הייס־געליבטע סאלטשע . . .

משה וויינבערג האָט פאַרלאָזן דאָס יידישע „גימפּעל־טעאַטער" אין לעמ־בערג, ווו ער האָט פאַרנומען אַ נישט אַנגעזעענע ראָלע אינ׳ם דאָרטיקן אנסאמבל, און זיך גענומען צו אַ שפּאָגל־נייער פּרנסה: ער האָט זיך איינגע־האַנדלט אַן אַלטן פּאַנאָגראַף, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע דערפינדונג און האָט געדינט אַלס אַ פאַרגייער צו די שפּעטערדיקע גראַמאָפאָנען.

מיט אָט דעם פּאַנאָגראַף, האָט משה וויינבערג זיך אַרויסגעלאָזט איבער די פאַרשיידנסטע גאַליצישע שטעט און שטעלעך און אויף אים אָנגעהויבן צו טראַסקען כל־ערליי מיליטערישע מאַרשן; „מאזורקעס", „פּאָלקעס", „אוידי־דאנעס", פאַרשיידנע טענץ און אַנדערע פּרימיטיווע קאָמפּאָזיציעס פון יענער

צייט, איינגעשלאָסן אויך חזנ׳ישע „השיבנו׳ס”, „ויהי בנסע׳ס”, „אל ארך־אפים׳ס”, „אל אדונ׳ס”, וכדומה.

—איך האָב „געדראַליעט” (געגאַנגען צו פיס)—האָט משה וויינבערג דער־ציילט פאַר דעם שרייבער פון די שורות—פון שטעטל צו שטעטל און געשפּאָרט אַ „גראַצער” (אַן אַמאָליקע עסטרייכישע מטבע) צו אַ „קרוין”; איך האָב מיר נישט פאַרגונען קיין איבעריקן ביסן, כדי צו דערגרייכן מיין גרויסן ציל, — חתונה האָבן מיט איינער פון די שענסטע יידישע אַקטריסעס, וואָס זענען דעמאָלט געווען טעטיק אין יידישן טעאַטער.

דאָס מזל האָט משה וויינבערג צוגעשפּילט און ער האָט פאַרדינט גאָר אַ סך געלט. זיין באַווייזן זיך אויף די יארידים מיט׳ן פּאַנאָגראַף, האָט אַרויסגע־רופן אַ שטאַרקן חידוש ביי די נאַאיווע פּויערים, וועלכע פלעגן זיך איבער׳־צלמ׳ען ווען זיי האָבן פון דעם פּאַנאָגראַף־קעסטעלע געהערט ריידן און זינגען און געגלויבט, אַז אין דעם קעסטעלע שטעקט עפּעס אַ מין כישוף... אָבער דער עולם האָט געצאָלט פאַר דעם „כישוף” און משה וויינבערג׳ס עשירות איז געוואַקסן ווי אויף הייוון.

* * *

איינמאָל, ווען משה וויינבערג איז אָנגעקומען אין דעם גאַליצישן שטעטלע מאָנאַסטריטש, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן דאָרטיקן מאַרק און אָנגע־הויבן צו געבן „קאָנצערט” אויף זיין פּאַנאָגראַף. ס׳איז גראָד געווען אין אַ שבת און די יידן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דאָס „קעסטעלע” שפּילט יידישע נגונים און חזנ׳ישע „שטיקלעך”, און זיי מאַכן אים ביטערע פאָרווורפן, הלמאי ער איז מחלל־שבת אַזוי בפרהסיא!

משה וויינבערג האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז פון די דאָזיקע יידן, אָנגעטאָן אין שטריימלעך, זשיפּיצעס און אין ווייסע זאָקן, וועט ער נישט האָבן קיין פּרוטה. ער האָט אָבער געוואָלט נקמה נעמען אין די דאָזיקע פרומע יידן, ווייל זיי פלעגן שטאַרק באַקעמפן די יידישע וואַנדער־טרופּעס, וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט אין זייערע שטעטלעך.

די יידן שרייען און שילטן, אָבער משה וויינבערג מאַכט זיך תמ׳עוואַטע! אַלעמען אויף להכעיס שפּילט ער ווייטער די חזנ׳ישע שטיקלעך און חסיד׳ישע מאַרשן . . .

ווען דער דאָרטיקער רב האָט זיך דערוווסט פון דער מעשה־נורא, האָט ער געשיקט זיין שמש צו וויינבערג׳ן אים אָנזאָגן, אַז ער זאָל אויפהערן מחלל־שבת זיין, ווייל ער וועט האָבן אַ מיאוס׳ן סוף!

וויינבערג האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און האָט ווייטער געשפּילט ביז — דער פּאַנאָגראַף האָט פּלוצים זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהערט צו שפּילן! . . . אַ זאַך, וואָס האָט וויינבערג׳ן פּאַסירט צום ערשטן מאָל. ער

נעמט זיך די מי צו פאַרריכטן די מוזיקאַלישע כלי און װענדט אָן אַלע מיט־לען, אַז דער פאָנאָגראַף זאָל װידער אָנהויבן צו אַרבעטן, אָבער ס׳העלפט װי אַ טויטן באַנקעס! דער פאָנאָגראַף האָט פּשוט פאַרסטרייקט און װיל גישט „דערלאַנגען קיין סחורה״.

משה װיינבערג האָט איינגעפּאַקט דאָס קעסטל און איז אַ פאַרשעמטער, אונטער די באַגלייטונג פון „הוראַ״־אויסגעשרייען מצד די יידישע חדר־קינדער, אַװעק אין זיין אכסניה כדי גענויער בודק צו זיין, װאָס דעם פאָנאָ־גראַף פעלט; פאַרװאָס ער האָט פּלוצים, װי אויף אַ קאָמאַנדאָ פון׳ם שטעטל־דיקן רב, אויפגעהערט צו שפּילן.

אַ גאַנצן טאָג האָט װיינבערג זיך געפּאָרעט אַרום דעם פאָנאָגראַף. ער האָט צענומען אַלע זיינע אינגעװיידן און דאָרט נישט געפונען קיין שום פּגימה, אַלץ שיינט צו זיין אין דער בעסטער אָרדנונג. טאָ פאַרװאָס האָט דער פאָנאָגראַף פאַרסטרייקט? פאַרװאָס װיל ער נישט אַרבעטן?

* * *

מוצאי־שבת, נאָך הבדלה, קומט דער זעלבער שמש צו װיינבערג׳ן מיט אַ באַפעל, אַז ער זאָל תיכף קומען צום רב און מיטברענגען דאָס קעסטעלע... װיינבערג האָט געפאָלגט די איינלאַדונג און איז געקומען.

— שלום עליכם אַ ייד, —זאָגט דער רב צו װיינבערג׳ן, און פאַרבעט אים צום טיש װוּ ס׳זיינען געזעסן עטלעכע יידן.

װיינבערג האָט דערװאַרט, אַז דער רב װעט אים מאַכן די ביטערסטע פאָרװורפן, פאַרװאָס ער האָט מחלל שבת געװען. אָבער אַנשטאָט אַריינצוכאַפּן אַ האַרבע פאָרציע מוסר, בעט אים דער רב, אַז ער זאָל, לכבוד מלוה־מלכה, לאָזן אויסשפּילן עפּעס אַ חסידישן ניגון, װאָס זאָל מאַכן דערפרייען די הערצער.

— רבי, — הויבט װיינבערג אָן צו שטאַמלען, — דאָס „קעסטעלע״ אַרבעט נישט . . . אַן עין־הרע איז אים געשען . . .

— אַזוי גאָר? — חידוש׳ט זיך דער רב, — דאָס „קעסטעלע״ אַרבעט ניט?

— ניין, — ענטפערט װיינבערג. — דאָס „קעסטעלע״ האָט זיך „פאַר־קילט״ . . . עס אַרבעט נישט . . .

— גיב מיר תקיעת־כף, — מאַכט דער רב, אַז דו װעסט מער נישט מחלל שבת זיין און דיין „קעסטעלע״ װעט װידער אָנהויבן צו אַרבעטן.

— אָט האָט איר מיין תקיעת־כף, — גיט אים װיינבערג די האַנט, אַז איך װעל מער נישט מחלל שבת זיין מיט׳ן קעסטעלע!

— און איצט, — האָט װייטער געזאָגט דער רב צו װיינבערג׳ן, — שפּיל אויף עפּעס אַ פריילעכעס לכבוד מלוה־מלכה.

מיט אַ ציטערדיקן האַרץ איז װיינבערג צוגעגאַנגען צום פאָנאָגראַף און אָנגעשטעלט צו שפּילן אַ חסידיש׳ן ניגון און . . . . אַ נס איז געשען! דער

פאַנאָגראַף האָט געשפּילט, ווי ס׳וואָלט מיט אים קיינמאָל גאָרנישט געשען...

— זינט דעמאָלט, — האָט וויינבערג פאַרענדיקט די מערקווירדיקע געשיכטע, — האָב איך אויפגעהערט מחלל שבת צו זיין און אויפגעגעבן דאָס אַרומדראַליען מיט׳ן פאַנאָגראַף איבער די גאַליצישע שטעט און שטעטלעך.

אויך מיט׳ן פאַרמעגן, וואָס וויינבערג האָט אָנגעזאַמלט אין דער צייט, ווען ער האָט אַרומגעוואַנדערט איבער דער גאַליצישער מדינה, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם! אַפילו פונ׳ם געדאַנק חתונה צו האָבן מיט אַ באַרימטער יידישער אַקטריסע, וואָס זאָל איבערשטייגן זיין שיינע, באַרימטע שוועגערין סאַלטשע, איז גאָרנישט געוואָרן.

און אָט צוליב וועלכער מערקווירדיקער סיבה:

משה וויינבערג פלעגט די קליינע מטבעות, וואָס מען האָט אים געגעבן פאַר הערן שפּילן אויפ׳ן פאַנאָגראַף, אויסטוישן אויף גרעסערע באַנקנאָטן, פריער, אויף הונדערטער און שפּעטער, אויף טויזנטער. די דאָזיקע גרויסע באַנקנאָטן, פינף איינצלנע אלפים, האָט ער אַריינגעלעגט אין זיינע שיך, כדי מען זאָל זיי אים נישט צו׳גנב׳ענען. אין די שיך, — האָט וויינבערג זיך געטראַכט, — איז דאָך דאָס „זיכערסטע אָרט״.

ווען ער איז צוריק געקומען קיין לעמבערג, האָט ער אויסגעטאָן די שיך זיינע, כדי פון דאָרט אַרויסצונעמען דעם גרויסן אוצר, די פינף טויזנט קראָנען. אָבער צו זיין גרויסער איבערראַשונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס פּאַפּיר־געלט איז אין זיינע שווייסיקע שיך געוואָרן צעריבן אויף פּיצלעך און קיין שום באַנק האָט זיי נישט געוואָלט אויסטוישן, ווייל דאָס פּאַפּיר־געלט האָט געהאַט אַ פּנים פון פאַרפוילטן שטויב . . . .

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט משה וויינבערג׳ס גרויסער חלום, חתונה צו האָבן מיט אַ באַרימטער יידישער אַקטריסע פון גימפּעל׳ס טעאַטער אין לעמבערג, וואָס זאָל איבערשטייגן זיין שוועגערין סאַלטשע. משה וויינבערג איז געוועזן אַ ביז־גאָר שוואַכער אַקטיאָר און ער האָט אינגאַנצן אויפגעגעבן די אַקטיאָרישע פּראָפעסיע. ער איז געוואָרן אַ גאַרדעראָבער און פלעגט אויסבאָרגן קאָסטיומען פאַר דעם יידישן טעאַטער אין ווין און פון דעם פלעגט ער האָבן אַ געמוטשעטע פּרנסה.

# פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט

# אַן אַקטיאָר פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך בין דעם „דאַרפסיונגס" אַ ברודער . . .

אין חודש אויגוסט, 1920, ווען איך בין, צוליב דער דעמאָלטיקער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, אַנטלאָפן פון וואַרשע קיין ווין, האָב איך שוין געהאַט געזען אַ גרעסערע צאָל פּיעסן, וואָס די „ווילנער טרופּע" האָט דעמלט אויפגעפירט אין'ם וואַרשעווער „עליזעאום"־טעאַטער; צווישן זיי האָב איך אויך געזען אַ שיינע אויפפירונג פון לעאָן קאָברינ'ס פּאָפּולערע פּיעסע, „דער דאָרפסיונג" (אָדער „יאַנקל בוילע").

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין דער זעלבער וואָך, ווען איך בין צוריק געקומען קיין ווין, האָט אַ יידישע חברים־טרופּע, אונטער דער לייטונג פון דעם יידישן אַקטיאָר און רעזשיסאָר, איטשע דייטש, אויפגעפירט די זעלבע פּיעסע אינם ווינער „לוסטשפּיל־טעאַטער".

מאַכנדיק אַ פאַרגלייך ווי מען האָט גע־שפּילט אָט די פּיעסע ביי די „ווילנער" אין וואַרשע און ווי מורא'דיק זי ווערט געשפּילט פון די ווינער יידישע אַקטיאָרן, האָב איך, — צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, — אָנגעשריבן אַ רעצענזיע און אָנגעוויזן (אויפ'ן סמך פון דעם וואָס איך האָב געזען ביי די „ווילנער"), וואָס ס'איז געווען גוט און וואָס איז געשטאַנען אונ־טער יעדער קריטיק.

איטשע (יצחק) דייטש.

די רעצענזיע האָב איך גע'חתמ'עט מיט מיין פּען־נאָמען, „ש. י. דאָרפזאָן", (וואָס איך באַנוץ עד־היום), און האָב זי צוגעשיקט מיט דער פּאָסט צו דער רעדאַקציע פון דער צייטונג „יידישע מאָרגנפּאָסט", וועלכע איז דעמאָלט דערשינען אין ווין.

דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, נ. מ. ראקער, ע"ה, וועלכער איז צופעליק געווען ביי דער ווינער אויפפירונג פון „דאָרפסיונג" האָט, אפנים, מסכים געווען מיט מיין בייסיקער רעצענזיע און ער האָט זי אָפּגעדרוקט, הגם ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט געהערט פון דעם נאָמען „ש. י. דאָרפזאָן" און מיך נישט געקענט פּערזענלעך.

ווען די רעצענזיע איז דערשינען, האָט זי אַרויסגערופן אַ רעש אין ווינער אַקטיאָרישן וועלטל. דאָס קאָפּע „נאַציאָנאַל", וווּ די ווינער יידישע אַקטיאָרן פלעגן פאַרקערן, האָט געדרוישט ווי אין אַ בינשטאָק. מען איז געלאָפן אין דער

רעדאַקציע פון דער „יידישער מאָרגנפאָסט" און געפרעגט ביים רעדאַקטאָר, פאַרוואָס ער האָט געלאָזט פאַרעפנטלעכן אַזאַ פאַרניכטנדיקע קריטיק! נ. מ. ראקער האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז הינטער דעם נאָמען „דאָרפזאָן" באַהאַלט זיך אַ „באַרימטער יידישער שרייבער" . . .

אַז די נייגעריקייט מכח דער געהיימניספולער פערזאָן פון מיין וויניקייט

דער אנסאמבל פון „שטעפאַני"־טעאַטער אין ווין, אין יאָר 1921.
ערשטע ריי, זיצנדיק (פון רעכטס צו לינקס): לעאָפּאָלד יונגווירט, סאַלטשע וויינבערג, מאָלי פּיקאָן, יעקב קאַליך (אַלס גאַסטראָליאָרן), פּאָלאַ דרייבלאַט, לאָרקע גליקסמאַן, מוניע שטרענג (דאָס יונגעלע, וואָס זיצט נעבן דעם טאָוול, איז דעם אַקטיאָר דאָלי נאַכבאַר'ס אַ ברודער)׳; צווייטע ריי, שטייענדיק (פון רעכטס צו לינקס): י. וואַלדבערג, יונה רייזמאַן, אַדאָלף מעלצער, הערמאַן פּאָדזאַמטשע, אביש מייזעלס, נ. קאַץ, אַדאָלף בעל, הערמאַן חיינבערג, משה חיינבערג, הערמאַן טוניס און משה טארלאָווסקי.

איז אויך ביים רעדאַקטאָר גופא געוואָרן גרויס, האָט ער מיר געשריבן אַ בריוו, איינלאַדנדיק מיך אין רעדאַקציע אָפּצונעמען האָנאָראַר פאַר דער רעצענזיע און, ביי דער געלעגנהייט, זיך צו באַקענען מיט מיר פערזענלעך.

איך האָב גערן אָנגענומען די איינלאַדונג, און בין געקומען אָפּנעמען דעם סאַמע ערשטן האָנאָראַר אין מיין לעבן פאַר אַ געדרוקטער טעאַטער־רעצענזיע.

דערזעענדיק פאַר זיך אַ בחור'ל אין די סאַמע 20־ער יאָרן מיט אַ בלייך פנים, וואָס פלעגט זיך נאָך רויטלען, האָט ראקער גאָר העפלעך מיך געבעטן זיצן. דאַן האָט ער מיך מכבד געווען מיט אַ „לחיים" און מיר געגעבן דריי טויזנט קראָן! אַ סומע, וואָס איז געווען אַ בכבוד'יקער האָנאָראַר פאַר אַ רע־צענזיע פון אַן אָנגעזעענעם טעאַטער־קריטיקער, אַ פשיטא פאַר אַן אָנפאַנגער,

װעלכער װאָלט גערן מסכים געװען זיך צו זען געדרוקט אַפילו אָן האָנאָראַר.

אין דער זעלבער צייט, װען מען האָט מיך איינגעלאַדן אין דער רעדאַק־ציע, האָט מען אויך פאַרבעטן דעם אַקטיאָר איטשע דייטש, װעלכער האָט זיך כסדר איבערגעװוּנקען מיט ראַקער׳ן, װי ר׳װאָלט װעלן זאָגן: „אָט דאָס יינגל איז דער טעאַטער־קריטיקער?"

איטשע דייטש איז געװען אַ קאַלטבלוטיקער מענטש און ער איז נישט נתפּעל געװאָרן פון קיין שום זאַך, שוין אָפּגערעדט פון אַ שלעכטער רעצענזיע װעגן אַ פאָרשטעלונג. דאָך האָט אים מיין יונגקייט און נאַאיװיטעט שטאַרק פאַראינטריגירט, און ער האָט מיך פאַרבעטן אין קאַפע־הויז פון די יידישע אַקטיאָרן.

װען די חברה האָט מיך דערזען אין דער געזעלשאַפט פון איטשע דייטש האָבן זיי געמיינט, אַז איך בין אַ פרישער אַקטיאָר, אָקאָרשט געקומען קיין װין. אָבער װען ער האָט מיך פאָר זיי פאָרגעשטעלט אַלס „דאָרפּזאָן", האָט „געפּלאַצט דער בלאָטער"...

— אָט דאָס איז דער „סמוריאַן"? (יינגל אויפ׳ן אַקטיאָרישן לשון), — האָבן די אַקטיאָרן זיך גע׳חידוש׳ט. — דאָס „יינגל" (געמיינט מיך) װעט שרייבן רעצענזיעס און אונז לערנען װי מיר האָבן צו שפּילן יידיש־טעאַטער?!

— סנעק! (שװייגן), — האָט קאַלטבלוטיק אַ זאָג געטאָן איטשע דייטש.

— אָט דער יונגערמאַן (אָנװייזנדיק אויף מיר) איז שוין גאָרנישט קיין „סמוריאַן"! קיינער, װי ער, האָט נישט אַזאַ רעכט צו שרייבן אַ רעצענזיע װעגן דעם „דאָרפּסיונג"", װייל ער איז דאָס „דאָרפּסיונגס" אַ לייבלעכער ברודער...

הגם איטשע דייטש איז געװען באַקאַנט פאַר אַ גרויסן לץ, האָבן די אַקטיאָרן זיך נישט געכאַפּט אין זיין נייעסטן װיץ און האָבן מיך שטאַרק איבער־געבעטן פאַר די באַליידינדיקע באַמערקונגען אויף מיין חשבון.

— אויב „דאָרפּזאָן" איז דעם „דאָרפּסיונגס" אַ ברודער, — האָבן זיך די אַקטיאָרן אַנטשולדיקט, — איז עס אַן אַנדערער ענין...

## ער איז מתפלל אויף אַ רעגן און ס׳העלפט נישט!

אין יאָר 1920, איז װין געװען אַ װיכטיקער יידישער טעאַטער־צענטער. אַחוץ דער שטענדיקער חברים־טרופּע, װאָס האָט געשפּילט טעגלעך יידיש־טעאַטער אין „האָטעל־שטעפאַני", אויף דער טאַבאָר־שטראַסע, אונטער דער דירעקציע פון שלום פאַדזאַמטשע, איז אויך טעטיק געװען „די פרייע יידישע פאָלקס־בינע", װאָס דער פריער דערמאָנטער איטשע דייטש האָט אָנגעפירט. אין דעם קליינעם טעאַטער „אַסטאָר" אויף דער פּראַטער־שטראַסע, איז געװען טעטיק אַ יידישער קאַבאַרעט, װאָס האָט געגעבן טעגלעכע פאָרשטעלונגען. ס׳האָט

דעמאָלט בכלל געווימלט מיט יידישע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען געקומען קיין ווין איינצלווייז, אָדער אין גרופּן; אויף אַ קורצער, אָדער לענגערער צייט.

אַ יידישע טעאַטער־טרופּע, אָנגעפירט פונ׳ם אַקטיאָר פּאול ברייטמאַן און זיין פרוי, די אויסגעצייכנטע אַקטריסע וויערא קאַניעווסקא ע״ה, איז דע־מאָלט געקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּל קיין ווין. מיט נסים האָבן זיי זיך אַרויס־געראַטעוועט פון דעם בהלה׳דיקן אָדעס, וואָס איז אַ געוויסע צייט געווען אָקופּירט פון די אַליאירטע אַרמייען.

אין דער פּאול־ברייטמאַן־טרופּע האָבן זיך געפונען די פאָלגענדע אַק־טיאָרן: שלום צוקער און זיין פרוי מישנאַיעווסקא, מענדעלעוויטש מיט זיין פרוי, פּעפּי ליטמאַן מיט איר צווייטן מאַן אָרשאַנסקי און נאָך אייניקע אַקטיאָרן.

מיט דער דאָזיקער טרופּע איז אויך געקומען אַן עלטער פּאָר־פאָלק, דער פאָטער און די מוטער פון דער פרוי מישנאַיעווסקא. דער אַלטער מישנאַיעוו־סקי איז געווען אַ זער פרומער, שטאַרק אָפּגעהיטענער ייד, אַ שטיקל למדן, וועלכער האָט אַליין געשריבן און פאַרעפנטלעכט העברעאישע ספרים׳לעך אויף פאַרשיידענע, מיסטיש־קבלה׳שע טעמעס. די דאָזיקע ספרים׳לעך פלעגט ער פאַרקויפן צווישן די פרומע יידן אין ווין. אָבער קיין פרנסה האָט ער דערפון נישט געהאַט.

אָט דער פרומער פאָטער פון דער יידישער אַקטריסע פלעגט מתפלל זיין, אַז אין די הייסע זומער־טעג, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין ווין, זאָל רעגנען, כדי די יידן זאָלן קומען אין טעאַטער אַריין . . .

די אַקטיאָרן פון דער פּאול־ברייטמאַן־טרופּע פלעגן דעם אַלטן פרומען ייד אונטערשטיצן פאַר זיינע תפילות, אַז ס׳זאָל טאַקע פאַלן אַ רעגן. דער פרומער זקן האָט געטון וואָס ער האָט געקאָנט; געזאָגט תהלים און געפאַסט תעניתים, אָבער אָן דערפאָלג! ס׳האָט נישט גערעגנט . . .

ווען די אַקטיאָרן האָבן פאַרלוירן דעם צוטרוי צו זיינע תפילות און די זון האָט, ווי אויף להכעיס, געסמאַליעט און געבראָטן, האָט דער ייד אָנגעהויבן צו רעוואָלטירן, שטעלנדיק דעם רבונו של עולם אַן „אולטימאַטום״:

— אויב דו דערהערסט נישט מיין געבעט און באַווייזט אַ נס, אַז ס׳זאָל רעגענען, ווער איך אַן אפיקורס! . . .

דער רבונו של עולם האָט זיך אָבער נישט דערשראָקן פאַר דעם אַלטן מישנאַיעווסקי׳ס „אולטימאַטום״ און ס׳האָט אַלץ נישט גערעגנט. אָבער ער איז, חלילה, נישט געוואָרן קיין אפיקורס . . .

די אַקטיאָרן, פון זייער זייט, האָבן שטאַרק מיטלייד געהאַט מיט דעם טייערן, פרומען ייד און האָבן אים ווייטער אונטערגעשטיצט, אַפילו ווען ער האָט נישט מתפלל געווען אויף רעגן, כדי ס׳זאָל זיין אַ „סבאָר״ אין יידישן טעאַטער און זיין טאָכטער מיט׳ן איידעם זאָלן האָבן פרנסה.

# אין „אויסגעלאסענע שולמית״ . . .

אין חודש מאַי, 1921, האָב איך געמאַכט מיין ערשטן „דעביוט״ אַלס אַ מין ליטעראַרישער „כל־ולך״ ביים יידישן טעאַטער. צוזאַמען מיט אַ קליינער יידישער טעאַטער־טרופּע בין איך אַרויסגעפאָרן אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי, כדי צו געבן יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין די פּראָווינץ־שטעט פון בעמען, מערן און טשעכיש־שלעזיען. גלייכצייטיק האָב איך מיך מתחייב גע־ווען צו שיקן אַ סעריע רעפּאָרטאַזשן פון מיין נסיעה איבער דער טשעכאָ־סלאָוואַקיי פאַר דער ווינער „יידישע מאָרגנפּאָסט״ און פאַר אַנדערע צייטונגען אין וועלכע איך האָב מיטגעאַרבעט אַלס אַ קאָרעספּאָנדענט פון ווין.

אונזער חברים־טרופּע איז באַשטאַנען פון בלויז זיבן מענטשן, איינגע־שלאָסן מיין ווייניקייט. דערפאַר האָבן מיר מיטגענומען אַזש צוויי מוזיקער, דעם טראַגיש־אומגעקומענעם פידלער, בערנאַרד זאוואדזקי, און אַ קריסטלעכן פּיאַניסט מיט׳ן נאָמען פּעשקאַ.

אַ דייטשער טעאַטער־אימפּרעסאַריאָ פון דער מערישער הויפּט־שטאָט ברין, דערוויסנדיק זיך אַז אַ יידישע טעאַטער־טרופּע, וואָס רופט זיך „האור״, גאַסטראָלירט אין דער סלאָוואַקיי און מאַכט זער גוטע געשעפטן, האָט זיך אים אויך פאַרגלוסט אָפּצולעקן אַ ביין, איז געקומען קיין ווין צוזאַמענצושטעלן אַ קליינע יידישע טעאַטער־טרופּע, כדי מיט איר צו מאַכן אַ טורנע איבער די פריער דערמאָנטע פּראָווינצן.

דעם ערשטן „ברוך הבא״ האָט אונז דער קריסטלעכער אימפּרעסאַריאָ געגעבן אין דער שטאָט ברין (ברנאָ, אויף טשעכיש), אין דעם דאָרטיקן טעאַ־טער, וואָס האָט געהייסן „דאָס דייטשע הויז״.

די גאַנצע שטאָט האָט ער פאַרפּלייצט מיט ריזיק־גרויסע אַפישן, באַ־קאַנטמאַכנדיק, אַז „די וועלט־באַרימטע יידישע אָפּערעטן־טרופּע״ וועט זיך פּרעזענטירן פאַר די יידן פון ברין מיט דער באַרימטער גאָלדפאַדנ׳שער אָפּערעטע „שלומית״. ווי אַזוי זעקס געציילטע מענטשן וועלן באַווייזן דאָס גרויסע „נס״ און שפּילן „שולמית״, האָב איך מיר ניט געקענט פאָרשטעלן. אָבער לעאָפּאָלד יונגווירט, אַ גרויסער מזיק אין „צושניידן״ פּיעסן מיט אַ פּערסאָנאַזש פון 20 אַקטיאָרן פאַר 10 און ווען נויטיק, אַפילו פאַר פיר און פאַר צוויי אַקטיאָרן, אַבי „ער״ און רק „ער״ זאָל זיך אַרויסזען, האָט אָבער ניט געקענט באַווייזן די „שטוקע״ ביי „שולמית״ . . .

אין ברין האָבן זיך דעמאָלט געפונען איבער 300 יידישע סטודענטן פון פּוילן, ליטע, רומעניע און אַנדערע לענדער, איינגעשלאָסן די טשעכאָסלאָוואַ־קיי, וועלכע האָבן שטודירט אויף די דאָרטיקע אוניווערזיטעטן.

ווען די ריזיקע אַפישן וועגן אונזערע גאַסטראָלן האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט, זענען די בילעטן פאַר דער ערשטער פאָרשטעלונג אויספאַרקויפט

געוואָרן אין משך פון זעלביקן טאָג. אונזער אימפּרעסאַריאָ, (קראַטקי האָט ער געהייסן), האָט אונז טעלעגראַפיש מיטגעטיילט די בשורה־טובה, אַז די ערש־טע פאָרשטעלונג איז שוין אויספאַרקויפט, און מיר זענען געפאָרן מיט אַ פריילעך געמיט קיין ברין.

אין אָוונט פון דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „שולמית", איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, בין איך אַרויס אויף דער בינע באַגריסן דעם ריזיקן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס טעאַטער ביז איבער די ברעגעס. איך האָב פאַר זיי געוואָלט דערקלערן דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע און ווער אברהם גאָלדפאַדען איז געווען. אָבער די סטודענטן פון פּוילן, ליטע און רומעניע, קענענדיק דעם אינהאַלט פון „שולמית" פּונקט אַזוי גוט ווי איך, האָבן זיך גענומען בונטעווען . . . ס'האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס מען „בלאָפט" זיי! אין זייערע לענדער איז „שולמית" אויפגעפירט געוואָרן מיט אַן אנסאמבל פון צענדליקער אַקטיאָרן און מיט אַ גרויסן כאָר, וועמעס געזאַנג איז באַגלייט געוואָרן פון אַן אָרקעסטער, און נישט בלויז פון צוויי, פריער דערמאָנטע, מוזיקער . . . די סטודענטן האָבן געמאַכט צווישנרופן, נישט דערלאָזנדיק מיך קומען צום „פּסוק" . . .

פאַרשטייט זיך, אַז די פאָרשטעלונג האָט געכאַפּט דעם אמת'ן בראָך! ס'איז געווען קלאָר, אַז „אויף כח" זאָל מען נישט, אַ פּיעסע ווי „שולמית", אויפפירן מיט עטלעכע, געציילטע אַקטיאָרן.

צומאָרגנס, ווען איך און לעאָפּאָלד יונגווירט זיינען געגאַנגען אין דער רעדאַקציע פון דער דאָרטיקער יידיש־דייטשער וואָכנצייטונג, „יודישע פאָלקס־שטימע", האָט דער רעדאַקטאָר, מאַקס היקל, אַן עלטערער מענטש, אונז אויפגענומען גאָר קאַלט און ברוגז'דיק.

— וויסן זי, — האָט געזאָגט הער היקל צו יונגווירט'ן, — איר „סולאַ־מיט" (שולמית) וואַר אויסגעלאַסן . . . יאַ, זער אויסגעלאַסן . . . ס'איסט איינע שאַנדע!

— וואָס רעדט איר, הער היקל? — איז יונגווירט געוואָרן אויפגעקאָכט,
— מיין פרוי איז אַן אויסגעלאַסענע?!

— גאָט בעוואַהרע, — פאַרענטפערט זיך הער היקל, — איך מיין ניכט אירע פרוי, זאָנדערן „סולאַמיט", דאס שטיק וואָס זי אויפגעפירט האַבן, וואַר אויסגעלאַסן . . . (געמיינט, געקירצט און געשניטן) וואָס אויפ'ן דייטשן לשון האָט עס די זעלביקע באַטייטונג ווי פאַר אַן אויסגעלאַסענע פרוי . . .

## מיט דעם געלט פון א „צדקה תציל ממות״־פושקע באצאלט פאר דער אכסניה . . .

נישט געקוקט אויף דעם מאָראַלישן דורכפאַל, וואָס מיר האָבן געליטן אין ברין צוליב דער „אויסגעלאַסענער״ פאַרשטעלונג פון „שולמית״, איז אונזער קליינע טרופּע נישט אַנטמוטיקט געוואָרן. לעאָפּאָלד יונגווירט וועלכער איז, זאָל ער מיר מוחל זיין, געווען אַ גרויסער „קאַיאַף״ (נישט פאַרגינער), האָט פון דעם דורכפאַל נישט געלערנט קיין מוסר השכל און בשום אופן נישט געוואָלט איינזען, אַז מ׳קען נישט בלאָפן דעם עולם מיט אַן „אויפפירונג״ פון „שולמית״, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך בלויז אַ פינף־זעקס אַקטיאָרן.

דער דייטשער אימפּרעסאַריאָ, וועלכער האָט פינאַנסירט אונזער טורנע, האָט נישט געהאַט קיין השגה, צי די „אויסגעלאַסענע שולמית״ איז געווען אַ דורכפאַל, פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, צי נישט; דער עיקר איז ביי אים געווען דער מאַטעריעלער דערפאָלג אין ברין, און ער האָט געהאָפט, אַז מיט אונזער טרופּעלע וועט ער האָבן ענלעכע מאַטעריעלע דערפאָלגן אויך אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון דער טשעכישער פּראָווינץ.

ער האָט צו אונזער רשות געשטעלט זיינס אַ פאַרטרויאונגס־מענש, אויך אַ דייטש, האַנס מאָזער האָט ער געהייסן, וועלכער האָט פאַר אונז געדונגען די גרעסטע און די שענסטע שטאָטישע טעאַטער־בנינים און אונז איינקוואַרטירט אין די פיינסטע האָטעלן. די לאָקאַלע טשעכישע און דייטשע צייטונגען זיינען פאַרפּלייצט געוואָרן מיט גרויסע אַנאָנסן און נאָטיצן וועגן אונזערע פאַרשטעלונגען און מיר אַלע זיינען געווען מער ווי זיכער, אַז מיר וועלן באַגליקן. אָבער וואָס לענגער עס האָט זיך פאַרצויגן אונזער טורנע, אַלץ אָרימער און מאָגערער איז געוואָרן די קאַסע פון׳ם דייטשן אימפּרעסאַריא, ביז ער האָט אונז געלאָזט שטעקן אויף הפקר אין דער טשעכישער שטאָט פּילזן.

נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת האָבן מיר באַשלאָסן צו נעמען אונזער גורל אין אונזערע אייגענע הענט אַריין און אויף אייגענער אחריות פאָרזעצן די טורנע איבער די סודעטן־דייטשע שטעט און שטעטלעך, ווו ס׳האָבן געוווינט אַ גרעסערע צאָל יידן. מיר האָבן זיך דערשלעפּט קיין טעפּליץ־שענאו און דאָרט אויפגעשטעלט אונזער אָרים טעאַטער־געצעלט.

נישט געקוקט אויף דער גרויסער רעקלאַמע, וואָס מיר האָבן געמאַכט לכבוד דער אויפפירונג פון דער „אויסגעלאַסענער שולמית״, זיינען די דאָרטיקע יידן נישט געקומען צו אונזערע פאַרשטעלונגען! אפשר, אַז זיי האָבן „דערקנאַסט״ (דערקאַנט), אָדער זיך דערוווּסט פון דער פּאָגראָמירטער אויפפירונג פון גאָלדפאַדנ׳ס פּיעסע, און אונז אָפּגעטון „אויף טערקיש״.

ווען מיר האָבן אין אייניקע טעג אַרום געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט און פּרווון אונזער מזל אין אַן אַנדער מקום, האָבן מיר נישט געהאַט אויף קיין

רייזע־הוצאות, און אודאי נישט צו באַצאָלן פאַר אונזערע אכסניות ווו מיר זיינען איינגעשטאַנען. זיינען מיר פאַרבליבן אין טעפליץ־שענאו און „געשלונגען די סלינע”, וואַרטנדיק אויף אַ נס, וואָס איז, ווי דער שטייגער, נישט געשען.

מיט אונז אין דער טרופּע איז געווען אַ קאָמיקער, מענדעלע ראָזנער, וועלכער האָט געשטאַמט פון רומעניען און האָט זיך איינגעבילדעט, אַז ער איז דער בעסטער „צינגעטאַנג”, וואָס מאַכט די פאַרשיידנסטע „פּוילע שטיק” אין „שולמית”.

מענדעלע ראָזנער איז געווען אַ קליין, אויסגעדאַרט מענטשעלע און האָט זער ליב געהאַט דעם „ביטערן טראָפּן”. ווי קליין ער איז געווען, אַזוי גרויס איז ער געווען אַלס שכור! ער האָט געקענט אַריינזשליאַקען גאַנצע פלעשער בראָנפן און נישט פאַלן פון זיינע קליינע, אויסגעמאָגערטע פיסלעך.

שיכורים זיינען, בטבע, גוטמוטיקע מענטשן. אויך מענדעלע ראָזנער איז געווען אַ גוטהאַרציק מענטשל, און ער האָט מיך ליב געהאַט, ווי כ׳וואָלט געווען זיינער אַ ברודער. ער האָט מיך שטאַרק מקרב געווען און זיך געטיילט מיט מיר מיט׳ן לעצטן ביסן. מיר האָבן געוווינט אין איין צימער און ער האָט מיך אָפּגעהיטן, אַז ס׳זאָל מיר גאָרנישט פעלן.

מענדעלע איז געווען זער דערפינדעריש אויף צו שאַפן עטלעכע טשעכישע קראָן. פון אונטער דער ערד פלעגט ער אויסגראָבן אַ מטבע, אַז מיר זאָלן האָבן אַ שטיקל ברויט, אַ פּאַפּיראָס און אויף אַריינצוגיין אין אַ קאַפעהויז. ער איז געווען אַ מזיק אויף שליסן באַקאַנטשאַפטן מיט כל׳ערליי „דוי־לעווקעס” (ד.ה. פרויען און מיידלעך), וואָס פלעגן פאַר גראָשנס, אָדער אַפילו אומזיסט, אויסוואַשן אונזערע וועש; פאַרריכטן אַ זאָק, אָדער אויספּוצן אונזערע לאָ־עליכם׳דיקע שיך, וועלכע האָבן אָנגעהויבן לעכצן נאָך אַ שטיקל זויל און אַ קלעצל . . .

אַמאָל מאַכט מיר מענדעלע ראָזנער דעם פאָלגענדיקן פאַרשלאָג:

אין דער שכנות׳דיקער שטאָט, טעטשען־באָדענבאַך, איז פאַראַן אַ דייטשער קאַבאַרעט, וועמעס אייגנטימער איז אַ ייד. היות ער קאָן אַביסל זינגען דייטשע און רומענישע לידער וועט אים אפשר געלינגען זיך צו אַנגאַזשירן אין דעם קאַבאַרעט אויף אַ קורצער צייט, און פאַר דעם געלט וואָס ער וועט פאַרדינען, וועלן מיר האָבן צו באַצאָלן פאַר דער אכסניה. מעגלעך, אַז ס׳וועט אונז נאָך בלייבן אַ פּאָר קראָן אויף צו דעקן די רייזע־הוצאות, ביז מיר וועלן זיך דערשלעפּן צוריק קיין ווין, אָדער לפחות אין די שטעטלעך, וואָס ליגן נאָענט צו ווין און פון דאָרט וועלן מיר זיך שוין יאַקאָש „דערפענטען” צו אונזער ציל.

געפעלט מיר מענדעלע׳ס עצה און מיר ביידע פאָרן קיין טעטשען־באָדענבאַך, וואָס ליגט האַרט ביי דער דייטש־זאַקסישער גרענעץ.

מענדעלע דערציילט פאַר דעם יידישן אייגנטימער פון קאַבאַרעט וועגן וואָס ער איז געקומען און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה, צעלאָזט ער

זיך מיט אַ רומענישער „דוינע" און האָפּקעט אונטער מיט זיינע דאַרע פיסלעך עפּעס אַ טענצעלע, פון וועלכן דער יידישער קאַבאַרעטניק ווערט נישט אַזוי שטאַרק באַגייסטערט . . .

זאָגט צו אים מענדעלע ראָזנער:

— אויב מיין זינגען און טאַנצן אויף רומעניש געפעלט אייך נישט, טאָ אפשר וועט אייך געפעלן אַ יידיש לידל?

— אַ „בריוועלע דער מאַמען" קענסטו זינגען? — פרעגט אים דער דייטשע ייד.

און מענדעלע ראָזנער צעטריליעט זיך מיט אַ „בריוועלע דער מאַמען", וואָס ער האָט אַרויסגעקוועטשט פון זיין שוואַך שטימעלע. בעת־מעשה האָט ער אַ וויין־געטון מיט ביטערע טרערן, וואָס האָבן משפּיע געווען אויפ׳ן דייטשן ייד, אַז ער זאָל זיך פאַרשטעלן די אויגן מיט אַ טאַשנטיכל. אפנים פאַר חרפּה איז ער אויף אַ וויל אַרויס אין אַ צווייטן צימער אַריין.

— ס׳איז „קליף" (גוט, הייסט עס) — גיט מענדעלע צו מיר אַ ממזר׳ישן ווונק מיט זיין לינק אויגעלע . . .

תיכף קומט דער דייטשער ייד צוריק און דערלאַנגט מענדעלע׳ן אַ הונ־דערט קראַן באַנקנאָט פאַר דער טרער, וואָס דאָס „בריוועלע דער מאַמען" האָט אַרויסגעצויבערט פון זיינע אויגן.

— צו מיין גרויסן באַדויערן — פאַרענטפערט זיך דער דייטשער ייד — קאָן איך אייך נישט אַנגאַזשירן אין מיין קאַבאַרעט, ווייל מיינע קונים זיינען נישט קיין יידן, נאָר דייטשן און זיי דאַרפן נישט קיין „בריוועלעך" פון זייערע זונה׳שע טאַטע־מאַמע . . .

מיט דעם אָפּזאָג האָט זיך אָפּגעשלאָסן מענדעלע ראָזנער׳ס חשק אויפצו־טרעטן אין אַ דייטשן קאַבאַרעט. מענדעלע האָט מיר געגעבן אַ העלפט פון׳ם הונדערטער און מיר געהייסן צוריקפאָרן קיין טעפּליץ־שענאו און ער איז פאַרבליבן אין טעטשן־באַדענבאַך צוליב דעם פאָלגענדן „משא־ומתן".

צופעליק האָט מענדעלע זיך דערוווּסט, אַז אין דער שטאָט איז געשטאָרבן איינער פון די חשוב׳סטע יידישע בעלי־בתים, ווּעמעס לוויה דאַרף פאָרקומען דעם אַנדערן טאָג. מענדעלע איז נישט פויל און גייט צום פאָרשטייער פון דער דאָרטיקער חברה־קדישא און בעט ביי אים, אַז ער זאָל אים אויסבאָרגן די „צדקה־פּושקע" . . .

פאַר דעם פאָרשטייער האָט מענדעלע דערציילט אַ טראַגישע מעשה, ווי אַזוי ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן קיין טעפּליץ־שענאו, צוזאַמען מיט אַ חברה יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן נישט קיין „פּאַפּע" (צו עסן), און נאָר די צדקה־פּושקע קאָן אים און די טרופּע אַרויסראַטעווען פון דער גרעסטער פאַר־צווייפלונג . . .

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט דער פאָרשטייער פון דער חברה־

קדישא זיך נישט אָריענטירט אין דער לאַגע און האָט מענדעלע ראָזנער „אויס־געבאַרגט" די צדקה־פּושקע.

בשעת דער לוויה האָט מענדעלע געקלאַפּט מיט דער פּושקע און אויסגע־רופן: „צדקה תציל ממות" . . . צדקה, — האָט ער זיך צע'דבר'ט מעשה בעל־דרשן, — איז אַ גרויסער מצווה . . . פון געבן צדקה איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן . . .

נאָך איידער די לוויה האָט זיך פאַרענדיקט, איז מענדעלע נעלם געוואָרן מיט דער צדקה־פּושקע, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט גרעסערע און קלענערע באַנקנאָטן און מיט זילבערנע מטבעות אויף אַ סומע פון 500 טשעכישע קראָן!

פאַרשטייט זיך, אַז די טרופּע האָט נישט געטאָרט וויסן פון דעם אוצר, ווייל פון דעם „צדקה־תציל־ממות"־געלט האָט מען געמוזט באַצאָלן דעם חוב אין דער אכסניה, ווו מיר ביידע האָבן געוווינט. מיר האָבן, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, ווייטער געשפּילט די ראָלע פון פּאַטענטירטע קבצנים, צוגלייך מיט די אַנדערע מיטגלידער פון דער טרופּע.

---

## פאַרענדיקט די „אויסגעלאַסענע שולמית"־טורנע מיט אַ „ברוך שפּטרני"

קוים מיט צרות און מיט נסים האָבן מיר זיך אַרויסגעראַטעוועט פון טעפּליץ־שענאַו, און אָנגעהויבן צו וואַנדערן איבער די קליינע שטעטלעך פון סודעטן־לאַנד, ביז מיר האָבן זיך, ענדלעך, דערשלעפּט אין די באַרימטע טשעכישע קור־ערטער — קאַרלסבאַד, פראַנצעסבאַד און מאַריענבאַד, כדי צו געפינען אַביסל מנוחה ביי די דאָרטיקע יידישע קור־געסט, וואָס האָבן אין די צענדליקער טויזנטער, פון אַרבע פנות עולם, אָנגעפילט די באַטרעפנדע ערטער.

מיר האָבן פון דאָס ניי אויפגעשטעלט אונזער אָרים טעאַטער־געצעלט אינ'ם מאַריענבאַדער כשר'ן האָטעל „נאַציאָנאַל", וואָס האָט אָנגעהערט צו אַ זער פרומען און גאָר ווילן ייד, לייטנער, האָט ער געהייסן, וועלכער איז געווען טויב אויף אַן אויער און פלעגט אויפנעמען די רייד פון זיינע געסט מיט דער הילף פון אַ בלעכערנער טרובע, וואָס ער האָט תמיד געטראָגן מיט זיך.

אויך אין די דאָזיקע קור־ערטער האָבן מיר פאַרגעזעצט די אומגליק־לעכע און „אויסגעלאַסענע שולמית"־פאַרשטעלונגען, וואָס זענען אומעטום געווען, ווילט זיך זאָגן, אַ סגולה פאַר אַ גאַראַנטירטן דורכפאַל.

אַקטיאָרן האַלטן זיך בטבע פאַר זער קלוגע און געשעפטס־טיכטיקע מענטשן. זיי זיינען ס'רוב גרויסע עקשנים און ווילן נישט איינזען, ווי זיי באַנאַרישן זיך צוליב אָט דער איבערטריבענער גרויסקייטס־מאַניע.

אויך לעאָפּאָלד יונגווירט, דער „סטאַר” פון אונזער טרופּקע, האָט גע־הערט צו דעם סאָרט עקשנים. ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער ווייסט און פאַרשטייט בעסער ווי אַנדערע. אָבער ווען דער מורא׳דיקער דלות האָט שוין געהאַט געמאַכט אַ תל פון אונז, אַז ס׳איז ממש געווען סכנות־נפשות, האָט ער סוף־כל־סוף איינגעזען זיין לעכערלעכע אויפפירונג פון דער „אויסגעלאַסע־נער שולמית”, וואָס האָט אונז רואינירט מאָראַליש און מאַטעריעל. מיט אַ שווער הארץ האָט ער אונזער זער מאָגערן רעפּערטואַר „באַרייכערט” מיט עטלעכע שטאַרק צוגעסטריגעוועטע פּיעסן, צוגעפּאַסט פאַר די געציילטע זעקס מיטגלידער פון אונזער טרופּע.

נישט געקוקט אויף אונזערע אָנשטרענגונגען, האָבן מיר אויך אין מאַריענ־באַד „געטאַפּט אַ וואַנט”, ווייל די טויזנטער יידישע קור־געסט האָבן געהאַט עפּעס בילכערס צו טון ווי צו קומען בייוווינען אונזערע פאָרשטעלונגען. עס האָט זיי נישט אינטערעסירט צו זען ווי אַזוי מיר „דערלאַנגען די סחורה”.

עס וועט אויסקומען אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל גענויער זיך אָפּצו־שטעלן אויף די פאָרשטעלונגען, וואָס פאַרשיידענע טעאַטער־טרופּעס האָבן געגעבן אין דעם האָטעל „נאַציאָנאַל”. אָבער אַ פאַקט איז, אַז די יידישע קור־געסט פון מאַריענבאַד האָבן צווישן זיך געשלאָסן אַ מין קאָנספּיראַציע, נישט צו קומען צו אונזערע פאָרשטעלונגען, און דערמיט אונז פאַר׳משפּט צו „פּגר־נען” (הונגערן, הייסט עס).

לערך אַ וואָך פאַר ראש־השנה, ווען קאַרלסבאַד, פראַנצעסבאַד און מאַ־ריענבאַד האָבן זיך אויסגעליידיקט פון די אינטערנאַציאָנאַלע קור־געסט, האָבן מיר איינגעפּאַקט אונזערע בידנע קלימיקלעך און זיך געלאָזט אין וועג אַריין — צוריק קיין ווין, פונוואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער טורנע.

ווי סאָלדאַטן פון אַ געשלאָגענער אַרמיי נאָך אַ פאַרלוירענער שלאַכט, האָט אויסגעזען אונזער טעאַטער־טרופּקעלע; פאַר׳דלות׳ט, און אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה.

די ביטערע דערפאַרונג פון דער טורנע איבער די בעמישע, מערישע און שלעזישע שטעט און שטעטלעך, ווו איך האָב אָפּטמאָל געהונגערט און גע־פראַוועט בכבוד׳יקע תעניתים, האָט איבער מיר קיין שליטה נישט געהאַט. עס האָט מיך געצויגן, ווי מיט אַ מאַגנעט, צום ביטערן שטיקל „לחם עוני” פון יידישן טעאַטער, וואָס האָט געהאַט כל־ערליי זיסע טעמים . . .

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן אַ שטיקל „טעאַטער־מענטש” און מיט־געמאַכט „קאַלטס און וואַרעמס”, דרייענדיק זיך אַרום די פאַרשיידענע יידישע טעאַטער־טרופּעס און זייערע „בלאָנדזשענדע שטערנס” . . .

# קאנפיסקירט דאס צעבראכענע בעטל פון אן אקטיאר אלס א „משכון״ פאר א חוב . . .

אין די ערשטע וואָכן נאָך מיין אָנקומען קיין ווין, האָב איך אין דעם קאפע־הויז „נאַציאָנאַל״, אויף דער טאבאָר־שטראסע, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען דער שטענדיקער צונויפקום פון דער דאָרטיקער יידישער אַקטיאָרן־משפחה, באַגעגנט דעם יידישן אַקטיאָר עמנואל טשיזשיק, וועלכער איז נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה מגלגול געוואָרן קיין עסטרייך.

טשיזשיק איז נישט געווען פון די גרויסע אַקטיאָרישע „צעלייגערס״ און ער איז כמעט קיינמאָל נישט געווען אַנגאַזשירט אין די דעמאָלטיקע יידישע טעאַטערס אין ווין. העכסטנס פלעגט מען אים מצרף זיין צו אַ קליינער, אומ־וויכטיקער עפּיזאָדן־ראָלע אין אַ פּיעסע. אָבער טשיזשיק איז נישט געווען פון די מענטשן, וואָס זאָלן זיך באַקלאָגן איבער זייער פּערזענלעכער טראַגעדיע. גראָד פאַרקערט: ער האָט פיינט געהאַט צו האָבן אַן עול אויף זיין קליין קעפּל, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט אַ פּאָר קליינע, תמיד גוטמוטיקע אויגן. ער האָט פשוט געהאַסט צו זיין אַנגאַזשירט אין אַ טרופּע, כדי צו ווערן „פאַרשקלאָפּט״ ביי די פּראָבעס; ביינאַכט איינשמירן דאָס פּנים מיט שמינקע און אָנטון די „פּאַיאַצקע״ קליידער פאַר דער אָוונט פאַרשטעלונג. ער איז גע־ווען צופרידן, אַז מען לאָזט אים צו־רו און מען פאַרדרייט אים נישט דעם קאָפּ מיט דער באַקאַנטער „טעאַטער־פּאָליטיק״, וואָס איז תמיד געווען אַ וויכטיקער צושטייער אינ׳ם לעבן פון די יידישע אַקטיאָרן.

טשיזשיק איז געווען אַ קינסטלער־באַהעם אין דעם פולסטן זינען פון וואָרט. גאַנצע נעכט פלעגט ער זיך אַרומשלעפּן איבער די ווינער קאַפע־הייזער און קנייפּעס, ווו די „גוטע־ברידער״ פלעגן אים מקרב זיין מיט אַביסל עסן און מיט אַ שירייִמ׳ל פון זייערע פאַרדינסטן.

פונדעסטוועגן: ווען זיין מאַטעריעלע לאַגע פלעגט ווערן אַ קריטישע ביז גאָר (און דאָס האָט פּאַסירט גאָר אָפט!), דאַן פלעגט טשיזשיק אָנהויבן צו טראַכטן וועגן אַ „תכלית״. דאָס הייסט — זיך מאַכן אַ „בענעפיס״; צו פאַר־קויפן אַביסל בילעטן פאַר זיין „ערן־אָוונט״ און מיט דעם געלט פון דעם פאַר־פאַרקויף פון די בילעטן וועט ער האָבן צו באַצאָלן פאַר דירה־געלט און אַנ־דערע דרינגענדע חובות, וואָס זיינען אָנגעוואַקסן אויף זיין קאָפּ.

טשיזשיק׳ס „בענעפיסן״ פלעגן פאָרקומען אין דעם טעאַטער „ביירישן האָף״, אויף דער טאבאָר־שטראסע. עטלעכע חדשים פאַר זיין „ערן־אָבענד״ האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אַלטער, פון לעדער אָפּגעריבענער טעקע און מיט אַ פאַרשעמטן פּנים פון אַ „נעבעכל״, פלעגט ער אָנבאָטן די טעאַטער קאַרטן. דאָס איז געווען איינע פון זיינע וויכטיקסטע הכנסות, וואָס האָבן אים געסטאַיעט ביז צו דעם קומענדיקן „פינאַנסיעלן קריזיס״. דאַן האָט ער ווידער

אַנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ „שטיקל תכלית". דאָס הייסט, מאַכן די פּראָבאַ־רייטונגען פאַר דעם קומענדיקן „ערן־אָבענד"...

טשיזשיק'ס הויפּט־„קאַניאַק" איז געווען ראקאוו'ס באַקאַנטע פּיעסע „דער בטלן", מיט זיך פּערזענלעך אין דער הויפּט ראָלע. ער פלעגט פאַר דעם צוועק „אַנגאַזשירן" אייניקע דילעטאַנטן, אָדער אַ פּראָפעסיאָנעלן אַקטיאָר, וואָס זאָל אים באַשיינען די שמחה.

דער הויפּט־רעקוויזיט פון דער פּיעסע איז אַן אַלט צעבראָכן בעטל, וואָס שטייט אויף דער בינע, כדי צו רעפּרעזענטירן דעם מורא'דיקן דלות, וואָס האָט געהערשט אינ'ם הויז ביי די עלטערן פונ'ם „בטלן". אין דעם טאָג פון דער פאָרשטעלונג, פלעגט טשיזשיק אַרויסנעמען דאָס צעבראָכענע בעטל פון זיין אָרימען צימערל און עס אַרויפשטעלן אויף דער בינע. כדי דאָס בעטל זאָל אויסזען טראַגישער און עפעקטיווער פאַר'ן צושויער'ס אויג, האָט ער אויך מיטגענומען דעם שטרויענעם שעניק אויף וועלכן ער איז געשלאָפן און דערמיט צוגעדעקט דאָס אייזערנע בעטל.

עטלעכע שעה פאַר דער פאָרשטעלונג, ווען דער דירעקטאָר פונ'ם טעאַטער האָט געמאָנט ביי טשיזשיק'ן צו באַצאָלן דעם אָפּגעמאַכטן פּרייז פאַר'ן „בייערישן האָף", האָט טשיזשיק זיך פאַרענטפערט, אַז דער ענין ווערט דערליידיקט ווערן נאָך דער פאָרשטעלונג. איבעריקנס, —האָט טשיזשיק אַרגומענטירט, — שטייט דאָך מיין „בעט" אויף דער בינע! דאָס דאַרף פאַר אייך זיין אַ „זיכערע גאַראַנטיע", אַז איך וועל איינהאַלטן דעם אָפּמאַך און באַצאָלן ביז צו אַ פּרוטה פאַר'ן טעאַטער...

לערך אַ שעה ערב דער פאָרשטעלונג, ווען די אַקטיאָרן זענען שוין געווען אין די גאַרדעראָבעס און זיך מכין געווען צום גרויסן „יום־הדין" פון טשיזשיק'ס „ערן־אָבענד", האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שלאָקס־רעגן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע נאַכט און דער עולם איז נישט געקומען צו דער פאָרשטעלונג. עס זיינען אויך נישט געקומען די יעניקע „מעצענאַטן", וואָס האָבן נאָך מיט חדשים צוריק געקויפט די בילעטן צו טשיזשיק'ס בענעפיס.

ווען דער דירעקטאָר איז צוגעקומען צו טשיזשיק'ן מאָנען דאָס געלט פאַר'ן טעאַטער, האָט טשיזשיק זיך פאַרטיידיקט, אַז ער האָט נישט קיין פּרוטה ביי דער נשמה!

— אייער „שלאָף־צימער" (געמיינט דאָס אייזערנע בעטל מיט'ן שעניק), — האָט דער קריסטלעכער טעאַטער־דירעקטאָר זיך גע'כעס'ט, — ווערט קאָנפיסקירט! — פאַרשטאַנען?

— אויב איך פאַרשטיי? — האָט טשיזשיק פילאָזאָפיש צוריק געענטפערט...

קיין שום זאַך האָט דעם יידישן קינסטלער־באָהעם נישט אַזוי געקרענקט ווי דער פאַקט, וואָס מען האָט אים קאָנפיסקירט זיין אָרעם בעטל מיט'ן שעניק,

אויף וועלכן ער פלעגט זיך אויסרוען זיינע מידע גלידער.

דאָס איז געווען די גרעסטע חרפה אין זיין שוישפּילערישער קאַריערע, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט פאַרשמערצן!

אין אַ געוויסן טאָג, איז דער באַליידיקטער און שווער־געקרענקטער טשיזשיק פּלוצים נעלם געוואָרן פון ווין, נישט זאָגנדיק אַפילו קיין „זיי־געזונט" צו זיינע בעסטע און אינטימסטע פריינט. אַביסל שפּעטער איז מען געוויר געוואָרן, אַז ער געפינט זיך אין פּאַריז און איז זיך מפרנס מיט פאַר־קויפן פאַרשיידנע בדחנ'ישע לידלעך פון זיין רעפּערטואַר, וואָס האָבן גע־שטאַמט פון זיין טאַטן, וועלכער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער בדחן.

אין דער צייט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך, האָט טשיזשיק פאַרבראַכט אין אַ פּאַריזער מושב־זקנים. דאָס שיקזאַל איז אים דאָס מאָל יאָ געווען גנעדיק. די נאַציישע בעסטיעס האָבן אים נישט דעפּאָרטירט און ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1947, אַלט זייענדיק איבער 80 יאָר.

---

## „די מעשה איז פלעק" . . .

אין דעם יידיש־אַקטיאָרישן טעאַטער־וועלטל קורסירט דאָס וואָרט „פלעק". דאָס באַצייכנט איינעם, וועלכער זאָגט ליגנט, אָדער ער איז באַוווסט אַלס אַ „פּראָפעסיאָנעלער שקרן".

דאָס דאָזיקע וואָרט איז אַנטשטאַנען אין ווין און איז געווען דאָס „קאָפּי־רייט" פון אַ גאַליציאַנער ייד מיט'ן נאָמען אַדאָלף ניימאַן, אַ וויסטער עם־הארץ, וועלכער האָט אַפילו נישט געקענט לייענען און שרייבן. אָבער ער איז געווען אויסגעקאָכט אין דער פּאָליטיק און האָט אויף זיך געטראָגן „אַן איי־זערנעם קאָפּ". קיין פּרנסה האָט ער נישט געהאַט און ער פלעגט קוים־קוים מאַכן אַ לעבן פון מעקלעריי און פון סתם זייטיקע פאַרדינסטלעך.

דער דאָזיקער ניימאַן האָט זיך „געדרייט" אַרום דעם יידישן טעאַטער אין ווין; געווען גוט־ברידעריש אויסגעקאָכט מיט די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וועמען ער פלעגט אונטערטראָגן פּליאָטקעלעך און רכילות'לעך און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ היימישער כל־ולך אין דער אַקטיאָרישער משפחה.

ווען ס'האָבן זיך אויסגעלאָזט די זייטיקע, אומזיכערע פּרנסות פון מעק־לעריי, האָט ער אָנגעהויבן „מאַכן אַ לעבן" פון „פּרעטענזיע־געלט". ער פלעגט זיך צוטשעפּן צו די פאַרשיידנסטע מענטשן, זיך אַריינמישן אין זייערע גע־שעפטלעכע און אַפילו פּריוואַטע שמועסן, פּראָוואָצירנדיק, אַז מען זאָל אים „באַליידיקן", כדי ער זאָל זיי קענען אָנקלאָגן אין געריכט פאַר „ערן־באַליידי־קונג". דער ריכטער פלעגט די אָנגעקלאָגטע פאַר'משפּט'ן מיט אַ געוויסער סומע געלט לטובת דעם „ערן־באַליידיקטן" ניימאַן, און פון אָט דעם „שמער־

צנס־געלט״ האָט ער געצויגן אַ געוויסע חיונה, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן זיין הויפּט־הכנסה!

ווען די מענטשן האָבן אָנגעהויבן ווייכן פון ניימאַנ׳ען אויס מורא, ער זאָל זיי נישט פּראָוואָצירן מיט אַ מחלוקה, האָט ער אָנגעהויבן זיך אויסצוזוכן קרבנות אויך צווישן די אַקטיאָרן און פון זיי באַקומען צוגע׳משפט אין געריכט „שמערצנס געלט״.

געהאַט האָט דער ניימאַן אַ שטענדיקן „יאָר־עדות״, אַ וויסטן אָרימאַן, וועמען ער פלעגט קאָמפּענסירן מיט גראָשנס פאַר זיינע פאַלשע שבועות אין געריכט, אַז יענער האָט מכלומרשט „געזען און געהערט״ ווי מען האָט אים, ניימאַנ׳ען, „באַליידיקט״. . .

ווען די „ווילנער טרופּע״, און מאָריס שוואַרץ מיט זיין „יידיש קונסט טעאַטער״ זיינען — אין די יאָרן 1922־1924, — געקומען גאַסטראָלירן אין ווין, האָבן די ווינער יידישע אַקטיאָרן געוואָרנט זייערע קאָלעגן פון אויסלאַנד, זיך נישט אַריינצולאָזן אין קיין שום „פּאָליטישע שמועסן״ מיט דעם אַדאָלף ניימאַן, ווייל זיי וועלן טייער באַצאָלן פאַר דער אומהיימלעכער באַקאַנטשאַפט. ניימאַן איז אָבער נישט געווען פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס לאָזן זיך לייכט אָפּפאַרטיקן. אַז מען האָט אים אַרויסגעטריבן דורך דער טיר, פלעגט ער קומען דורכ׳ן קוימען.

און אָט איז די געשיכטע פון „פלעק״, די דערפינדונג פון ניימאַן גופא. („פלעק״ אויף דייטש באַטייט אַ שמאַטע, שלעכטער שטאָף, וכדומה).

אין ווין, אויף דער פּראַטער־שטראסע, האָט אין די יאָרן פון דער ערש־טער וועלט־מלחמה עקזיסטירט נעבן דעם „קארל טעאַטער״ אַ כשר׳ער רעס־טאָראַן, וועמענס אייגנטימער, אַ גאַליציאַנער ייד, אַ בן־עיר פון ניימאַנ׳ען, האָט געהייסן בערנאַרד פלעק. אַדאָלף ניימאַן איז ביי אים געווען אַ בן־בית, און ביידע האָבן זיך שטאַרק גע׳עסק׳ט אין דער מלחמה־פּאָליטיק.

אַמאָל קומט אַדאָלף ניימאַן פון גאַס און רוימט איין זיין פריינט בערנאַרד פלעק אַ סוד אין אויער, אַז די רוסישע אַרמייען האָבן פאַרנומען לעמבערג. בערנאַרד פלעק, וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער פּאַטריאָט פון זיין „קייזער־לעכן און קעניגלעכן פּאָטערלאַנד״, וואָס די עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע האָט דעמאָלט נאָך מיט זיך פאָרגעשטעלט, איז געוואָרן זער אויפגעבראַכט אויף ניימאַנ׳ען פאַר דער פינסטערער בשורה, טענה׳נדיק, אַז ס׳איז אומ־מעגלעך, ווייל די „העלדישע אַרמייען״ פון זיין מאַיעסטעט דעם קיסר און קעניג פראַנץ יאָזעף, „האָך זאָל ער לעבן״, וועלן נישט דערלאָזן צו אַזאַ „שווינעריי״ . . .

ניימאַן האָט זיך אָבער געהאַלטן ביים זייניקן, אַז ער האָט עס געהערט פון זיכערע קוועלן און אויך ער האַלט פון דער מעגלעכקייט, אַז די רוסן האָבן פאַרנומען לעמבערג . . .

— הערן זי מאָל צו — האָט בערנאַרד פלעק זיך געקאָכט, שרייענדיק

פון כעס אויף זיין דייטשמערישן לשון, — אויב ס׳וועט זיך באַשטעטיקן, אַז „אונזערע״ אַרמייען האָבן עוואַקואירט לעמבערג, דאַן לאָס איך מיר אויפֿשניידן מיין „גאָרגל״ (האַלז) . . .

אין עטלעכע שעה אַרום קומט אַדאָלף ניימאַן מיט אַ ווינער אָוונט־ציייטונג, אין וועלכער ס׳איז געווען פאַרעפנטלעכט דער נוסח פון די סקאַרבאָווע קאָמוניקאַטן פון דעם עסטרייך־אונגאַרישן הויפּט־קוואַרטיר, אַז „צוליב דער גע־וואַלטיקער מיליטערישער איבערמאַכט פונ׳ם פיינט, האָבן אונזערע העלדישע אַרמייען זיך געמוזט צוריקציען פון לעמבערג״.

בשעת בערנאַרד פלעק האָט געלייענט דעם אָפיציעלן קאָמוניקאַט און טרערן, ווי באָב, זענען געפלאָסן פון זיינע אויגן, האָט ניימאַן אַרויסגענומען זיין טאַשן־מעסערל און געזאָגט צו זיין „בעסטן״ פריינט, בזה הלשון:

— בערנאַרד, דערלאַנג מיר, ביטע, דיין גאָרגל . . .

— וואָס? — האָט בערנאַרד פראָטעסטירט. — מיין גאָרגל ווילסטו אויך?

— יאָ, דעם גאָרגל, זאָ לויטעט אונזער אָפמאַך, — האָט גע׳טענה׳ט ניימאַן . . .

— דעם גאָרגל וועדע איך דיר ניכט געבן!

— ווען זי געבן ניכט אירן גאָרגל, וועדע איך זי רופן „פלעק״, — האָט ניימאַן געדראָט, און איז מיט זיין „בעסטן״ פריינט געוואָרן פער „זי״!

— פאַרבלייבן מיר בעסער ביי „פלעק״, — האָט דער רעסטאָראַטאָר מסכים געווען . . .

---

## „בעבור שנדר? — „ס׳לינקע!״ . . .

אין ווין איז געווען שטאַרק פאָפּולער דער אַלטער קאָמיקער יונה רייזמאַן, אַן אַקטיאָר נאָך פון גאָלדפאַדנ׳ס תקופה.

יונה רייזמאַן איז געווען אַ גרויסער טאַלאַנט פון גאָט׳ס גנאָד. יעדע ראָלע, וואָס מ׳האָט אים אָנפאַרטרויט, איז געווען אויסגעקנאָטן מיט זיין אַקטיאָרישן מאַרך און שוויס. בעיקר איז ער געווען גרויס אין אברהם גאָלדפאַדנ׳ס רעפּערטואַר.

אַז אַ יידישער אַקטיאָר, שרייבער, אָדער קולטור־טוער האָט געהאַט אַ פרייען אָוונט, איז ער געגאַנגען אין ווינער יידישן טעאַטער אין „האָטעל שטעפאַני״, אויף דער טאַבאָר־שטראַסע, זען יונה רייזמאַן אין אַ ראָלע פון אַ פיעסע, וואָס ער האָט שוין געהאַט געזען מערערע מאָל.

אָט דער יונה רייזמאַן איז געווען אַ ידיד־נפש פון דעם פיל יונגערן אַקטיאָר איטשע דייטש, וועמען איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.

ראש־השנה און יום־כפור, ווען מ׳האָט אין ווין נישט געשפּילט יידיש־טעאַטער פלעגן די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געהאַט גוטע שטימעס און געקאָנט

די דראַבנע אותיות, אַנגאַזשירט ווערן אַלס חזנים פון געוויסע פּאַריינען, וועל־כע האָבן איינגעאָרדנט מנינים פאַר זייערע מיטגלידער. געוויינטלעך, האָט מען פאַר אַזאַ צוועק געדונגען גרויסע זאַלן אָדער קינאָס אין די יידישע געגנטן און פון אָט דעם עסק פלעגט פאַרבלייבן אַ געוויסער פּראָפיט לטובת די געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע טעטיקייטן פון די פאַריינען.

איינער פון די פּראָמינענטסטע יידישע פאַריינען אינ׳ם דעמאָלטיקן ווין, ווו ס׳האָבן געלעבט ביי 180 טויזנט יידן, האָט אַמאָל אַנגאַזשירט דעם אַקטיאָר איטשע דייטש אַלס חזן פון אַ „מנין״, ווו ס׳האָבן געדאַוונט איבער 500 יידן.

אַליין אַ שוואַכער אַקטיאָר, פלעגט אָבער איטשע דייטש זינגען מיט פיל מתיקות און דער עולם האָט געלעקט די פינגער פון זיינס אַ לידל. דערצו איז ער געווען אַ גרויסער בעל מנגן און זיין נגינה איז געווען זער פּאָפּולער סאַי אין ווין סאַי אין אויסלאַנד, ווו נאָר ער האָט גאַסטראָלירט.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז דאָרט ווו איטשע דייטש וועט זיין חזן, וועלן אויך די אַנדערע יידישע אַקטיאָרן דאַווענען, מיט יונה רייזמאַן בראש, וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער חסיד פון „איטשעס״ (יצחק דייטש׳ס) חזנות.

יענעם ראש־השנה האָט איטשע דייטש געבעטן ביים פּרעזידענט פון פאַריין, בעת ער איז געשטאַנען אויפ׳ן באַלעמער פאַרטיילנדיק די עליות צווישן די חשוב׳סטע בעל־הבית׳ישע מיטגלידער, אַז ער זאָל אויך יונה רייזמאַן אויפ־רופן צו דער תורה. דער פאַרלאַנג איז אויסגעפירט געוואָרן, און מ׳האָט אים מכבד געווען מיט אַ בכבוד׳ער עליה.

אַז ס׳איז געקומען צום „מי שברך״ און דער בעל־קורא האָט רייזמאַנ׳ען אַ פרעג געטון, ווי דער שטייגער איז:

— בעבור שנדר?

האָט רייזמאַן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער לץ, געענטפערט אויף זיין קאַלטבלוטיקן אופן:

„ס׳לינקע״ . . .

— האַ? — האָט דער בעל־קורא צוגעשטעלט אַן אויער. — וואָס פאַר אַ סומע איז דאָס?

— דער חזן ווייסט שוין! . . . — האָט יונה געענטפערט, איבערווינקענ־דיק זיך מיט איטשע דייטש, וואָס האָט זיין געלעכטער פאַרשטיקט אינ׳ם טלית . . .

פון דעמאָלט אָן איז יונה רייזמאַנ׳ס ווערטל „ס׳לינקע״ אַריין אין לעקסי־קאָן פון די יידישע אַקטיאָרן אין ווין און אין אַנדערע לענדער.

„ס׳לינקע״ באַטייט, אייגנטלעך, דאָס אַנטקעגנגעזעצטע פון דעם, וואָס אַן אַקטיאָר זאָגט. פשוט, ווען ער האָט נישט בדעה צו באַצאָלן פאַר עפּעס אַ זאַך, ענטפערט ער:

— ס׳לינקע . . .

---

# אַן אַקטיאָר לאָדט איין דעם ענגלישן קעניג צו זיין בענעפיס־פאַרשטעלונג . . .

דער זעלבער טאַלענטירטער יידישער שוישפּילער יונה רייזמאַן, וועלכער פּלעגט אַלס 70 יאָריקער זקן שפּילן די פאַרשיידנסטע ראָלן פון׳ם גאָלד־פאַדנ׳ישן רעפּערטואַר און געמאַכט אַ טענצל אויף דער בינע מיט דער לייכט־קייט פון אַ יונגענמאַן, האָט מיר אַמאָל דערציילט די פאָלגענדע, טשיקאַווע געשיכטע:

אין יאָר 1913, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידישע אַקטיאָרן פון ווין, פאַרבראַכט די זומער־חדשים אין מאַריענבאַד ווו זיי האָבן געשפּילט אין אַ קאַבאַרעט, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם באַקאַנטן יידישן רעסטאָראַן „לייטנער״, וועגן וועלכן ס׳וועט אויס־קומען צו דערציילן אַביסל אויספירלעכער אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך פון אונזערע שילדערונגען.

אין משך פון חודש אלול, ווען די יידישע קור־געסט פלעגן אָנהויבן צו פאַרלאָזן דאָס וועלט־באַרימטע קור־אָרט, כדי די ימים־טובים צו פאַרברענגען אין זייערע היימען, פלעגן די יידישע אַקטיאָרן איינאָרדנען זייערע בענעפיס־פאַרשטעלונגען, כדי צו פאַרדינען אַביסל געלט.

ווען ס׳איז אָנאָנסירט געוואָרן יונה רייזמאַנ׳ס בענעפיס־פאַרשטעלונג און ער האָט צווישן די קור־געסט אָנגעהויבן צו פאַרקויפן די בילעטן, האָט אים אַן ענגלישער ייד געגעבן די פאָלגענדע עצה:

אין מאַריענבאַד געפינט זיך אויף קוראַציע דער (דעמאָלטיקער) ענגלי־שער קעניג, דזשאָרדזש דער 5־טער, וועלכער שמ׳ט מיט זיין האַרציקייט און גוטסקייט, בכן זאָל יונה רייזמאַן צושיקן דעם קעניג אַ בריוו מיט אַ בקשה, אַז ער, דער קעניג, בכבודו־ובעצמו, זאָל אים אָנטאָן דעם גרויסן כבוד און באַערן מיט זיין באַזוך . . .

יונה רייזמאַן האָט, לכתחילה, זיך געקווייקלט, אויב ער זאָל טאָן אַזאַ זאַך . . . אַ קלייניקייט — זיין מאַיעסטעט, דער קעניג פון גרויס־בריטאַניע און פון דער בריטישער וועלט־אימפּעריע זאָל ווערן איינגעלאַדן צום בענעפיס פון אַ יידישן אַקטיאָר . . . עפּעס פּאַסט נישט דער עסק . . .

— וואָס אָרט דאָס אייך? — איז צו רייזמאַנ׳ען צוגעשטאַנען דער ענג־לישער ייד און צו אים גע׳טענה׳ט: — פאַרלאָזט זיך אויף מיר . . . איך קען בעסער „מיין״ קעניג פון אייך . . . פאָלגט מיך און שרייבט אים אַן אַ קורץ בריוועלע און איר וועט זען, אַז ס׳וועט זיין „אָל־רייט״ . . . וואָסי, איר יכול׳ט נישט דאָס ענגלישע לשון? „נעווער מיינד״. איך וועל פאַר אייך אָנשרייבן דעם בריוו . . .

און כך־הוה:

דער ענגלישער ייד האָט זיך אַװעקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריװל צו זיין מאַיעסטעט, דעם קינג דזשאָרדזש דער 5־טער, אַז היות װי דער באַרימטער יידישער „קאָמעדיאַן" (דאָס הייסט קאָמיקער), יונה רייזמאַן, װעלכער טרעט אויף אין דעם כשר'ן האָטעל „לייטנער", װאָס געפינט זיך נישט װייט פון האָטעל װו ס'שטייט איין זיין מאַיעסטעט, דער קעניג פון גרויס־בריטאַניע, און אַזוי װי יונה רייזמאַן װעט דעם און דעם אָװנט האָבן זיין בענעפיס־פאָר־שטעלונג, בכן בעט ער דעם קעניג, אַז ער זאָל אים, רייזמאַנ'ען צוליב טאָן און אים באַערן מיט זיין באַזוך . . .

אין דעם בריװל האָט רייזמאַן אויך באַמערקט, אַז ער האָט דעם כבוד בייצולייגן צװיי „ערן־בילעטן" אין דער „איבערצייגונג", אַז זיין מאַיעסטעט דער קעניג, װעט אַקצעפּטירן די איינלאַדונג און ער װעט אים באַערן מיט זיין באַזוך . . .

— מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, — האָט יונה רייזמאַן מוסיף געװען דאָס מעשה'לע, — האָב איך דעם בריװ אָפּגעשיקט מיט דער פּאָסט און געװאַרט, אַז אָט־אָט קומט די פּאָליציי מיך אַרעסטירן פאַר דער גרויסער, אומפאַר־שעמטער חוצפה! איין קליינקייט — איינצולאַדן דעם ענגלישן קעניג, דזשאָרדזש דעם 5־טן צו אַ קאַבאַרעט־פאָרשטעלונג פון אַ יידישן אַקטיאָר מיט'ן נאָמען יונה רייזמאַן . . .

— אויפ'ן דריטן טאָג איז, אַנשטאָט פּאָליציי, אָנגעקומען אַ בריװ, טאַקע פון ענגלישן קעניג דזשאָרדזש אין װעלכן ער באַדאַנקט זיך פאַר דער העפ־לעכער איינלאַדונג צו מיין פאָרשטעלונג. דער קעניג האָט זיך אויך שטאַרק באַדאַנקט פאַר די צװיי בילעטן, װאָס איך האָב אים בייגעלייגט אין מיין בריװ. אָבער ער אַנטשולדיקט זיך זער, װאָס ער איז גראַד דעם אָװנט שטאַרק פאַר־נומען און איז נישט אין דער לאַגע צו קומען צו מיין בענעפיס. ער באַדויערט אויך, װאָס ער איז געצװוּנגען מיר צוריק צו שיקן די צװיי בילעטן מיט דער בקשה, אַז איך זאָל זיי אימיצן פאַרקויפן, אָבער נעמענדיק אין באַטראַכט דעם גרויסן זשעסט פון רייזמאַנ'ען, װעלכער האָט אים (דעם קעניג) איינגעלאַדן צו דער פאָרשטעלונג, שיקט ער אים כמו בענעפיס־פּרעזענט די סומע פון 100 עסטרייכישע קראַן (אַ גענוג גרויסע סומע פאַר יענער צייט) און ער װינטשט אים אַ סך דערפאָלג און הצלחה".

יונה רייזמאַן האָט דעם מערקװירדיקן בריװ אָפּגעהיטן װי אַן אבן־טוב און איז געװען זער שטאָלץ, װאָס דער ענגלישער קעניג האָט אים צוריק גע־ענטפערט אויף דער איינלאַדונג צו זיין בענעפיס.

# פֿאַרצייכענונגען

# פאול באראטאוו ווערט א יידישער אקטיאר און קען ניט רעדן קיין יידיש

ווען כ'בין צוריק געקומען קיין ווין פון דער „אויסגעלאָסענער שולמית"־טורנע וואָס האָט געדויערט איבער פינף חדשים, האָט די דאָרטיקע „פרייע יידישע פאָלקס־בינע", וועמענס טעאַטער איז געפירט געוואָרן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, זיך שוין געהאַט דערוואָרבן אַ בכבוד'יקן נאָמען. איטשע דייטש, וועלכער איז געווען דער פאַקטישער גרינדער און אָנפירער פון דעם טעאַטערל, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קליינעם זאַלכל אויף דער „אונטערער אויגאַרטן־שטראַסע" און פאַרמאָגט בלויז 180 בענקלעך, האָט געהאַט די אַמביציע אויפצופירן פּיעסן פון דעם בעסערן רעפּערטואַר. ער האָט פאַר דעם צוועק צוגעצויגן אַ צאָל פון יונגע, ענטוזיאַסטישע אַמאַטאָרן, וואָס זיינען גרייט געווען צו הונגערן, אַבי צו שפּילן גוט יידיש טעאַטער.

איטשע דייטש איז געווען אַ גאָר שוואַכער אַקטיאָר. אָבער ער האָט געהאַט אַ געזונטן חוש צו רעזשיסירן אַ פּיעסע און אַרויסצוברענגען פון דעם אַמאַטאָר דעם מאַקסימום פון זיין טאַלאַנט.

די „פרייע יידישע פאָלקס־בינע" האָט אַרויסגעגעבן איינע באמת קרעפּ־טיקע טאַלענטן, וואָס האָבן שפּעטער באַשיינט די בינעס פון יידישן טעאַטער אין די פאַרשיידנסטע לענדער.

דעם גרעסטן זכות האָט געהאַט איטשע דייטש, וואָס ער האָט געגעבן אַ תיקון דעם גרויסן יידישן שוישפּילער דר. פּאול באראטאוו (בן צבי), אַז ער זאָל אויפטרעטן אין מערערע פּיעסן אין דער „פרייער יידישער פאָלקס־בינע".

דר. פּאול באַראַטאָוו איז געווען איינער פון די צענדליקער טויזנטער יידישע און רוסישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס די באָלשעוויסטישע רע־וואָלוציע האָט אויסגעשפּיגן און זיי צעזייט און צעשפּרייט איבער דעם אַמאָליקן דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישן דייטשלאַנד, פראַנקרייך, רומעניע, טשעכאָ־סלאָוואַקיי, עסטרייך און אַנדערע לענדער פון אייראָפּע.

דער הויכער, אויסערגעוויינלעך שיינער און פעסט־געבויטער באראטאָוו (זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען פּאול ברענער), האָט ניט מיטגעבראַכט אין זיין אויסלענדישן גלות קיין שום פאַרמעגן; ער האָט אָבער מיטגענומען מיט זיך זיין גרויסן אַקטיאָרישן טאַלאַנט, וואָס האָט יאָרן־לאַנג באַשיינט דעם מאָסק־ווער קונסט־טעאַטער און אַ ריי אַנדערע בינעס אין דעם אַמאָליקן, צאַרישן רוסלאַנד.

איך ווייס נישט, צי דר. באראטאָוו (וועלכער האָט געענדיקט דעם מעדי־צינישן פאַקולטעט ביים כארקאָווער אוניווערזיטעט), האָט ביז זיין קומען קיין ווין, געהאַט וועלכן עס איז שייכות מיט יידן און יידישקייט. עס האָבן אַפילו קורסירט קלאַנגען, אַז ער האָט געמוזט זיך שמד'ן, כדי צו האָבן די גרויסע

„זכיה" צו שפּילן טעאַטער אין דעם סאַמאָדנעם פּעטערבורג, די געוועזענע הויפּטשטאָט פון צאַרישן רוסלאַנד.

באַראַטאָוו האָט אַמאָל פאַר מיר זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען גע'שמד'ט און אַז ער איז אַ ייד, הגם ער קאָן זיך נישט אויס אין דעם סידור . . .

אָבער אין אַלגעמיין, איז ער געווען מער רוס ווי ייד.

זיין גאַנצער אויסזען, דער הולך און די רואיקייט איז ביי אים געווען פון אַן אמת'ן רוסישן אַריסטאָקראַט. די געלאַסנקייט און אַפילו דאָס שפּילן טעאַטער, אַלץ איז ביי אים אַרויסגעקומען אַביסל גוי'יש. אָבער די אויגן, באַראַטאָוו'ס גרויסע, שיינע אויגן, זיינען געווען דורכאויס יידישע און פון זיי האָט אַרויסגעקוקט דער צער פון יידישע דורות.

איינמאָל עפנט זיך די טיר פון דער רעדאַקציע „יידישע מאָרגנפּאָסט" ווו איך האָב געאַרבעט און עס קומען אַריין דר. באַראַטאָוו אין באַגלייטונג פון איטשע דייטש.

— דאָס איז אַ יידישער אַקטיאָר פון רוסלאַנד — שטעלט דייטש פאָר דעם גאַסט. — זיין נאָמען איז בן־צבי. מיר פּרובירן איצט גאָרדינ'ס פּיעסע „דער פרעמדער" און בן־צבי וועט שפּילן די הויפּט־ראָלע.

דר. באַראַטאָוו זיצט אַנטקעגן מיר, און אויף דאָס רוב פראַגן, וואָס איך שטעל אים, ענטפערט איטשע דייטש.

— איר פאַרשטייט, — פאַרענטפערט איטשע דייטש דעם גאַסט, — ער יכול'ט גאָר שוואַך אונזער לשון . . .

— ער קאָן נישט רעדן קיין יידיש ? — פרעג איך נאַאיוו — ווי אַזוי־זשע וועט ער שפּילן יידיש טעאַטער ?

באַראַטאָוו האָט גערעדט אַ פּאָר געציילטע יידישע ווערטער מיט אַן עכט־פאָניע'שן אַקצענט, און געענטפערט מיט אַ שמייכלענדיקן פּנים :

— פאַנימייעטי, מ־ע־ט שאַין קע־נג־ען . . . הא, דייטש ? — און ער גיט צו אויף רוסיש : „מניא נוזשנא ראבין" . . .

דייטש בעסערט אים אויס :

— דאָס „יינגעלע" — בן־צבי הייסט עס — דאַרף האָבן אַ מלמד . . .

„וואָט, וואָט", באַגייסטערט זיך באַראַטאָוו. „כאַידער . . . לערנען אלף־בית . . ." און צעלאַכט זיך פון זיין אייגענער המצאה מיט דעם עכטן, ברייט־האַרציקן רוסישן געלעכטער.

די אויפפירונג פון יעקב גאָרדינ'ס פּיעסע „דער פרעמדער", מיט דר. באַראַטאָוו אין דער ראָלע אַלס „נפתלי הערץ", און שפּעטער „דער אומבאַקאַנטער", אויך פון גאָרדינ'ען, מיט באַראַטאָוו'ן אַלס „לאַוי קראַשונסקי", איז געוואָרן אַ גאָר גרויסער דערפאָלג. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גאָר גרויסער אַקטיאָר און די רעצענזענטן פון די ווינער דייטשע צייטונגען האָבן

אים פאַרגלייכן מיט דעם גרויסן יידיש־דייטשן אַקטיאָר אַדאָלף זאָנענטאל פונ׳ם ווינער „בורג־טעאַטער״.

באראטאָוו האָט גערעדט אַ מורא׳דיקן יידיש. אָבער די יעניקע פּראָזן וועלכע ער האָט ניט געקענט נאָכזאָגן, האָט ער זיי דערגענצט מיט דעם בליק פון זיינע וווּנדער־שיינע אויגן.

געוויסע סצענעס, וואָס אַ סך יידישע אַקטיאָרן פלעגן זיי אָפּשפּילן מיט פאַטעטישע זשעסטיקולאַציעס, מיט די הענט אָדער מיט׳ן קערפּער, זיינען פון באראטאָוו׳ן געשפּילט געוואָרן רואיק און באַזאַכט, ווי דאָס איז נאָר מסוגל דער אמת׳ער אינטעליגענטער אַקטיאָר.

שפּעטער, ווען באראטאָוו האָט שוין געקאָנט אַביסל רעדן יידיש, האָט ער זיך פאַרמאָסטן אויפצוטרעטן אין פּיעסן פונ׳ם בעסערן יידישן רעפּערטואַר ווי: „אייזיק שעפטל״, פון דוד פּינסקי; „שמאַטעס״ פון לייוויק׳ן; „מאָשקע חזיר״ פון בערקאָוויטש; „שמע ישראל״ פון אָסיפּ דימאָוו; „גאָט פון נקמה״ פון שלום אַש, און אַנדערע.

אָבער איידער באראטאָוו האָט זיך אַנטשלאָסן איבערצונעמען די דאָזיקע ראָלן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיך אויסלערנען רעדן אַ גוטן יידיש; אַז ער מוז זיך באַקענען מיט דעם רעפּערטואַר פונ׳ם יידישן טעאַטער און בכלל עפּעס לייענען אין יידיש.

אויך דאָס האָט באראטאָוו באַוויזן, אַ דאַנק זיין אינטעליגענץ און בעיקר — דעם אייזערנעם ווילן, וואָס ער האָט דערצו אַרויסגעוויזן.

באראטאָוו האָט שפּעטער זיך איבערצייגט, אַז זיין גורל איז אין דער צו־קונפט פאַרבונדן נישט בלויז מיט דעם יידישן טעאַטער און מיט דעם יידישן לשון, נאָר אפשר אויך מיט אַנדערע שפּראַכן (ענגליש, למשל), אָבער בשום אופן נישט מיט׳ן רוסישן טעאַטער, וועמענס קאַריערע ער האָט אָנגעהויבן נאָך זייענדיק אַ יונגער סטודענט.

דאָס רוסישע טעאַטער איז פאַר אים אונטערגעגאַנגען אויף אייביק; אַפילו דאָס רוסישע לשון איז פאַר אים געוואָרן אומנויטיק, ווי אומנויטיק עס איז געוואָרן פאַר די רוסישע עמיגראַנטן אין גלות.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אַ שטיקל צייט זיין באראטאָוו׳ס „מלמד״ און ער — מיין „תלמיד״.

די לעקציעס פלעגן פאָרקומען אין אַ קליינעם קאַפע־הויז, דאָס רוב אין די פאַרנאַכטן, ווען ער פלעגט דאַרפן גיין אין טעאַטער אָפּשפּילן זיין ראָלע. אָבער איך מוז מודה זיין, אַז באראטאָוו איז געווען אַ גאַר שלעכטער תלמיד און די עברי פלעגט אים ניט קריכן אין קאָפּ אַריין . . . אַפילו דאָס, וואָס ער האָט יאָ אויפגעכאַפּט, פלעגט ער אַרויסרעדן עפּעס האַמעטנע און פרעמד, ווי ביי אַ קאַצאַפּ, להבדיל . . .

איך האָב אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד צו באראטאָוו׳ן. אָבער צום סוף האָבן מיר ביידע איינגעזען, אַז די טרחה איז אַן אַרויסגעוואָרפענע; אַז מיין

„תלמיד״ וועט שוין אַזוי אָפּלעבן זיין ביסל יאָרן און ער וועט אַפילו נישט קענען נאָכזאָגן די ווידוי . . .

אין פאַרלויף פון דער צייט, ווען באַראַטאָוו האָט געוואַנדערט מיט יידיש טעאַטער איבער רומעניע האָב איך געהערט, אַז ער רעדט שוין בעסער יידיש ווי ער האָט גערעדט אין ווין, אָבער נאָך אַלץ מיט'ן רוסישן אַקצענט.

יאָ, באַראַטאָוו איז געווען אַ גרויסער אַקטיאָר מיט אַ געבענטשטן טאַ־לאַנט און ער האָט אין משך פון זיין אַקטיוויטעט, נישט פאַרשעמט דאָס יידישע טעאַטער.

באַראַטאָוו האָט דערהויבן דעם כבוד פון דער יידישער בינע, פון זיינע קאָלעגן און פון די יידישע מחברים, וועמענס ראָלן פון זייערע פּיעסן ער האָט געשפּילט ערלעך און באַוווסט — אין הסכם מיט זיין גרויסן, שעפערישן טאַלאַנט.

---

# אן אוונט מיט ארטור שניצלער

דער שרייבער פון די שורות האָט, אין זומער 1922, געהאַט די גליקלעכע פּריווילעגיע, צו באַקענען זיך פּערזענלעך מיט דעם גרויסן שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, ארטור שניצלער, און פאַרברענגען מיט אים מערערע שעה'ן אין אַ שמועס אויף פאַרשיידענע יידישע טעמעס.

קודם־כל וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז צושטאַנד געקומען אונזער באַ־קאַנטשאַפט, און ביי וואָסערע מערקווירדיקע אומשטענדן.

אין יאָר 1922, האָט אין ווין גאַסטראָלירט די „ווילנער טרופּע״. דער אופן פון זייער שפּילן און דער אויסוואַל פון זייער גלענצנדיק־איינשטודירטן רע־פּערטואַר, האָט אַרויסגערופן אַ רעש אין דעם דעמאָלטיקן, קינסטלעריש־ראַפינירטן וועלטל פון דער עסטרייכישער הויפּט־שטאָט.

יעדע פּיעסע, וואָס די „ווילנער״ האָבן אויפגעפירט אין דער „ראָלאַנד בינע״ (אויף דער, פון יידן געדיכט־באַוווינטער „פּראַטער־שטראַסע״), איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ יום־טוב פאַר די יידן פון ווין און פאַר די „ווילנער״, בתוכם.

די רעצענזענטן און די קונסט־קריטיקער פון די ווינער דייטשע צייטונגען, הגם זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש און זיך באַנוצט מיט די אויפקלע־רונגען אין די בקיצור'דיקע אינהאַלטן פון די טעאַטער־פּראָגראַמען, האָבן פאַרעפנטלעכט באַגייסטערטע אָפּהאַנדלונגען וועגן די אויפגעפירטע פּיעסן, און בעיקר וועגן דעם אויסגעצייכנטן אנסאמבל, וועלכן די „ווילנער טרופּע״ האָט אין יענער צייט פּרעזענטירט.

אָט יענע טעג, וואָכן און חדשים, ווען די „ווילנער טרופּע״ האָט גאַסטראָ־לירט אין ווין, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אמת'דיקע טעאַטער יום־טובים.

די ווינער יידן, סיי די נאַציאָנאַל־געשטימטע און אַפילו די אַסימילירטע אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט אַ קנאַפּן שייכות מיט יידן און יידישקייט, אויך זיי זיינען געוואָרן ווי מיטגעריסן פון דער יידישער טעאַטער שמחה און געשעפּט נחת פון די „ווילנער" און פון זייער רעפּערטואַר.

גרויס איז געווען דאָס ווונדער, אַז די „ווילנער טרופּע", וואָס האָט אַרום זיך גרופּירט אַ גרויסן, קרעפּטיקן קאָלעקטיוו מיט אויסערגעוויינלעכע אַק־טיאָרישע טאַלענטן, האָט געוואַגט און — מצליח געווען — אויפצופירן אין יידישן לשון פּיעסן אויך פון אַן אייראָפּעאישן רעפּערטואַר ווי: „דער וואָס קריגט די פּעטש", „די טעג פון אונזער לעבן", פון לעאָניד אנדרעיעוו; „אין אָפּגרונט" (נא דניע) פון מאקסים גאָרקי; „אייפערזוכט", פון פּשיבישעווסקי און אַ צאָל אַנדערע פּיעסן פון ניט־יידישע מחברים.

זאָל מען נישט איבערטרייבן מיט דער באַמערקונג, אַז די „ווילנער טרופּע" האָט מיט אירע דעמאָלטיקע גאַסטראָלן אין די פאַרשיידענע שטעט אין איי־ראָפּע, פאַרשריבן אַ גאָלדן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון׳ם אַזוי־טראַגיש אונטערגעגאַנגענעם יידישן טעאַטער.

אַלס אַ פּועל־יוצא פון דער באַרעכטיקטער סענסאַציע וואָס די „ווילנער טרופּע" האָט אַרויסגערופן אין ווין, איז זייער פּאָפּולאַריטעט געוואָרן נאָך מער פאַרשטאַרקט אַ דאַנק דעם, וואָס די באַדייטנדסטע יידיש־דייטשע דיכ־טער, שריפטשטעלער, אַקטיאָרן, מאָלער און קינסטלער, זיינען געלאָפן אין יידישן טעאַטער צו זען אַ פאָרשטעלונג פון די „ווילנער". ריכאַרד בער־האָפמאַן, פראַנץ ווערפל, סטעפאַן צווייג, אַרטור שניצלער און אַנדערע, זיינען געקומען זען די „ווילנער".

מען האָט ממש געשפּירט, אַז די „ווילנער" האָבן גורם געווען אַ גייסטיקע רעוואָלוציע אין די מוחות ביי דער יידיש־אַסימילירטער אינטעליגענץ: עפּעס האָבן זיי אין יידישן טעאַטער געזען אַ פאַר זיי אומבאַקאַנטע יידישע וועלט, וואָס זיי האָבן לגמרי נישט געקאַנט, אָבער געגאַרט האָבן זיי מיט דער דאָזי־קער יידישער וועלט זיך צו באַקענען; עס האָט זיי געצויגן צו די מיסטישע געשטאַלטן פון ש. אַנ־סקי׳ס „דיבוק" און „טאָג און נאַכט"; צו די ערדישע פאָלקס־יידן פון פּרץ הירשביינ׳ס „גרינע פעלדער", „די נבלה", אָדער אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל"; צו דער טראַגיש־רעזיגנירטער געשטאַלט פון א. ווייטער׳ס „דער שטומער" און צו די מחיה׳דיקע יידישע טיפּן אין שלום עלכימ׳ס „שווער צו זיין אַ ייד", „דאָס גרויסע געווינס", וכדומה.

אויסער די אַסימילירטע שניצלערס, בער־האָפמאַנס און אַנדערע יידיש־דייטשע שריפטשטעלער, איז דאָך די מכלומרשטע „נאַציאָנאַל"־באַוווסטע אינטעליגענץ, אויך געווען אַסימילירט; קיין יידישע צייטונגען און אַ יידיש בוך, האָבן זיי נישט געקענט לייענען, סיידן דאָס בוך איז געווען איבערזעצט אין דער דייטשער שפּראַך.

זיי האָבן, למען־האמת, נישט געוווסט וועגן דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס

פון אונדזער פאָלק; נישט געהאַט די מינדעסטע השגה וועגן די גרויסע צאָל יידישע שריפטשטעלער, דיכטער און דראַמאַטורגן; וועגן דעם וווקס פון דער יידישער פרעסע און ליטעראַטור; וועגן די צאָל יידישע שולן, וכדומה און וכדומה.

גאָרנישט האָבן זיי געוווסט! און וואָס זיי האָבן יאָ געוווסט, איז געווען פאַלש און מטושטש!

געוויס האָבן זיי געהערט, אַז אין „אָסטן", דאָס הייסט אין די מזרח־לענדער, זיינען פאַראַן יידן, וואָס זיינען שטאַרק רעליגיעז און עס איז אַ מצווה זיי צו העלפן מאַטעריעל.

וועגן דעם האָבן די „יאַהודים" יאָ געוווסט, אָדער געהערט. אָבער אַז די דאָזיקע מיליאָנען יידן פון פוילן, ליטע, לאַטוויע, רומעניע און פון אַנדערע מזרח־לענדער פאַרמאָגן אויך אַ וואָגיקע ליטעראַטור אין יידישן לשון (וואָס די אַסימילאַטאָרן האָבן פאַרשפּאָט אַלס אַ זשאַרגאָן), פון דעם האָבן זיי פשוט נישט געוווסט, אָדער נישט געוואָלט וויסן.

זיי האָבן נישט געהערט וועגן די גרויסע צאָל יידישע פאַרלאַגן, וואָס געבן אַרויס ביכער, נישט בלויז אין דער יידישער שפּראַך, נאָר אַז באַדייטנדיקע טיילן פון דער וועלט־ליטעראַטור, אין רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש און אין אַ ריי אַנדערע לשונות, זיינען איבערזעצט געוואָרן אין יידישן לשון.

הכלל: דאָס לעבן און ווירקן פון מיליאָנען יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די אַזוי גערופענע „אָסט" (מזרח)־לענדער, איז געווען פאַר זיי אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט! ערשט אַ דאַנק די טריאומף־טורנעען פון דער „ווילנער טרופּע" איבער אַ ריי לענדער און שטעט פון מערב־אייראָפּע, און די שפּעטערדיקע ווינער גאַסטראָלן פון מאָריס שוואַרצ'ס „יידישן קונסט טעאַטער" פון ניו־יאָרק, ווי אויך די גאַסטראָלן פון דער העברעאישער „הבימה" און גראַנאָווסקי'ס מאָסקווער יידישן „קאַמער־טעאַטער", האָבן די אַסימילירטע יידן פון ווין, בערלין, בודאַפּעשט און פּראַג, אָנגעהויבן צו קוקן אויף די אָרימע, נעבעכדיקע „אָסט"־יידן מיט גאַנץ אַנדערע אויגן. אַ סך פון זיי האָבן אָנגעהויבן איינצוזען זייערע טעותים און רעווידירט אַ סך אָנגענומענע, נעגאַטיווע מיינונגען און השערות, וואָס זיי האָבן געהאַט וועגן די „אָסט־ברידער"; וועגן אונזער יידישן לשון, און דג"ל.

אַ דאַנק דעם יידישן טעאַטער, וואָס האָט אין די פאַרשיידענע לענדער אין אייראָפּע אויסגעפּירט אַ וויכטיקע יידישע קולטור־מיסיע, האָט זיך אָנגעהויבן צו בויען אַ בריק, וואָס האָט שפּעטער — ביז צום יידישן חורבן אין אייראָפּע — געדינט אַלס אַ גייסטיקע און קולטורעלע פאַרשטענדיקונג צווישן די יידן פון מזרח מיט אונדזערע ברידער פון די מערב־לענדער.

* * *

אין יאָר 1920, האָט דאָס ווינער „דייטשע פאָלקס־טעאַטער" אויפגעפירט

אַרטור שניצלער׳ס אינטערעסאַנטע און נישט ווייניקער אַקטועלע צייט־פּיעסע מיט׳ן נאָמען „פּראָפעסאָר בערנאַרדי״.

די טעמאַטיק פון דער פּיעסע, וועמענס האַנדלונג האָט אַרויסגערופן אַ ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע אויף די שפּאַלטן פון די ווינער צייטונגען און אַ שטורם מצד דעם אַנטיסעמיטיש־געשטימטן טעאַטער־עולם, וואָס האָט אין דער פּיעסע געזען אַ „באַליידיקונג״ פאַר׳ן קאַטוילישן גלח, וועלכער קומט אין שפּיטאָל מתוודה זיין דעם גוסס׳דיקן פּאַציענט, און דער דאָקטאָר (פּראָפעסאָר בערנאַרדי) אַ ייד, דערלאָזט נישט צו דער פּראָפּאַנאַציע פון מוטשן דעם קראַנקן מיט דעם ענין; דאַן דער פּראָצעס קעגן דעם יידישן דאָקטאָר, און אַ ריי אַנדערע סצענעס, דאָס אַלץ האָט שניצלער געשילדערט אין „פּראָפעסאָר בערנאַנרדי״ מיט קלוגע, פּסיכאָלאָגיש גוט דורכגעטראַכטע דיאַלאָגן.

דער סוף איז געווען, אַז כדי צו פאַרמיידן ווייטערדיקע דעמאָנסטראַציעס פאַר דעם טעאַטער, וואָס זיינען געוואָרן אָרגאַניזירט און אָנגעפירט פון די דייטשע אַנטיסעמיטישע סטודענטן, האָט די דירעקציע פון „דייטשן פאָלקס־טעאַטער״ זיך אָנטשלאָסן, אַרונטערצונעמען פון רעפּערטואַר שניצלער׳ס „פּראָפעסאָר בערנאַרדי״.

לערך אין דער זעלביקער צייט, האָט דאָס ווינער „קאַמערשפּיל״־טעאַטער געוואַגט אויפצופירן שניצלער׳ס באַקאַנטע איינאַקטערס: „ליבעליי״, „דער רייגען״ („קאַראהאַד״ אין יידישער איבערזעצונג) און „דער גרינער קאַקאַדו״. אָבער אויך אין דעם טעאַטער זיינען פאָרגעקומען שטורמדיקע אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציעס, נישט בלויז קעגן די דאָזיקע פּיקאַנטע איינאַקטערס (וואָס זיינען אַ געוויסע אָפּשפּאָטונג פון דער אַריסטאָקראַטיש בירגערלעכער מאָראַל), נאָר דער הויפּט־צאָרן איז געווען געווענדט קעגן דעם „ייד״, אַרטור שניצלער!

די ווינער אַנטיסעמיטישע טעאַטער־קריטיקער האָבן אויסגעפונען, אַז שניצלער׳ס פּיעסן „פאַרדאַרבן די קריסטלעכע עטיק און די מאָראַל פון דער יוגנט״, און ענלעכע תירוצים. דער סוף איז געווען, אַז אויך דאָס „קאַמער־שפּיל״־טעאַטער האָט זיך געזען געצוווּנגען אַרונטערצונעמען פון רעפּערטואַר די דאָזיקע דריי איינאַקטערס.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אויף שניצלער׳ן איז זיין פּאָפּולאַריטעט און פאַרערונג געווען זער שטאַרק ביי באַדייטנדיקע טיילן פון דער עסטרייכישער באַפעלקערונג און ספּעציעל ביי דער סאָציאַליס־טיש־געשטימטער יוגנט, וואָס האָט אין שניצלער׳ס פּיעסן, ראָמאַנען און דער־ציילונגען, אַרויסגעשפּירט אַ נייעם, דערפרישנדיקן געדאַנק.

שניצלער׳ס קינסטלערישע, עס ווילט זיך זאָגן, פּסיכאָלאָגישע־געוואַגטע שאַפונגען ווי: „דער וועג אין דער פרייהייט״, „אַנאַטאָל״, „פרייוואַלד״, „פריילין עלזע״, „שטאַרבן״, „לויטענאַנט גוסטל״ און צענדליקער אַנדערע נאָוועלן, דראַמען און דערציילונגען, האָבן געשילדערט און אָפּגעשפּיגלט דאָס

געמיט פון דעם אַמאַליקן, אויף אייביק אונטערגעגאַנגענעם ווין; די שטאָט פון דעם ראָמאַנטישן דאַנוי־טייך; פון זיינע באַצויבערנדיקע יאָהאַן שטראוס „וואלצן"; פון דעם פאַר׳כישופ׳טן „קאָבענצל"; פון די באָהעמיש־לוסטיקע און דלות־ זאָרגלאָזע ווייך־ שטובן אין „גרינצינג", ווו די מוזיק־קאַפּעליעס האָבן געשפּילט און מען האָט געזונגען ביז אין די ליכטיקע פאַרטאָגן . . .

* * *

אַרום דעם ווינער יידישן טעאַטער האָט זיך „געדרייט" אַ פאַרשווינדל מיט׳ן נאָמען בערנאַרד שאַרער, וואָס האָט געשטאַמט פון דער גאַליצישער שטאָט בראָד. אָבער ער איז דערצויגן געוואָרן אין ווין און האָט אין זיך געהאַט איינגעזאַפּט די עסטרייכישע קולטור.

זיין שייכות מיט׳ן יידישן טעאַטער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען דער אַזוי־גערופענער „פּרעסע שעף" און זיין אויפגאַבע איז געווען, צו „שלעפּן" אין יידישן טעאַטער די גוי׳ישע רעצענזענטן פון די ווינער צייטונגען, כדי זיי זאָלן אָנשרייבן אַ גינסטיק רעצענזיעלע וועגן די פאַרשטעלונגען.

דאָס איז געווען דער תוך פון זיין לעבן און פון זיין פּרנסה.

דער דאָזיקער בערנאַרד שאַרער האָט אויך געהאַט אַ „שוואַכקייט" פאַר די ווינער יידיש־דייטשע שריפטשטעלער און דיכטער און פלעגט זיך קהל׳ן אַרום זיי; זאָגן „מיינונגען" וועגן זייערע ווערק און אויפגעפירטע פּיעסן; אַריינוואַרפן אַ „מבינות" וועגן די אַקטיאָרן און אַקטריסעס און פלעגט אָפן זיך פאַר׳טרפה׳נען מיט פליאַטקעלעך און רכילות׳לעך.

כדי זיך צו האַלטן אין דער מדרגה פון אַ „ליטעראַטור" מבין, האָט דער באַטרעפנדער קאַפּעלפּל פון יידישן טעאַטער, געטראָגן אַ מין „ליטעראַרישע" פעלערינע; זיך געלאָזט פאַרוואַקסן אַ שפּיציק בערדל מיט אַ פּאָר דיקלעכע וואָנסעס, ווי עס האָט געטראָגן אַרטור שניצלער . . . זיינע האָר זיינען געווען פריזירט כמו שניצלער; די הלבשה און דער הולך — אלא שניצלער, און דאָס קליינע, שוואַרץ־ווייכע קאַפּעלושל, וואָס האָט מיט נסים, ממש, זיך געהאַלטן אויף זיין גרוי־ווייסלעך קעפּל, איז געווען אָפּגערוקט אויף דער רעכטער זייט, מעשה קינסטלעריש־באָהעמיש.

הכלל: בערנאַרד שאַרער האָט נאָכקאָפּירט שניצלער׳ן מיט אַלע פּיטשעווקעס.

עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז מען פלעגט פאַר אים ציען דעם הוט און באַגריסן מיט דעם ספּעציפיש־ווינערישן „האַבע די ערע", מיינענדיק, אַז דאָס איז דער אמת׳ער אַרטור שניצלער . . .

ווען די „ווילנער טרופּע" איז געקומען קיין ווין, איז בערנאַרד שאַרער געוואָרן זייער פּרעסע־שעף און ער האָט פּשוט אויפגעלעבט!

אנשטאָט צו שלעפּן אין טעאַטער אַריין אומבאַדייטנדיקע רעצענזענטן, זיינען אים נאָכגעלאָפן די אָנגעזעענסטע שרייבער און דיכטער, מאָלער

און זשורנאַליסטן, אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן, וועלכע האָבן זיך געבעטן ביים „הער שארער" אַן אומזיסטיקן בילעט צו די פאָרשטעלונגען.

און מען מוז מודה זיין, אַז דער „הער שארער" האָט זיך אויסגעקאָנט אין דער מלאכה און האָט פאַרשטאַנען ווי זיך אומצוגיין מיט די פראָמינענטע דייטשע, און יידיש־דייטשע שריפטשטעלער און דיכטער. ער פלעגט זיי באַ־זאָרגן מיט אַ דאָלמעטשער, כדי פאַר זיי איבערצוזעצן און צו דערקלערן געוויסע יידישע און העברעאישע פראַזן און אויסדרוקן, וואָס זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען אין דער פיעסע.

שארער האָט געהאַט אַן אַמביציע, אַז אויך אַרטור שניצלער זאָל קומען זען די אויפפירונג פון אַ פיעסע ביי די „ווילנער". אָבער שניצלער האָט כסדר אָפּגעלייגט די איינלאַדונג מיט דער פאַרזיכערונג, אַז ער וועט קומען זען דעם „דיבוק".

דעם הער שארער'ס ווונטש איז ענדלעך מקוים געוואָרן.

די סעקרעטארשע פון ארטור שניצלער האָט איינמאָל אָנגערופן שארער'ן און אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז איר בעל־הבית, דאָס הייסט אַרטור שניצ־לער, וועט אין אָוונט קומען צו דער פאָרשטעלונג.

דאָס איז געווען דער העכסטער און גליקלעכסטער מאָמענט אין „הער שארערס" קאַריערע ביים יידישן טעאַטער!

— שניצלער קומט היינט אין טעאַטער! — האָט בערנאַרד שארער מודיע געווען אַלע אַקטיאָרן פון דער טרופּע און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך „האַלטן" בעת דער פאָרשטעלונג און „תפילה" טון (דאָס הייסט, אויפ'ן טעאַ־טער־לשון, זיך גוט אונטערגאַרטלען), ווייל שניצלער איז נישט בלויז אַ מחבר פון מערערע פיעסן, נאָר ער פאַרשטייט טאַקע אויך טעאַטער.

צופעליק באַגעגנט מיך שארער און שלאָגט מיר פאָר, אַז איך זאָל בעת דער פאָרשטעלונג זיצן אין טעאַטער נעבן שניצלער'ן, כדי איך זאָל אים פאַר־טייטשן געוויסע ווערטער און פראַזן פון „דיבוק" און בכלל אים געבן אַן אויפקלערונג וועגן יידישן טעאַטער און וועגן די „ווילנער טרופּע", בפרט.

איך האָב גערן אָנגענומען די איינלאַדונג און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער „הער שארער" (וועלכער האָט געקאָנט שניצלער'ן פּערזענלעך), זאָל אים מודיע זיין, אַז ער האָט פאַר אים באַזאָרגט אַ דאָלמעטשער, אַ יונגען יידישן זשורנאַליסט, וואָס וועט אים געבן די נויטיקע אויפקלערונגען וועגן דער פיעסע.

אַרטור שניצלער האָט זיך באַדאַנקט ביי שארער'ן פאַר דער אויפמערק־זאַמקייט און האָט אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז ער וואָלט וועלן זיך טרעפן מיט'ן דאָלמעטשער, דאָס הייסט מיט מיין ווייניקייט, אַ צוויי שעה פאַר דער פאָרשטעלונג, כדי איך זאָל אים נישט דאַרפן דערקלערן דעם אינהאַלט פון דער פיעסע אין מיטן פון דער פאָרשטעלונג, ווייל דאָס שטערט די אַקטיאָרן אויף דער בינע.

אונזער באַגעגענונג איז פאָרגעקומען אין אַ קאַפע־הויז, נישט ווייט פון דעם טעאַטער, וווּ די „ווילנער" האָבן געשפּילט.

בערנאַרד שארער האָט מיך פאָרגעשטעלט ווי אַ גרויסן פאַרערער פון שניצלער'ן; אַלס ווינער קאָרעספּאָנדענט פונם ווארשעווער „מאָמענט" און טעאַטער־רעצענזענט פון דער ווינער „יידישע מאָרגנפּאָסט".

ארטור שניצלער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק און מיר האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פונם קאַפע־הויז, כדי נישט צו ווערן געשטערט פון דעם אַרומיקן קאַפע־הויז עולם.

אָפּזיצנדיק עטלעכע געציילטע מינוטן האָט דער „הער שאַרער", וואָס איז געווען אין אַ באַזונדערער, אויפגעהייטערטער שטימונג, זיך מיט אונז געזעגנט מיט דער באַגרינדונג, אַז ער מוז זיין ביים טעאַטער, כדי אָפּצוואַרטן אַנדערע הויכגעשטעלטע געסט, קריטיקער און קינסטלער, וואָס קומען צו דער היינטיקער פאָרשטעלונג, און איז מיט זיין טענצלדיקן גענגעלע נעלם געוואָרן פון קאַפע־הויז.

דער קעלנער האָט געבראַכט די באַשטעלטע קאַפע און עס האָט זיך ענט־וויקלט דער שמועס, וואָס איך געדענק אים כמעט גענוי, ווי ער וואָלט פאַרגע־קומען ערשט נעכטן.

שניצלער האָט ממש נישט אַראָפּגעלאָזט זיין בליק פון מיר און מיך גע־פרעגט, פונוואַנען איך שטאַם; מיט וואָסער פרנסה עס האָט זיך פאַרנומען מיין פאָטער; זינט ווען איך בין אין ווין און ווי עס זיינען מיינע הכנסות, וכדומה, צו וועלכע דער גרויסער שריפטשטעלער האָט אַרויסגעוויזן אַ ממש פאָטערלעכע פאַראינטערעסירונג.

— גייט איר אָפט אין דייטשן טעאַטער? — האָט שניצלער אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ פּיעסע האָט איר לעצטנס געזען? — פרעגט שניצלער.

איך ענטפער אים דעם נאָמען פון דער פּיעסע.

איך הויב אָן צו קוקן אויפ'ן וואַנט־זייגער, וואָס איז געהאנגען אַקעגן מיר, כדי מיר זאָלן נישט פאַרשפּעטיקן די פאָרשטעלונג. שניצלער באַמערקט מיין נערוועזיטעט און פאַרבעט מיך, שמייכלענדיק, אַז איך זאָל מיך זעצן נעבן אים, כדי איך זאָל אויסמיידן דעם וואַנט־זייגער.

אַ קליינע פּויזע.

דאַן פּלוצים אַ פראַגע:

— האָט איר געזען די פּיעסע „פּראָפעסאָר בערנאַרדי"? — פרעגט שניצלער.

— יאָ, געזען . . .

— איז אייך די פּיעסע געפעלן? — פרעגט ער מיט אַ שמייכל.

— איך בין געווען באַגייסטערט. די טעמע האָט מיך שטאַרק פאַראינ־

טערעסירט, — באַמערק איך, — און עס וואָלט געווען כדאי, די פּיעסע צו איבערזעצן פאַר'ן יידישן טעאַטער.

— מיינט איר, — פרעגט שניצלער, — אַז די „ווילנער טרופּע" וואָלט די פּיעסע אויפגעפירט?

— מען דאַרף וועגן דעם אַ רעד טאָן מיט מר. מאַזאָ, דעם פאָרשטייער פון דער „ווילנער טרופּע", — מאַך איך אַ פאָרשלאַג.

— מיט עטלעכע חדשים צוריק, — דערציילט מיר שניצלער, — האָט ער באַקומט אַ בריוו פון אַ יידישן פאַרלעגער אין וואַרשע, וואָס האָט אים גע־מאַכט אַ פאָרשלאַג צו איבערזעצן די פּיעסע „פּראָפעסאָר בערנאַרדי" אין „זשאַרגאָן" . . .

— איר מיינט צו זאָגן אין יידיש — מאַך איך אַ באַמערקונג.

— אָך, זאָ, — שמייכלט שניצלער, — איר זייט דאָך פון „אָסטן", דעריבער איז ביי אייך „זשאַרגאָן" אַ יידישע שפּראַך. — — —

די געמאַכטע באַמערקונג האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן.

שניצלער האָט, אפנים, באַמערקט מיין אַביסל פאַר'ברוגזטן פּנים און מיט אַ ווייכער שטימע, וואָס האָט געקלונגען מיט מחילה'דיקער גוטסקייט, געזאָגט:

— אדרבה: לאָמיר אַביסל דיסקוטירן אויף דער טעמע.

איך האָב אויסגענוצט אַלע מיינע קענטנישן און אַרגומענטן צו באַווייזן שניצלער'ן, אַז יידיש איז אַ לשון צוגלייך מיט אַלע אַנדערע לשונות; איך האָב אים דערציילט, אַז נאָך זייענדיק אַ קינד ממש, האָב איך שוין געהאַט געלייענט זיין, שניצלער'ס „אין קאַראַהאַד", וואָס האָט מן־הסתם, דורך אַ צו־פאַל, זיך פאַרוואַלגערט ביי אונז אין שטוב, און אַז איך האָב געלייענט אַ סך אַנדערע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, איבערגעזעצט אין יידיש לשון.

שניצלער ווערט ווי עלעקטריזירט און פרעגט:

— וואָס? מיין „רייגן" (קאַראַהאַד) איז איבערזעצט אין „זשאַרגאָן"?

— אין יידיש, — מאַך איך אַ חוצפּהדיקע באַמערקונג . . .

— גוט, זאָל זיין אין יידיש, — ווערט שניצלער נייגעריק צו וויסן, ווער האָט געוואַגט צו איבערזעצן „רייגן" אין יידיש און נישט געבעטן ביי אים די דערלויבעניש פאַר דער איבערזעצונג. נאָכמער: שניצלער האָט אַפילו נישט געוווּסט, וועלכער פאַרלאַג עס האָט אַרויסגעגעבן די זאַך און ביי וועמען ער זאָל מאָנען האָנאָראַר . . .

— אַ סקאַנדאַל, — צעקאָכט זיך שניצלער; עס איז אַ הפקרות! אַ „שווייַ־נעריי" . . .

* * *

אונזער שמועס האָט מיר געשטערט, אַז איך זאָל זיין אימשטאַנד אי־בערצוגעבן שניצלער'ן כאָטש אַ קיצור פונם אינהאַלט פון דער פּיעסע, וואָס ער דאַרף באַלד זען ביי די „ווילנער". אָבער שניצלער האָט פּשוט נישט קיין חשק געהאַט אויסצוהערן דעם אינהאַלט פונ'ם „דיבוק".

ווען דער כעס (אָדער פאַרדרוס) האָט פון אים זיך אָפּגעטאָן, האָט ער ביי מיר זיך אַנטשולדיקט פאַר די באַליידיקנדע באַמערקונגען, וואָס ער האָט פריער געמאַכט אויף דעם, אים אומבאַקאַנטן פאַרלעגער און איבערזעצער, וואָס האָבן געוואָגט אים צו באַ׳עולה׳ן און אַרויסצוגעבן זיין „רייגן״ און אפשר אויך אַנדערע פון זיינע שאַפונגען, אָן זיין וויסן . . .

שניצלער ווערט נישט מיד זיך אויסצופרעגן וועגן דעם גייסטיקן און קולטורעלן מצב ביי דער יידישער יוגנט אין פוילן; אויב די יידן זיינען טאַקע ציוניסטיש געשטימט און אויב די יוגנט איז פיזיש און אידעאָלאָגיש גרייט נאָכצוטון די ציוניסטישע פּיאָנער־אַרבעט אין „פּאַלעסטינאַ״, כדי אויפצובויען אַ יידישע מדינה, וכדומה, אַלץ פראַגן, צו וועלכע שניצלער האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס; געוואָלט דערגיין און דערגרונטעווען געוויסע ספקות, וואָס האָבן געטליעט אין זיין האַרץ און נשמה.

און פלוצים:

— זייט איר אַ ציוניסט? — האָט געפרעגט שניצלער.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— ווייסט איר, אַז איך בין געווען באַפריינדעט מיט דר. הערצל, — זאָגט שניצלער.

— יאָ, איך ווייס, — ענטפער איך, — אַז איר זייט געווען באַפריינדעט מיט הערצל׳ן, — און טראָצדעם זייט איר נישט קיין ציוניסט, — מאַך איך אַ באַמערקונג.

— איך בין אָבער נישט קיין קעגנער פון דער ציוניסטישער אידעע — האָט געלויטעט שניצלער׳ס תשובה, כמו אַן אַנטשולדיקונג. — דר. הערצל איז געווען אַ גרויסער שריפטשטעלער, אַ הערלעכע פערזענלעכקייט . . . עס קאָן זיין, אַז ער האָט געהאָט די ריכטיקסטע וויזיע פון אַ נביא, — ווערט שניצלער סענטימענטאַל און מעלאַנכאָליש געשטימט . . .

* * *

אינצווישן איז דער „הער שאַרער״ געקומען צולויפן אַ פאַרסאַפּעטער און אַ פאַרשוויצטער, אָפּווישנדיק דעם מיט שוויס באַדעקטן שטערן.

— הער שניצלער, — רעדט „הער שאַרער״ מיט אַ ממש געבראָכענער שטימע. — מיר האָבן געוואַרט אַ פערטל שעה מיט׳ן אָנהויב פון דער פאָר־שטעלונג און איר זייט נישט געקומען . . . „דאָס הויז״ (געמיינט טעאַטער), איז אויספאַרקויפט ביז צום לעצטן פלאַץ! פּראָמינענטע געסט זיינען אנוועזנד ביי דער פאָרשטעלונג . . . די אַקטיאָרן זיינען נערוועז און געשפּאַנט איידער צו זען . . ביטע, קומט . . .

אָבער אַרטור שניצלער ווערט נישט נתפעל פון בערנאַרד שאַרער׳ס תחנונים׳דיק קול׳כל און זיצט מיט זיין האַנט אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן טיש. ער קוקט

שארער׳ן גלייך אין די אויגן אַריין ווי ער וואָלט וועלן דערגרונטעווען די אויס־טערלישע דרכים פון זיין פלאַגיאַטאָר . . .

— זיצט, הער שאַרער, — זאָגט שניצלער, ווי ער וואָלט וועלן זיך אַביסל רייצן מיט אים. — זיצט און טרינקט אַ קאַפע . . . איך האָב דאָך שוין סיי ווי פאַרשפּעטיקט צו דער היינטיקער פאָרשטעלונג פון „דיבוק". עס מאַכט נישט אויס. איך וועל זען די פּיעסע ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט.

— ווי קאָן איך זיצן אין קאַפע־הויז, — ציטערט אינגאַנצן דער „הער שארער", — אַז די אַקטיאָרן וועלן מיר פאַרשטיינען!

דער „הער שארער" קוקט אויף מיר מיט אַנגעצונדענע פלעמלעך, וואָס גליען אַרויס פון זיינע צוויי קליינע אויגן און וויל אויסלאָזן זיין גאַנצן כעס צו מיר.

שניצלער באַמערקט די אומאַנגענעמע סיטואַציע און וויל מיך באַשיצן. ער פאַרטיידיקט מיך, באשר דאָס איז נישט מיין שולד, וואָס מיר האָבן פאַר־שפּעטיקט צו דער פאָרשטעלונג, נאָר זיינע; אַז דער שמועס, וואָס ער האָט געפירט מיט מיר, איז פאַר אים געווען זער אינטערעסאַנט און באַלערנדיק; אַז ער האָט פון מיר זיך דערוווּסט גאָר אַ סך זאַכן, פון וועלכע ער האָט גע־הערט צום ערשטן מאָל, וכדומה.

אָבער דער „הער שארער" וויל זיך נישט באַרואיקן און שלאָגט פאָר, אַז שניצלער זאָל קומען אין טעאַטער, כאָטש אויף אַ האַלבער פאָרשטעלונג, כדי ער זאָל נישט פאַרבלייבן קיין ליגנער ביי די אַקטיאָרן פון דער טרופּע . . .

ווען שניצלער איז אַלץ פאַרבליבן פאַר׳עקשנ׳ט און נישט געוואָלט נאָכ־קומען שארער׳ס צודרינגלעכע בקשה, האָט דער „הער שארער" פאַרוואָרפן דאָס קעפּל אויף הינטערווייִלעכץ, ווי צו חלש׳ן . . .

אין קאַפע־הויז איז אַנטשטאַנען אַ שטיקל סומאַטאָכע . . . דער קעלנער האָט געבראַכט אַ גלאָז וואַסער און באַשפּריצט שארער׳ס איינגעפאַלן פנים. אַן אַנוועזנדער דאָקטאָר, וואָס איז געזעסן אין אַ קרייז פון פריינט איז צוגע־לאָפן. געטאַפּט דעם פּולס פונם „פאַר׳חלש׳טן" פּאַציענט און האָט קאָנסטאַ־טירט, אַז עס איז „קוואַטש" . . . דעם פּאַציענט פעלט גאָרנישט . . .

שניצלער איז די גאַנצע צייט געווען זייער רואיק און געלאַסן. עפּעס האָט ער פאַרשטאַנען (אַלס אַן אויסשטודירטער מעדיצין דאָקטאָר), אַז נישט אַזוי טויט חלש׳ן אַ מענטש, ווי עס האָט „גע׳חלש׳ט" דער „הער שארער"...

ענדלעך האָט דער מכלומרשט פאַר׳חלש׳טער „פּאַציענט" זיך אַוועקגע־זעצט ביים טישל און האָט כסדר עפּעס געוואָרטשעט אונטער די ציין:

— זי, זי, נאָר זי, — שטאַמלט דער „הער שארער" אויף זיין ווינערישן לשון, — און וואַרפט אַן אויג אויף מיר, — האָבן „פאַרפּאַצט" (פאַרדאָרבן, הייסט עס), דעם היינטיקן אָוונט, און האָט אַ פאַרשעמטער פון דער נישט־געלונ־גענער קאָמעדיע, וואָס ער האָט געוואָלט אָפּשפּילן פאַר שניצלער׳ן, זיך אַרויסגעשאַרט פון קאַפע־הויז.

די אָקאָרשט פאָרגעקומענע סצענע, האָט אויף שניצלער׳ן געמאַכט זער אַ פיינלעכן איינדרוק.

עס איז מעגלעך, אַז אים, דעם אַזוי פיין־פילנדיקן מענטש און שריפט־שטעלער, האָט ווי געטאָן די גלייכגילטיקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו זיין פאָרערער — „הער שארער״, — וועלכער האָט דאָך דאָס אַלץ געמיינט אויפריכטיק און אים געוואָלט טאָן אַ טובה.

ענדלעך האָט שניצלער ווי אויפגעוואַכט פון זיינע רעיונות און זיך אָנ־גערופן:

— עס איז אַ הערלעכער אָוונט. אפשר וואָלטן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר לענג־אויס דעם דאנוי? שוין לאַנג נישט געווען אין דער געגנט.

מיר זיינען אַרויס פון קאפע־הויז און באַגעגנט אַן אמת פאַר׳כישופטן אָוונט.

די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך האָט זיך ווי געט׳טובל׳ט אין די בלויע וואַסערן פונם דאָנוי־טייך. דער אַראָפּגענידערטער בין־השמשות האָט אַרומגעהילט די באַלויכטענע שטאָט ווין מיט מיליאָניקע אָנגעצונדענע פייערלעך, וואָס האָבן שעמערירט פון די באַלויכטענע דאָנוי־בריקן און פון די קאַפע־הייזער; פון דעם פּאָפּולערן „ריזן־ראַד״ און פון די שפּיל־בודעס אינ׳ם לוסטיק צעפּלאָ־טערטן און פון פריידיק באַנומענעם „פּראַטער״.

שניצלער איז ווייטער ווי פאַרזונקען אין רעיונות און רעדט נישט קיין וואָרט. זיין אימפּאָנירנדער, ווייסלעך באַדעקטער קאָפּ מיט האָר, האָט אַראָפּ־געהאנגען אין זיין מיטלוווקסיקן גוף און ווי פאַרגעסן דעם הערלעכן זומער־אָוונט, וואָס ער האָט אקאָרשט אַזוי שטאַרק באַוווּנדערט.

ענדלעך איז ער שטיין געבליבן אַ ווילע און זאָגט:

— איר האָט היינט געמאַכט פאַר מיר באמת וווּנדערלעכע אַנטפּלעקונגען, וועגן וועלכע איך האָב ביז איצט נישט געוווּסט!

שניצלער׳ס אויער איז געווען גרייט אויפצונעמען וואָס מער אינפאָר־מאַציעס וועגן דעם יידישן לעבן; וועגן אונזערע פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע שטרעמונגען, וואָס האָבן דעמאָלט באַהערשט די יידישע ישובים אין ליטע, פּוילן, גאַליציע, רומעניע, און אַנדערע לענדער.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציעס וואָס זיינען, ווי שוין דערמאָנט פריער, פאָרגעקומען קעגן זיין פּיעסע „פּראָ־פעסאָר בערנאַרדי״ און קעגן אים גופא, אַלס אַ ייד, האָבן אויף אים געהאַט אַ גאָר שטאַרקע השפעה. ער האָט, אפנים, אָנגעהויבן צו רעווידירן זיין אַסימילירטן „אני מאמין״, אַז ער איז מער ייד ווי „עסטרייכער״; אַז ער איז ניט קיין דייטשער שריפטשטעלער און האָט מער משא־ומתן מיט יידן, מיט יידישקייט און מיט׳ן ציוניזם.

— הייסט עס, — בלייבט פּלוצים שטיין שניצלער, — אַז יידן דאַרפן

האָבן אַן אייגן לאַנד . . . אַן אייגענע היים, ווי דר. הערצל האָט דאָס אַזוי קלאָר פאָרמולירט אין זיין „אַלט-ניילאַנד" און „יידנשטאַט" . . .

— צום באַדויערן, — זאָגט שניצלער, — האָבן מיר, די יידן פון ווין און פון אַנדערע מערב-לענדער, נישט ריכטיק פאַרשטאַנען די פּאָליטישע קאָנ־צעפּציע פון ציוניזם.

שניצלער'ס קול איז געוואָרן פעסטער און אָנגעהויבן צו רעדן האַסטיק און גיך, ווי ער וואָלט וועלן אַרויסזאָגן פאַרשיידענע געדאַנקען אויף איינמאָל, כדי ער זאָל זיי נישט פאַרגעסן. זיין לענגלעך צוגעשוירן און מיט ווייסע האָר־פעדים פאַרהילט בערדל, האָט בעת'ן רעדן ממש געציטערט און פלעגט אָפּט שטיין בלייבן ווי ער זאָל וועלן כאַפּן דעם אָטעם.

עס האָט בעת־מעשה זיך אויסגעדוכט, אַז ארטור שניצלער, דער מחבר פון אַ דריי צענדליק וואָגיקע ווערק, דראַמען, דערציילונגען און נאָוועלן, דער זעלביקער גייסטרייכער שריפטשטעלער, וואָס האָט אין משך פון יאָרן גע־שאַפן און באַרייכערט די דייטש־עסטרייכישע ליטעראַטור, האָט אין יענעם זומער־אָוונט פון יאָר 1922, זיך געפילט עפּעס אַזוי הילפלאָז און עלנט, ווי אַ קינד . . .

פון זיינע רייד האָט אַרויסגעקלונגען דער יידישער צער פון דורות!

* * *

פון אונזער לאַנגן שפּאַציר זיינען מיר צוגעקומען צום בנין וווּ עס האָט זיך געפונען די ווינער „אוראניא". אַ בילדונגס אַנשטאַלט, ווו עס זיינען פאָר־געקומען פאַרשיידענע לעקציעס אויף קולטורעלע און אויף פּאָליטישע טע־מעס; פאַרשיידענע אָוונט-קורסן פאַר יוגנטלעכע און דערוואַקסענע מענטשן, וואָס שטרעבן צו פאַרפולקאָמען זייער וויסן.

אייניקע פון די תלמידים, וואָס זיינען אָקאָרשט אַרויסגעקומען פונם אוראַניא־בנין, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווען זיי האָבן דערזען שניצלער'ן און אים באַגריסט מיט אַ „גוטן אָוונט".

עטלעכע יונגערע מיידלעך זיינען צוגעקומען און מיט שמייכלדיק־פאַר־שעמטע אויגן זיך געבעטן ביי שניצלער'ן, אַז ער זאָל זיי געבן אַן אויטאָגראַף, וועלכע שניצלער האָט אַריינגעשריבן אין זייערע ביכלעך.

ווען דאָס געזעמל מיט יונגוואַרג איז געוואָרן גרעסער און שניצלער האָט מער זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זיי, האָט ער צוגערופן אַ „טעקסי" און מיר זיינען צוגעפאָרן צו אַ קאַפע־הויז אויפ'ן „שוואַרצענבערג פּלאַץ".

— אַ גוטע, אַ פיינע יוגנט, — האָט שניצלער פּלוצים זיך אָנגערופן. אָבער זי ווערט צו־פרי פּאָליטיש פאַרדאָרבן און אַנטיסעמיטיש פאַר'סמ'ט . . .

— אפשר וואָלטן מיר דאָך צוגעגאַנגען צום טעאַטער, כדי צו זען כאָטש אַ האַלבן אַקט פון דער פאָרשטעלונג? — פרעגט שניצלער, וועלכער איז געוואָרן אויפגערעגט און אומרואיק.

איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז עס איז שוין נאָך 10 דער זייגער און אַז די פאָרשטעלונג פאַרענדיקט זיך אַ ליאַדע מינוט.

שניצלער וווּנדערט זיך אויף דער שפּעטער צייט און באַדויערט, וואָס ער מוז אַהיימפאָרן, ווייל ער וווינט זער ווייט.

ער האָט זיך שטאַרק באַדאַנקט פאַר די פּאָר שעה, וואָס איך האָב מיט אים פאַרבראַכט און געבעטן, אַז איך זאָל אים אַנטשולדיקן ביים „הער שאַ־רער" פאַר דעם עגמת־נפש, וואָס ער האָט אים גורם געווען . . .

שניצלער האָט מיר שטאַרק געדריקט די האַנט און אויסגעדריקט דעם ווילן, אַז ווען ער וועט קומען צו די „ווילנער" זען אַ פאָרשטעלונג, וועלן מיר זיך ווידער באַגעגענען און פאַרזעצן דעם אינטערעסאַנטן שמועס.

איך ווייס נישט, אויב ארטור שניצלער איז געקומען זען אַ פאָרשטעלונג ביי די „ווילנער טרופּע".

איך האָב אים מער נישט באַגעגנט.

* * *

אין יאָר 1931, ווען איך האָב דאַן געוווינט אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער הויפּט־שטאָט, פּראַג, איז שניצלער געשטאָרבן.

איך ווייס נישט, אויב שניצלער איז געשטאָרבן אַ בעל תשובה; אויב ער האָט טאַקע, אויף אַן אמת, רעווידירט זיינע אַנשויאונגען און איז פון אַן אַסי־מילאַטאָר געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער ייד.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז שניצלער האָט יאָ געוואָלט ווערן אַ בעל תשובה און קומען צו זיך, צו זיין אייגענעם יידישן שורש. אָבער עס האָט אים, אפשר, געפעלט דער מוט פאַר אַזאַ שריט. זיכער איז אָבער איינס:

מיט'ן טויט פון ארטור שניצלער, איז איבערגעריסן געוואָרן דער המשך פון די „אנאטאָלס", „גוסטלס", „עלזעס" און הונדערטער אַנדערע טיפּן און כאַראַקטערן, וואָס ארטור שניצלער האָט געשאַפן מיט אַזאַ קינסטלערישער ווירטואָזיטעט!

ארטור שניצלער האָט געהאַט דאָס גרויסע „גליק" — צו שטאַרבן אין עלטער פון 71 יאָר און גראַד מיט אַ „נאַטירלעכן" טויט . . . ער האָט אויס־געמיטן דעם ביטערן גורל פון אַ גרויסן, גאָר גרויסן טייל יידיש־דייטשע שריפטשטעלער, דיכטער, דראַמאַטורגן, קינסטלער, זשורנאַליסטן, מאַלער, אַקטיאָרן און אַנדערע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר „דייטשן" און „עסטריי־כער". אָבער ווען עס איז געקומען דער בייזער טאָג און די נאַציס האָבן אריינמאַרשירט קיין עסטרייך, זיינען דאָס רוב פון זיי געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן, שפּעטער אין די גאַז־אויוונס און אין אַנדערע אַנשטאַלטן פון טויט.

אין יאָר 1938, זיבן יאָר נאָך שניצלער'ס טויט, האָבן די נאַציס געפּראַ־וועט אַ „קאַרנאַוואַל" און פאַרברענט אויף די שייטערהויפנס זיינע ווערק...

אָבער די נאַציס האָבן פאַרברענט נישט בלויז די ווערק פון שניצלער׳ן. אין די פלאַמען פון דעם היטלערישן קולטור־חורבן, זיינען אויך אומגעקומען שניצלער׳ס העלדן.

דאָס האַרץ און די נשמה פון דעם אַמאָליקן ווין איז פאַרברענט געוואָרן!

---

## ריכארד בער־האפמאן האט ביי מיר זיך געלערנט ווידוי־זאגן

ריכאַרד בער־האָפמאַן, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1945 אין אַמע־ריקע, דערוויטערט פון זיין באַליבטער היים־שטאָט, ווין, האָט ביים שרייבער פון די שורות אַרויסגערופן אַ בינטל טייערע זכרונות, וואָס זיינען ביז־איצט געווען איינגעבאַקן אין האַרצן ווי די שענסטע בריליאַנטן אין אַ קרוין. איך האָב די דאָזיקע זכרונות באַהאַלטן ווי אַ פּריוואַט אייגנטום און זיי געצערטלט, צוזאַמען מיט אַנדערע טייערע זכרונות, וואָס זיינען פאַרבליבן אין מיין דמיון פון דעם אַמאָליקן, ראָמאַנטישן ווין, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע שיינע בחור׳ישע יאָרן.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם גרויסן יידיש־דייטשן דיכטער האָב איך צו פאַרדאַנקען אַ גליקלעכן צופאַל, און אַ דאַנק דעם צופאַל האָט ער זיך געלערנט זאָגן ווידוי . . . איך ווייס נישט, אויב דער גרויסער דיכטער האָט די ווידוי גע־קאָנט אויסנווייניק, אָבער איך בין מער ווי זיכער, אַז אויב זיין זכרון האָט אים ניט אָפּגעלאָזט ביז אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, האָט ער, געוויס, זיך דערמאָנט אין דעם יונגן בלאָנדן בחור מיט די בלויע אויגן, מיט וועלכן ער האָט אַמאָל, אין אַ זוניקן פאַרמיטאָג פון חודש יולי אין יאָר 1922, זיך געלערנט זאָגן די אַלמעכטיקע ווידוי־תפילה, וואָס איז אַ מין שייד־וועג צווישן לעבן און טויט; אַ באַקענטניש פון די באַגאַנגענע חטאים אין משך פון דעם אָפּגעלעבטן בינטל יאָרן.

לויט מיין באַשיידענער מיינונג, האָט ריכאַרד בער־האָפמאַן ניט באַגאַנ־גען קיין שום חטאים אויף דעם זינדיקן וועלטל. און אויב יאָ, איז ער געוואָרן געלייטערט דורך איין איינציקער סטראָף פון זיין וואונדערלעך פאַר׳כישוף׳טן „מרים׳ס שלאָף־ליד״, וואָס איז געווען דאָס שיר־השירים פון בער־האָפמאַנ׳ס דיכטערישע שאַפונגען.

ווען די „ווילנער טרופּע״ האָט אין ווין אויפגעפירט א. ווייטער׳ס פּיעסע „דער שטומער״, האָט דער הער בערנאַרד שארער אַזוי אַראַנזשירט, אַז איך בין געזעסן צו דער רעכטער זייט פון ריכאַרד בער־האָפמאַן, כדי אים צו געבן געוויסע אויפקלערונגען פון דער פּיעסע.

די מערקווירדיקע באַקאַנטשאַפט מיט דעם גרויסן יידיש־דייטשן דיכטער, האָט מיך ממש אַרויסגעבראַכט פון די כלים . . . דער קלוגער און גוט־

מוטיקער בער־האָפמאַן האָט פאַרשטאַנען מיין גרויסע פאַרלעגנהייט און אָנ־געהויבן מיט מיר צו רעדן ווי מיט זיינסגלייכן, פונקט ווי מיר וואָלטן געווען אַלטע פריינט.

„דער שטומער" האָט ביי בער־האָפמאַן און ביי מיר (וועלכער האָט די פּיעסע געזען צום ערשטן מאָל), אַרויסגערופן אַ אומגעהויערע באַגייסטערונג! איך האָב בעת דער פאָרשטעלונג און בעת די צווישן־אַקטן אים געגעבן צו פאַרשטיין אַ רייע שפּראַך־אויסדרוקן פון דער פּיעסע, וועמענס האַנדלונג איז אַזוי צוגעפּאַסט אַפילו פאַר דער איצטיקער צייט... די צעבראָכנקייט און אָנ־טוישונג פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט פאַרלוירן די אידעאַלן אין די „שטורם און דראַנג"־עפּאָכעס, איז אַ געלייטערטע און אַ אויפגע־וועקטע פונם רעוואָלוציאָנערן טשאַד, צוריק געקומען אַהיים אין דעם קליינעם יידישן שטעטל, אינ'ם בית־המדרש, וו דער „שטומער" פּלאָנטערט זיך צווישן דער עדה יידן בעת מנחה און מעריב, וואָס ציען דעם מאָנאָטענעם מעריב־ניגון. „והוא רחום יכפּר עון" . . .

* * *

די סימבאָליק פון דער פּיעסע, האָט בער־האָפמאַנ'ען ווי עלעקטריזירט! זינט די פאָרשטעלונגען פון דער „ווילנער טרופּע", וואָס האָט אַרויסגע־בראַכט שטיקער מיליע'ס פון יידישן לעבן אין די פּוילישע, ליטווישע און רוסישע שטעט און שטעטלעך, איז דער גרויסער דיכטער פון „שלאָפליד", „יעקב'ס חלום", „יונגער דוד", „גראַף פאַן שעוואַלי" און פון אַנדערע שאַ־פונגען, געוואָרן אויסער זיך! ער האָט — דורך די יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען ביי דער „ווילנער טרופּע", זיך באַקאַנט מיט אַ נייער יידי־שער וועלט, פון וועלכער ער האָט ניט געוווסט; יידישע ראָמאַנטיק, וואָס ער האָט ניט געזען אין ווין און אויך ניט אין זיין געבורטס־שטעטל אין מערן; ער האָט פאַר זיך דערזען אַ נייע יידישע וועלט, אַ לעבעדיקע און אַ צאַפּלדיקע, וואָס האָט אים, אָן שום ספק, געבראַכט אַ סך נעענטער צום יידנטום, ווי ער איז געווען ביז דעמאָלט.

בער־האָפמאַן האָט, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, געוואָלט וויסן נאָכמער פון יידישן לעבן, וויפיל ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען אויף דער בינע ביי די „ווילנער" און מיך געבעטן אים צו באַזוכן, כדי פאַרצוזעצן דעם שמועס וועגן „יידישקייט". עס האָט אים געצויגן, ווי אַ דורשטיקער צום ברונעם, נאָך שעפן נייעס וועגן דעם קאַמף פון דער יידישער יוגנט פאַר איר עקזיסטענץ; געוואָלט וויסן וועגן דעם וווקס און אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַ־טור, טעאַטער און צייטונגען; ער האָט ניט געוווסט וועגן דער גרויסער צאָל יידישע שרייבער, מיט'ן אויסנאַם פון פּרץ, שלום אַש, דוד פּינסקי און נאָך עטלעכע, וועלכע ער האָט געלייענט אַ טייל פון זייערע שאַפונגען, איבערזעצט אין דער דייטשער שפּראַך.

דער דיכטער פון ביבלישע דראַמעס, איז געווען פרעמד פון רעאַלן יידישן לעבן . . .

* * *

בער־האָפמאַן האָט געוווינט אין דעם ווינער הערלעכן דעבלינגער־באַ־צירק, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין צאַרטן גרינס און אין דער ספּעציפיש ווינער ראָמאַנטיק. מיר איז געווען שטאַרק אויפפאַלענד, וואָס די שיינע ווילע אין וועלכער בער־האָפמאַן האָט געוווינט, איז געווען באַ׳סימנ׳ט מיט אַ גרויסן מגן־דוד. איך ווייס נישט, אויב בער־האָפמאַן איז געווען אַ ציוניסט. אָבער דורך דעם מגן־דוד האָט ער ממש „פּראָוואָצירט" זיינע יידישע און ניט־יידישע שכנים און די טויזנטער טוריסטן, וואָס האָבן באַזוכט די דעבלינגער־געגנט.

בער־האָפמאַן האָט מיך אויפגענומען מיט אַ ממש פּאַטערלעכער ליבע און מיך איינגעלאַדן אין זיין אַרבעטס־צימער, וואָס איז געווען זער זויבער און ציכטיק. מיר איז געווען שטאַרק אומבאַקוועם, וואָס דער הויכער, מאַיעסטעטיש שיינער און עלטערער מענטש, רופט מיך „איר" („זי") און ניט פּראָסט „דו".

בעת מיר האָבן געטרונקען קאַפע, האָט בער־האָפמאַן זיך דערמאָנט אינ׳ם מעריב־ניגון פון דער נעכטיקער פאָרשטעלונג און אָנגעהויבן צו ברומען די ערשטע ווערטער „והוא" . . . און איך האָב פאַרגעזעצט: „רחום יכפר עון ולא ישחית" — — — —

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין שראַנק אַן אַלטן סידור און איך האָב אויפגעמישט די מעריב־תפילה, וועלכע הויבט זיך אָן מיט דעם עלעגיש־מאָנאָטאָנעם ניגון, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געברומט. אָבער איך האָב אַ חשד, אַז דער מחבר פון „יעקב׳ס חלום", וועמענס שטאָף ער האָט געשעפּט פון ביבלישע קוואַלן, האָט ניט געקאָנט קיין שייטל עברי . . . בער־האָפמאַן האָט מיר מודה געווען, אַז ער איז מקנא דאָס קליינסטע חדר־ייִנגל אין „אָסטן" (געמיינט אין די מזרח־לענדער), וואָס הויבט אָן צו גיין אין חדר אַריין צו פיר יאָר קען זאָגן אויף אויסנווייניק דעם „והוא רחום יכפר עון" און ער קאָן נישט . . .

אַ טיפער, עכט־יידישלעכער זיפץ, האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט־קאַסטן, און נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער זיך אָנגערופן:

— איבער הונדערט יאָר, וועל איך אַפילו ניט קאָנען זאָגן דאָס „זינדן־באַקענטניס" (געמיינט ווידוי) . . . און ווידער אַ קורצע, דערדריקנדע פויזע. דאָן פרעגט ער מיך:

— און איר קאָנט דאָס . . . „זינדן־באַקענטניס", כ׳מיין דאָס . . .

— ווידוי? — בעסער איך אויס.

— יאָ, דאָס מיין איך . . .

— איך הויב דאָך ערשט אָן צו לעבן, — האָב איך באַמערקט מיט אַ שמייכל — און כ׳האָב נאָך צייט אויסצולערנען ווידוי . . .

בער־האָפמאַן האָט געלאַכט פון מיין באַמערקונג און צוגעגעבן:

— איר זענט גערעכט, אָבער אין אַ וועלט פון האַס און שנאה צום ייד, דאַרף יעדעס יידיש קינד קענען זאָגן ווידוי, פונקט ווי זיי קענען זאָגן „והוא רחום״ . . . — און ברומט ווידער דעם מעריב־ניגון, כדי אָפצוּווענדן אונזער שמועס וועגן דעם אומהיימלעכן ווידוי . . .

* * *

פון דעם העל־זוניקן דרויסן, האָבן אינ׳ם קיל־פאַרשאָטנטן אַרבעטס־צימער אַריינגעשטראָמט סנאָפּעס מיט וואַרימער ליכטיקייט.

בער־האָפמאַן האָט מיך פאַרבעטן אין גאָרטן, וואָס איז געווען אַ מאָזאַיק פון כל־ערליי בלומען. „אַליין געפלאַנצט״, — באַמערקט ער מיט אַ שטאָלצן, צופרידענעם שמייכל. יעדן טאָג, ס׳רוב אין די פרימאָרגן שעה׳ן, — איז ער מוסיף, — פאַרברענג איך לפּחות צוויי שעה אין גאָרטן און צערטל זיי, די בלומען, מיט וואַסער־באַשפּריצונגען, וועמענס פרישע צאַרטע ריחות דער־קוויקן ממש דאָס האַרץ! בער־האָפמאַן האָט זיך אויסגעקאָנט אין יעדער בלום און פאַרשטאַנען זיי צו באַהאַנדלען, ווי אַ געניטער דאָקטאָר פאַרשטייט אומ־צוגיין מיט זיין פּאַציענט.

נאָך אַ קורצער ווײַלע גייען מיר צוריק אין זיין אַרבעטס־צימער און ער מישט ווידער אויף אינ׳ם סידור די ווידוי . . .

— איך וואָלט וועלן אויסלערנען די תפילה אויף אויסנווייניק, — באַ־מערקט בער־האָפמאַן אַביסל פאַרלעגן, — אָבער מיין בני־בית דאַרף דערפון חלילה ניט וויסן . . . זיי קאָנען ווערן שטאַרק באַאומרואיקט . . .

איך האָב די העברעאישע אותיות פון דער ווידוי איבערגעשריבן מיט דעם לאַטייניש אַלפאַבעט, ווייל — ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, — האָט ער געקענט זער שוואַך דעם העברעאישן אויסלייג, סיידן די אותיות זיינען געווען געפינטלט.

איך פלעג אָפט באַזוכן דעם באַטרעפנדן באַצירק בעת די זומער־שפּאַצירן און בעת די כ׳ תמוז׳דיקע יאָרצייטן צו הערצל׳ס קבר, אָבער בער־האָפמאַנ׳ען, האָב איך זינט דעמאָלט מער נישט געזען.

אין תּוך גענומען, איז בער־האָפמאַן געווען אַ דייטשער דיכטער, ווי דייטש עס זיינען געווען זיינע צייט־קאָלעגן: אַרטור שניצלער, פראַנץ ווערפעל, סטעפאַן צווייג, פעליקס סאַלטן און אַ סך אַנדערע. אָבער ער איז צווישן אַלע קאָלעגן פון זיין דור, געווען מער יידישער; האָט געברומט אַ מעריב׳דיקן „והוא רחום״ ניגון און געשטרעבט צו קאָנען זאָגן די ווידוי אויף אויסנווייניק . . .

ער האָט זיינע שאַפונגען באַפליגלט מיט ביבלישע טעמעס, וואָס האָבן באַרייכערט די דייטשע ליטעראַטור, אָבער ניט די יידישע, ווייל ער איז פון אונז געווען דערווייטערט און אָפּגעפרעמדט צוליב דער ניט־יידישער סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט.

ער האָט געשטרעבט צו דערגרונטעווען דאָס יידישע „מיסטעריום״ און אפשר דערפאַר האָט ער איינגעלאַדן גראָד מיך, כדי צו „עקזאַמינירן״ דעם גייסטיקן מהות פון דער יידישער יוגנט; עס קאָן זיין, אַז ער האָט אין זיין אונטערבאַוווּסטזיין מקנא געווען און רעספּעקטירט דעם יונגן יידישן דור, וואָס איז ענג צוגעבונדן צום יידישן לעבן. עס איז מעגלעך, אַז ער האָט אין קרייז פון זיינע פריינט און באַקאַנטע געשמועסט וועגן דער נאַציאָנאַל באַוווּסטער יידישער יוגנט, און האָט שטאָלצירט מיט אונז. ווי מיר יידן האָבן באמת שטאָלצירט מיט ריכאַרד בער־האָפמאַן, דעם ווינער יידישן דיכטער־פירשט, וועלכער איז געשטאָרבן אין דעם פרעמדן אַמעריקאַנער גלות — אַלס פּליט פון נאַציזם אין עסטרייך.

---

## א באַגעגענונג מיט באָריס טאָמאַשעווסקי

אין יאָר 1929, ווען איך בין געווען אַ שותף צו דעם ווינער יידישן טעאַטער „אסטאָר״ אויף דער פּראַטער־שטראַסע, האָט ביי אונז געגעבן אַ קורצן גאַסטראָל באָריס טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט אויפגעפירט אַ פּיעסע מיט׳ן נאָמען „ער און זי״.

דער אַמאָל באַרימטער יידישער אַקטיאָר טאָמאַשעווסקי, וועלכער איז געווען דער מחבר פון אַ גרעסערע צאָל אָפּערעטקעס און מעלאָדראַמעס: פון „תורה׳לעך״, „בורה׳לעך״, „בר־מצווה׳לעך״ און פון „פּינטעלע יידעלעך״, וואָס האָבן געהאַט, ווילט זיך זאָגן, דעראָבערט די יידישע טעאַטער־וועלט פון דעמאָלט, האָט אין ווין נישט געהאַט דעם דערפאָלג, וואָס ער האָט דערוואַרט.

באָריס טאָמאַשעווסקי, דער אַמאָליקער אָריאָל פון דער יידישער טעאַטער־וועלט, איז אין יענע יאָרן שוין געווען אַ האַלב־פאַרלאָשענער שטערן. ער האָט דאָס געפילט און פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט געקעמפט קעגן דעם אַזוי בולט׳ן אמת, וואָס האָט אים באַגלייט ווי אַ שאָטן . . .

נאָך זיין נישט געלונגענעם קורצן גאַסטשפּיל אין ווין, האָט טאָמאַשעווסקי זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ טורנעע איבער די פּראָווינצן פון דער סלאָוואַקיי און קאַרפּאַטאָרוס, כדי דאָרט צו פּרוּוון זיין, פון אים זיך אָפּגעטוענעם מזל. ער האָט געקעמפט ווי אַ לייב, כדי זיך צו האַלטן אין דער „מעלה״ און נישט געוואָלט פאַרשווערכן דעם כבוד פון זיין אַמאָליקן פּרעסטיזש.

ער איז אויפגעטראָטן אין אַ ריי דאָרטיקע שטעט און שטעטלעך, און זיינע אַמאָליקע „פּאַטריאָטן״, די צוריקגעקומענע יידישע עמיגראַנטן פון אַמעריקע, וואָס האָבן אים געקענט פון זיינע גרויסע טעאַטער־דערפאָלגן אין ניו־יאָרק, האָבן אים מקרב געווען און צוגעטיילט אַ סך כבוד, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן צו זיינע דערוואַרטעטע קאַסע־דערפאָלגן.

איך האָב איין מאָל באַגעגנט בּאַריס טאָמאַשעווסקי׳ן אויפ׳ן וואָקזאַל פון דעם באַקאַנטן סלאָוואַקישן קור־אָרט פּישטיאַן. ער האָט מיט אַ טרויעריק געמיט זיך באַקלאָגט פאַר מיר, אַז ער וועט אין די נאָענטסטע טעג צוריקפאָרן קיין אַמעריקע, ווייל די יידן פון ווין און פון דער סלאָוואַקיי, האָבן אים שטאַרק אַנטוישט . . .

טאָמאַשעווסקי האָט געהאַט אַ סך פּלענער און פאַנטאַזירט, אַז ווען ער וועט צוריקקומען קיין ניו־יאָרק, וועט ער דאָרט „ברענען אַ וועלט". ער וועט שרייבן פּיעסן, שפּילן טעאַטער און ווייזן וואָס ער קאָן.

איך ווייס נישט, וואָס פון טאָמאַשעווסקי׳ס פּלענער איז געוואָרן. אָבער אין דער צייט, ווען איך האָב אים געטראָפן אין ווין און אין דער סלאָוואַקיי האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער שיינער פּרינץ פון דער אַמאָליקער יידישער בינע, וועט זיין ציל נישט מער דערגרייכן. ער איז געווען פיזיש צע־בראָכן און מאָראַליש באַליידיקט צוליב זיינע געליטענע דורכפאַלן.

ביי זיין געוועזענעם סלאָוואַקישן אימפּרעסאַריא, מ. קאַצוויר, (וועלכער וווינט איצט אין לאָנדאָן), געפינען זיך אַ צאָל בריוו פון באָריס טאָמאַשעווסקי, וועלכע זיינען געשריבן מיט אַ סך צער און ווייטיק צוליב זיין דורכגעפאַלענער טורנעע אין דער סלאָוואַקיי. ער באַקלאָגט זיך, אַז „די יידן האָבן נישט אַרויס־געוויזן צו אים די געהעפטע ליבשאַפט און דרך־ארץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זיי אין דער צייט פון זיינע גרויסע מאָראַלישע און מאַטעריעלע דערפאָלגן אויף דער יידישער בינע".

# בע־ונד מיט דער טעאטער־בויד

# די געשיכטע פון א „צילינדער“

אין הערבסט, 1924, ווען איך בין געקומען צו דער „שטראמער־טרופּע“ וואָס האָט דעמאָלט גאַסטראָלירט אין דער קאַרפּאַטאָרוסער שטאָט מונקאַטש, בין איך שוין געווען אַ היבש ביסל „אויסגעגרינט“. אין משך פון מיינע פריערדיקע וואַנדערונגען מיט דער יונגווירט־טרופּע איבער די פּראָווינצן פון בעמען, מערן און טשעכיש־שלעזיען, וועגן וואָס איך האָב שוין דערציילט אין אַ פריערדיק קאַפּיטל, האָב איך ביסלעכווייז מיך איינגעלעבט מיט'ן ספּעציפיש יידישן טעאַטער־וועלטל, און מיט'ן טעאַטער־לשון, וואָס האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין אַקטיאָרישן לעבן.

דעם אמת געזאָגט האָב איך נישט געוווסט, וואָס פאַר אַ פונקציע איך וועל פאַרנעמען אין דער „שטראמער טרופּע“. עס האָט מיך אָבער געצויגן, ווי מיט אַ מאַגנעט, צו באַקענען זיך מיט דעם אייגנאַרטיקן יידישן לעבן אין דער, פאַר מיר אומבאַקאַנטער קאַרפּאַטאָרוסער מדינה, וואָס האָט שפּעטער פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין מיין לעבן.

דער געשעפטס־פירער פון דער טרופּע, וועלכער האָט געהאַט אַ קאָנצעסיע צו שפּילן יידיש־טעאַטער אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי, האָט געהייסן זכריה פראַנצאָס, אַ געבוירענער אין לעמבערג.

זכריה פראַנצאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ, וואָס מען געפינט מער נישט אין אונזער יידישן טעאַטער־וועלטל. ער איז געווען אינטעליגענט און געבילדעט, אָבער גלייכצייטיק הפקר'דיק און אומפאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים; אַ באָהעם און אַ קאָרטן־שפּילער, אַ כל־בו און אַ גוטער ברודער. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אויך באַטייליקן מיט אַ ראָלע אין אַ פּיעסע, אָבער אָן אַמביציע צו שפּילן טעאַטער. יעדער אויפטריט אויף דער בינע איז פאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש!

ביסלעכווייז האָט פראנצאס מיך איינגעשפּאַנט אין דער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט אַרום דעם טעאַטער, כדי ער זאָל האָבן מער צייט צו „שחוק'ן“ (שפּילן אין קאָרטן, אויפ'ן מונקאַטשער לשון). ער האָט מיך באַקענט מיט'ן אופן, ווי אַזוי מען מאַכט „שוואַרץ שבת“ מיט דעם שטייער־אַמט, וואָס פלעגט נעמען אַ געוויסן פּראָצענט פון די פאַרקויפטע בילעטן; ווי אַזוי מען איז זיך נוהג ביים דינגען אַ טעאַטער; ווי אַזוי מען באַשטעלט אָפישן, אָרגאַניזירן דעם פאָר־פאַרקויף פון די בילעטן, וכדומה.

ווען פראנצאס האָט זיך איבערצייגט, אַז איך פיר אויס די מיר אָנפאַרטרויטע אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס מיט דערפאָלג, האָט ער מיר אָנגעהויבן געבן זער דעליקאַטע „לעקציעס“, ווי צו מאַכן אַ „צילינדער“ ביים טעאַטער. דאָס הייסט, ווי־אַזוי מען מאַכט אַ פאָר „זייטיקע“ פאַרדינסטלעך, וואָס זאָלן נישט זיין אויפפאַליק . . .

לכתחילה האָב איך נישט ריכטיק פאַרשטאַנען, וואָס פראַנצאָס מיינט מיט דעם באַגריף „צילינדער"; צי עס האַנדלט זיך אין אַזאַ שוואַרץ־גלאַנצנדיקן, שטייפן הוט, וואָס מ'טראָגט אויפ'ן קאָפּ ביי וויכטיקע צערעמאָניאַלע פּאַראַנ־שטאַלטונגען, צי וועגן עפּעס אַן אַנדערע זאַך. כדי דעם ענין צו מאַכן אַביסל פאַרשטענדלעכער, האָט ער מיר דערציילט די פאָלגענדע געשיכטע:

ווען פוילן איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אונטער דער צאַרישער הערשאַפט און ס'איז אָנגעקומען זער שווער פאַר יידישע אַקטיאָרן צו שפּילן טעאַטער אויף יידיש, וואָס דערצו האָט מען געמוזט האָבן אַ דער־לויבעניש פון די צאַרישע הערשער, האָט אַ יידישע חברים־טרופּע אויסגע־ווײלט איינעם פון זייערע ערלעכסטע און אינטעליגענטסטע מיטגלידער, אַז ער זאָל זיין דער געשעפטס־פירער.

אַמאָל, איז דער דאָזיקער געשעפטס־פירער געקומען קיין לובלין בעטן ביים דאָרטיקן צאַרישן גענעראַל־גובערנאַטאָר אַ דערלויבעניש צו מעגן שפּילן יידיש־טעאַטער. ווען דער גובערנאַטאָר'ס סעקרעטאַר האָט דערזען דעם אָפּ־געשליסענעם הולך פון געשעפטס־פירער, וועלכער איז געגאַנגען אין אַן אַלט, אָפּגעריבן רעקל, מיט צעריסענע הויזן און פון די אָפּענע שיך האָבן זיך אַרויס־געזען די נאַקעטע פיס, האָט ער אים אַרויסגעוואָרפן!

פאַרצווייפלט, האָט דער געשעפטס־פירער אָנגעהויבן אַרומלויפן צו די יידישע כלל־טוער פון לובלין און צו די טעאַטער־פּאַטריאָטן, בעטנדיק, אַז זיי זאָלן אים אַרויסהעלפן אין דער צרה, ווייל די טרופּע, וואָס געפינט זיך אין אַ שכנות'דיק שטעטל, האָט נישט וווּ צו שפּילן, און זיי וואַרטן אויף דער ישועה פון דעם לובלינער גובערנאַטאָר.

— דו שוטה, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די לובלינער טעאַטער־„פּאַטריאָטן" — ווי שעמסטו דיך נישט אין אַזאַ וויסטן מעמד אָנצושלאָגן צום סאַמאָראָדנעם גענעראַל גובערנאַטאָר? זעסט דאָך אויס ווי אַ באָסיאַק! צו אַזאַ וויכטיקן שררה מוז מען גיין אָנגעטון אין לייטישע בגדים און טראָגן כאָטש אַ צילינדער אויפ'ן קאָפּ . . .

דער נאַאיווער געשעפטס־פירער האָט געפאָלגט די עצה־טובה און האָט אויפ'ן דאָרטיקן אַלטן מאַרק זיך איינגעהאַנדלט אַ צילינדער; עפּעס אַן אַלט חפץ נאָך פון, גראַף פּאָטאָצקי'ס צייטן פאַר וועלכן ער האָט באַצאָלט פופציק קאָפּיקעס, און האָט זיך נאָכאַמאָל געלאָזט צום גובערנאַטאָר פּרווון ס'מזל.

ווען דער סעקרעטאַר האָט דערזען דעם פאַרשוין מיט אַ צילינדער אויפ'ן קאָפּ איז ער אַריין צום גובערנאַטאָר דערציילן די מעשה וועגן דעם אָיסטער־לישן באַזוך פון יידישן געשעפטס־פירער. דער גובערנאַטאָר האָט אים געהייסן אַריינלאָזן. דערזעענדיק אים, האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט און פאַר רחמנות אים אויסגעשטעלט אַ דערלויבעניש פאַר דער חברים־טרופּע צו שפּילן יידיש־טעאַטער אין לובלין און אין דער גובערניע.

קומענדיק צוריק צו דער טרופּע, האָט ער דערציילט זיינע נסים־ונפלאות,

ווי אַזוי דער צילינדער האָט געהאָלפן באַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן יידיש טעאַטער, און האָט צוגעשטעלט די סומע פון פופציק קאָפּיקעס צום חשבון פון זיינע הוצאות.

אַז די פינאַנץ־קאָמיסיע פון דער חברים־טרופּע האָט פאַר זיך דערזען עפּעס אַן אויסטערלישע ציפער פון אַ האַלבן רובל, האָבן זיי אָנגעהויבן קרימען מיט די נעז און גע׳פסק׳נט, אַז זיי אַנערקענען נישט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע; אַ געשעפטס־פירער פון אַ טעאַטער — האָבן זיי גע׳טענה׳ט — דאַרף זיך שלאָגן „קאָפּ אין וואַנט" און מוז באַזאָרגן אַ דערלויבעניש צו שפּילן טעאַטער, ווייל דערויף האָט מען אים באַשטימט, און זיינע זייטיקע הוצאות גייען קיינעם נישט אָן.

דער ערלעכער געשעפטס־פירער האָט געשוויגן פאַר צער און פאַרדרוס. ער האָט אָבער באַשלאָסן צו „לערנען בלק" מיט די חברים פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע, אָט ווי־אַזוי:

דאָס צווייטע מאָל, צוריקקומענדיק פון אַ נסיעה איבער די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך וווּ ער האָט אַראַנזשירט גאַסטראָלן פאַר דער טרופּע, האָט ער צוגעשטעלט חשבונות פון זיינע הוצאות, וואָס אין די אויגן פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע האָבן זיי אויסגעזען לאָגיש און פאַרשטענדלעך. למשל:

„אַ דראָשקע פון דער באַן אין שטאָט אַריין און צוריק — פופציק קאָפּיקעס (פריער פלעגט ער גיין צופוס); אַ צימער אין האָטעל און טרינק־געלט — אַ רובל (פריער פלעגט ער שלאָפן אויפ׳ן וואָקזאַל אָדער אין אַ ביליקער מלינה). הכלל, אַלץ אַזעלכע „הוצאות", וואָס נאָך יעדער נסיעה פלעגן זיי ווערן גרעסער און געשוואָלענער . . .

די חברים פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע האָבן פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג מיט די הוצאות פון זייער געשעפטס־פירער. פריער האָט ער זיינע חשבונות צוגעשטעלט אויף אַ קליין צעטעלע, און אין דער לעצטער צייט האָט ער שוין געשריבן אויף לאַנגע בויגנס פּאַפּיר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מגילות. אָבער זיי האָבן אים נישט געקאָנט כאַפּן ביי דער האַנט מיט עפּעס אַ „לינקער" אויסגאַבע, ווייל אַלע הוצאות האָבן אויסגעזען לאָגיש און פאַרשטענדלעך . . .

אַמאָל, ווען דער געשעפטס־פירער איז צוריקגעקומען פון אַזאַ נסיעה און האָט, ווי דער שטייגער, צוגעשטעלט אַ לאַנגע מגילה, און מען האָט אים געוואָלט כאַפּן ביי אַ חטא, האָט ער זיך אָנגערופן:

— חברים, וואָס זוכט איר? דעם „צילינדער"? נישטאָ קיין „צילינדערס" אין מיינע הוצאות . . . — — — — — — — — — — — — — —

— האָסט פאַרשטאַנען דעם נמשל? — האָט פראַנצאָס מיך אַ פרעג געטאָן מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, ווי אַ רבי, וואָס שטעלט זיין תלמיד אַ קשיא.

אָט דאָס איז דער „שכל" פון אַ „צילינדער" אין יידישן טעאַטער.

---

# א אימפרעסאריא פארשפּילט אין קאַרטן די סובסידיעס
# פאַר'ן יידישן טעאַטער

דאָס כאַראַקטעריסטישע מעשה'לע, וואָס פראַנצאָס האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי מען מאַכט אַ „צילינדער" ביים יידישן טעאַטער, איז מיר שטאַרק געפעלן. אָבער גלייכצייטיק האָט מיך אויך פאַראינטריגירט אַ גאַר־וויכטיקע פראַגע: פונוואַנען נעמט זכריה פראַנצאָס די גרויסע געלט'ער, וואָס ער פאַר־שפּילט טאָג־טעגלעך אין קאָרטן?

איך האָב געוווסט, אַז פראַנצאָס איז „פּאַניע־בראַט" מיט די אָנגעזעענסטע קאַרטן־שפּילער פון מונקאַטש, איינגעשלאָסן אויך מיט'ן דאַרטיקן קריסטלעכן בירגער־מייסטער, ד"ר פּעטריגאַלא, וועלכער איז צו זיינע מעלות־טובות אויך געווען אַ גרויסער שיכור און אַ נאָך גרעסערער שיקסע'ניק. ד"ר פּעטריגאַלא איז לויט זיין פּראָפעסיע געווען אַן אַדוואָקאַט. נאָר צוליב זיינע פּילזייטיקע פאַרפליכטונגען אַלס בירגערמייסטער, קאַרטן־שפּילער, שיכור און אַנדערע „מעשים־טובים", האָט ער אויפגעגעבן זיין אַדוואָקאַטור און איז געוואָרן דער אמת'ער שאַלטיק.

ד"ר פּעטריגאַלא האָט אויסשליסליך זיך גע'חבר'ט מיט יידן און ער האָט מיט דער צייט ממש פאַרגעסן, אַז ער איז אַ קריסט . . . טאָג און נאַכט פלעגט ער זיצן אין דעם מונקאַטשער קאַפע־הויז „טשילאַג" אין דער געזעל־שאַפט פון זיינע יידישע פריינט, מיט וועלכע ער האָט „געסטראָקעט" אין קאָרטן.

אַלס אַ פּועל־יוצא פון זיין פריינטשאַפט מיט יידן, האָט ער זיך אויסגע־לערנט רעדן יידיש און ער פלעגט דאָס יידישע לשון און סתם־יידישע ווערטלעך באַנוצן בעת אַ גאַר־שווערן „גאַנג" אין אַן „אָקע", „פּרעפעראַנס" און אין אַנדערע קאָרטן־שפּילערישע „תורות".

„זאָגט די גמרא אַזוי, אַ פּולע סטאָדאָלע מיט שטרוי", — פלעגט דער קריסטלעכער בירגערמייסטער פון מונקאַטש אונטערברומען אַ ניגון . . . אָדער:

„אויפ'ן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל און אין די קאָרטן איז הייס" . . .

און זיינע פּאַרטנערס פלעגן אים אַרויסהעלפן מיט אַן אַנדער יידיש פאָלקס־לידל, אָדער מיט אַ „שלאָגער"־ליד פון אַ יידישער אָפּערעטקע, וואָס מ'האָט דעמאָלט געשפּילט אינ'ם יידישן טעאַטער אין מונקאַטש.

הכלל: צווישן די יידישע און קריסטלעכע קאָרטן־שפּילער פון מונקאַטש, האָט געהערשט אַ גאַר־האַרציקע פריינטשאַפט . . .

מיט אָט דעם מונקאַטשער בירגערמייסטער ד"ר פּעטריגאַלא, איז פראַנ־צאָס געווען אַ ידיד־נפש. מיט אים האָט ער אַמליבסטן געשפּילט אין קאָרטן. אָבער אַזוי ווי דער באַטרעפנדער בירגערמייסטער איז געווען אַ גרעסערער

„גאון” אין „סראָקען”, פלעגט פראַנצאָס צו אים פאַרשפּילן, וויפל ער האָט פאַרמאָגט.

נאָך אַ קורצער אויספאָרשונג האָב איך אויסגעפונען דעם סוד פון פראַנ־צאָס׳עס געהיימע פינאַנציעלע הכנסות, וואָס האָבן מיט זיך פּרעזענטירט דעם אמת׳דיקן, גאָר־גרויסן „צילינדער”.

די יידישע ראַטמענער אין די מוניציפּאַליטעטן פון מונקאַטש, אונגוואר און פון אַ רייי אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין קארפּאטארוס האָבן אויסגע־ווירקט, אַז דאָס יידישע טעאַטער, וואָס גאסטראָלירט אין זייערע שטעט, זאָל באַקומען אַ יערלעכע סובסידיע, לויט די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן פון די מאַגיסטראַטן, און דאָס סובסידיע־געלט זאָל אויסגעצאָלט ווערן צו זכריה פראַנצאָס, דעם אימפּרעסאריא און קאָנצעסיאָנער פון די יידישע טעאַטער־טרופּעס, וואָס האָבן אין יענע יאָרן אַרומגעוואַנדערט איבער די פאַרשיידענע פראָווינצן פון קארפּאטאָרוס און סלאָוואַקיי.

די קריסטלעכע ראַטמענער האָבן אין דאָס רוב פאַלן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד און אַקצעפּטירט די פאָרשלאַגן פון זייערע יידישע קאָלעגן, אַז דאָס יידישע טעאַטער זאָל באַקומען אַ יערלעכע סובסידיע.

אָט די סובסידיע־געלט׳ער, וואָס האָבן אויסגעמאַכט טויזנטער טשעכישע קראָנען, האָט פראַנצאָס פאַרשפּילט אין קאָרטן! די גרעסטע סובסידיע האָט געשטאַמט פון מונקאַטש, אַרום פינף טויזנט קראָן. און די סומע פלעגט ער פאַרשפּילן צו ד״ר פּעטריגאלא . . .

אַמאָל, ווען פראנצאס האָט געהאַט פאַרשפּילט צו ד״ר פּעטריגאלא די גאַנצע סומע, וואָס ער האָט באַקומען אַלס סובסידיע פון מונקאַטשער מאַ־גיסטראַט, האָט ער צו אים אַזוי געזאָגט:

— הער בירגערמייסטער. איר דאַרפט מיר באַווילִיקן אַ סובסידיע פאַר׳ן יידישן טעאַטער, כאָטש אויף אַ 25 טויזנט קראָן, ווייל דאָס געלט פאַלט דאָך במילא אַריין צו אייך אין טאַש אַריין . . .

דער מונקאַטשער בירגערמייסטער איז אין פּרינציפּ נישט געווען קייגן אַזאַ פאָרשלאָג . . .

---

## א ראש־הקהל קויפט דעם ניגון פון ראש־חודש בענטשן . . .

דאָס סלאָוואַקישע שטעטל רוזשענבורג האָט געהאַט אַ זער שלעכטן שם ביי די יידישע טעאַטער־טרופּעס, וואָס פלעגן דאָס מקום אויסמיידן ווי דאָרט וואָלט געבושעוועט אַ מגפה.

מאָדנע יידן האָבן דאָרט געוווינט.

אַ טייל פון זיי זיינען געווען אַסימילירט אַלס „מאַדיאַרן", אַ טייל אַלס „דייטשן" און אַ טייל אַלס „סלאָוואַקן" און נישט געלעבט בשלום צווישן זיך. אָבער אין איין פּרט איז יאָ ביי זיי געווען אחדות, אַז אין יידישן טעאַטער דאַרף מען נישט גיין . . .

דאָס שטעטל איז געלעגן אויף דער באַן־ליניע בראַטיסלאַווע־קאַשיצע. בכן, פלעגט אָפּט פּאַסירן, אַז ווען אַ יידישע טעאַטער־טרופּע איז צוליב גע־וויסע סיבות געבליבן „שטעקן", ניט האָבנדיק ווו צו שפּילן במשך פון עטלעכע טעג, האָט מען באין־ברירה זיך אָפּגעשטעלט אין רוזשענבורג און ריזיקירט אַ פאָרשטעלונג, הגם מען איז געווען „פאַרזיכערט" מיט אַ פינאַנציעלן דורכפאַל.

צוליב דער אָקאָרשט דערמאָנטער סיבה בין איך אַמאָל געווען געצוווּנגען זיך אָפּצושטעלן אין דאָזיקן שטעטל און האָב געדונגען דאָס דאָרטיקע שטאָטישע טעאַטער אויף צוויי פאָרשטעלונגען.

פאָלגנדיק די עצה פון דאָרטיקן שמש, וועלכער פלעגט צעטראָגן די פלוג־בלעטלעך אין די בעלי־הבית'שע הייזער אַריין וועגן די דאָרטיקע יידישע פאַראַנשטאַלטונגען, האָב איך אויף די אַפישן צוגעגעבן אַ ספּעציעלע באַ־מערקונג, אַז אין דער פּיעסע וועט מען זינגען אַ ראש־חודש ניגון . . . איך האָב עס געטאָן לייכטזיניק, זייענדיק איבערצייגט, אַז דער עולם וועט סאַי־ווי נישט קומען צו אונזערע פאָרשטעלונגען. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות.

דער כח פון'ם „ראש־חודש ניגון" איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין משך פון איייניקע שעה איז דאָס טעאַטער'ל, וואָס האָט פאַרמאָגט לערך 400 פּלע־צער, געוואָרן אויספאַרקויפט. ממש אַ „נס", וואָס האָט צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן מיט אַ יידישער טעאַטער־פאָרשטעלונג אין דעם דאָזיקן סלאָוואַקישן שטעטל.

די פּיעסע גופא, האָט דעם עולם נישט אינטערעסירט. זיי זיינען בלויז געקומען הערן דאָס „ראש־חודש בענטשן", בעיקר דעם ניגון, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געריייצט זייער חזנ'ישע מבינות . . . די יידן האָבן אויך מיטגע־ברענגט אין טעאַטער אַריין זייערע קאַפּעליושן און קאַפּלעך, כדי נישט אויס־צוהערן דאָס הייליקע ראש־חודש בענטשן מיט די בלויזע קעפּ.

ענדלעך איז געקומען דער „הייליקער מאָמענט", ווען דער „סטאַר", לעאָפּאָלד יונגווירט, האָט „צוגעפירט" די פראַזע צום פּונקט: — מען בענטשט

ראש־חודש! אַלע יידן מיט די פרויען און דאָס יונגוואַרג זיינען אויפגעשטאַנען פון די פלעצער און מיט גרויס כוונה אויסגעהערט דעם יהי רצון . . . ווען יונגווירט, באַגלייט פונ׳ם כאָר, האָט געזונגען „חיים של שלום, חיים של טובה, חיים של ברכה, און חיים של פרנסה״, האָבן אַלע פאַרגלאָצט די אויגן און מיט אַ געמאַכטער פרומקייט נאָכגעזאָגט „אמן!״

מינוטן־לאַנג האָט געדונערט דער אַפלויז, וואָס האָט ממש פאַרהילכט דאָס טעאַטער.

— „שקויאַך״, (יישר־כח) — האָבן די יידן אַרויפגעשריגן צו דער בינע.

— בראַוואָ! — האָט געשריגן דאָס יונגוואַרג. —ביס!

די טרופּע האָט עטלעכע מאָל געמוזט „ביסירן״ געוויסע סטראָפן פון דעם ראש־חודש ניגון, וועלכער האָט די דאָרטיקע יידן ממש פריטשמעליעט.

נאָכ׳ן ערשטן אַקט ווענדט זיך צו מיר דער ראש־הקהל מיט אַ פאָרשלאַג, אַז ער וויל פאַר זיין „קילע״ (אַזוי פלעגן די דייטשמערישע יידן אויסרעדן דאָס וואָרט קהילה) קויפן די נאָטן פון ראש־חודש ניגון, און פרעגט ביי מיר דעם פּרייז.

— איר פאַרשטייט, — האָט דער ראש־הקהל מאָטיווירט זיין אויסטערלישן פאָרשלאַג, — מיר האָבן פּענסיאָנירט אונזער אַלטן חזן און קיין נייעם האָבן מיר נישט אויפגענומען, דעריבער פוסטעוועט אונזער סינאַגאָגע. אָבער ווען מיר וועלן האָבן אַזאַ טייערן ראש־חודש ניגון, ווי דער, וואָס אייער טרופּע האָט געזונגען אויף דער בינע, וועלן מיר אים איינשטודירן מיט אונזער יונגוואַרג, וואָס וועט אים, לכבוד ראש־חודש, זינגען אין דער סינאַגאָגע.

איך האָב דעם מאָדנעם פאָרשלאַג איבערגעגעבן דער טרופּע, און נאָך אַ קורצער באַראַטונג מודיע געווען דעם ראש־הקהל, אַז מיר געבן אים די נאָטן פונ׳ם ראש־חודש ניגון בחינם. אָבער בתנאי, ער וועט אונז גאַראַנטירן דעם פאַרקויף פון די בילעטן פאַר דער צווייטער פאָרשטעלונג.

— אָפּגעמאַכט! — האָט דער ראש־הקהל מסכים געווען. — אָבער איך האָב אויך אַ באַדינג צו שטעלן.

— דהיינו? —פרעג איך, —וואָס איז אייער באַדינג?

— אַז אויף דער מאָרגנדיקער פאָרשטעלונג זאָל מען דעם עולם ווידער מהנה זיין מיט׳ן ראש־חודש בענטשן . . .

— מסכים!

איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער אַקט פון דער פאָרשטעלונג איז דער ראש־הקהל אַרויף אויף דער בינע און אָנגעזאָגט דעם עולם די גרויסע בשורה, אַז ס׳איז אים געלונגען איינצוהאַנדלען אַ גאָר גרויסע „מציאה״ . . . אַז אונזער טרופּע איז געווען אַזוי „גרויסהאַרציק״ אים צו געבן אומזיסט דעם זיסן ניגון פון ראש־חודש בענטשן פאַר׳ן פרייז פון נאָך אַ פאָרשטעלונג. די אנוועזנדע יידן ווערן, בכן, געבעטן אים צו העלפן אין דער „הייליקער טעטיקייט״, צו קויפן די טעאַטער־בילעטן פאַר דער מאָרגנדיקער פאָרשטעלונג.

אַז די יידן האָבן דערהערט פון דעם גרויסן גליק, וואָס האָט זיי געטראָפן, האָבן זיי געקויפט צו 10 און צו 20 בילעטן פאַר דער צווייטער פאָרשטעלונג.

איך ווייס נישט צי ס'איז דעם ראש־הקהל פון רוזשענבורג געלונגען צו פאַרגרעסערן די צאָל מתפללים — אַ דאַנק דעם ראש־חודש ניגון. אָבער דאָס מקום איז געוואָרן פּאָפּולער ביי די יידישע וואַנדער־טרופּעס מיט'ן נאָמען: „ראש־חודש שטעטל" . . .

---

## „אוי, זינגט ער!" . . .

אין די הייסע זומער־חדשים פלעגן די פאַרשיידענע יידישע טעאַטער־טרופּעס, וואָס האָבן גאַסטראָלירט אין דער סלאָוואַקיי, זיך אַ לאָז טון איבער די קליינע סלאָוואַקישע שטעטלעך, כדי אויך די דאָרטיקע יידן צו באַגליקן מיט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג.

אַמאָל האָב איך פאַרבלאָנדזשעט אין דעם קליינעם סלאָוואַקישן שטעטל, לעוויצע, ווו ס'האָבן געוווינט לערך 220 יידישע משפחות.

אינ'ם דאָזיקן שטעטל איז געווען אַ יידישער האָטעל מיט אַ רעסטאָראַן און אַ גרויסער קינאָ, ווו מ'האָט איין מאָל אַ וואָך געגעבן פאָרשטעלונגען. דער אייגנטימער פון דעם הויז, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען אָט די דריי אונטערנעמונגען, איז געווען אַן אונגאַרישער ייד מיט'ן נאָמען סטראַנסקי, אַ געוועזענער הוסאַרן־אָפיציר אין דער עסטרייך־אונגאַרישער אַרמיי.

קום איך צום דאָזיקן ייד מיט אַ פאָרשלאַג, אַז ער זאָל מיר פאַרדינגען דעם קינאָ־זאַל אויף עטלעכע פאָרשטעלונגען און באַט אים אָן 40 פּראָצענט פון די נעטאָ־הכנסות. דערפאַר זאָל ער מיר געבן אַ געוויסע הנחה אויפ'ן פּרייז פון די צימערן, ווו די טרופּע וועט איינשטיין.

בעת אונזערע פאַרהאַנדלונגען, האָט הער סטראַנסקי גערעדט צו דער זאַך, אָבער ביי יעדן זאַץ האָט ער צוגעוואָרפן אַ באַמערקונג: „אוי, זינגט ער!" . . .

דעם אמת געזאָגט, האָב איך געמיינט, אַז „אוי, זינגט ער" באַציט זיך אויף אַן אַקטיאָר פון אונזער טרופּע, וועלכער איז טאַקע געווען אַ גוטער זינגער און אַ גרויסער מנגן.

סוף־כל־סוף בין איך דורכגעקומען מיט'ן פּרייז פאַר'ן קינאָ־זאַל און פאַר די האָטעל־צימער, בתנאי, איך זאָל דעם הער סטראַנסקי פאַר אַלעם באַצאָלן באַלד נאָכ'ן ערשטן אַקט פון יעדער פאָרשטעלונג.

ווען די טרופּע האָט זיך איינקוואַרטירט אין זיין האָטעל און ער האָט דערזען אונזער גרויסן באַגאַזש, איז ער צו מיר געוואָרן גאָר פריינטלעך און זיין פאַר'מרה־שחורה'ט פּנים האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט. ער האָט אַפילו אַרויסגעוויזן אַ סך העפלעכקייט צו די מיטגלידער פון דער טרופּע, ספּעציעל צו די פרויען און איז בכלל געווען אין אַ גוטער, אויפגעהייטערטער שטימונג.

די בילעטן אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג זיינען צעכאַפּט געוואָרן, ווי מצה־וואַסער; אויך דער פאַר־פאַרקויף אויף די קומענדיקע פאָרשטעלונגען איז געווען גוט.

לויט אונזער אָפּמאַך, האָב איך דעם הער סטראַנסקי באַצאָלט פאַר׳ן קינאָ־זאַל און פאַר די צימערן. דער בעל־הבית שיינט פאַר גדולה און פאַרבעט מיך כסדר צו אַ „לחיים“. מיך וווּנדערט גאָר שטאַרק, וואָס ער דערמאָנט מער ניט זיין „אוי, זינגט ער“, וואָס ער פלעגט, מיט איייניקע טעג צוריק, צוגעבן צו יעדן זאַץ.

ווען מיר האָבן אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך משקה, האָב איך אים געבעטן מיר צו דערקלערן דעם באַטייט פון זיין „אוי, זינגט ער“. וואָס, אייגנטלעך, האָט ער געמיינט מיט דעם ווערטעלע?

הער סטראַנסקי קלערט נאָך אַ ווײַלע און דערציילט מיר די פאָלגענדע, טשיקאַווע געשיכטע:

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז צו אים געקומען אַ שיינער, הויך־געוואַקסענער פאַרשוין, וועמענס אינטערעסאַנט פנים איז געווען באַוואַקסן מיט אַ קליין, שיין פאַרקעמט בערדל, און האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס חזן, וואָס פאָרט אַרום איבער דער סלאָוואַקישער מדינה מיט חזנ׳ישע קאָנצערטן.

דער חזן האָט געוווּנען צוטרוי ביי דעם אַמאָליקן הוסאַרן־אָפיציר, וועלכער האָט אים געמאַכט דעם פאָרשלאַג צו געבן אַ חזנ׳ישן קאָנצערט פאַר די יידן פון שטעטל. היות ער איז אַ לא־יוצלח אין די דאָזיקע טעכנישע זאַכן, בעט ער דעם הער סטראַנסקי אים אַרויסצוהעלפן אין דעם ענין. דער חזן האָט סטראַנסקי׳ן געמאַכט אַ חשבון, וואָס האָט געשמעקט מיט אַ פאַרדינסט פון אַ גרעסערער סומע, למשל:

אין קינאָ־זאַל, אַ געוויסן פרייטאָג־צו־נאַכטס, ביי געדעקטע טישן, פאָרקומען דער חזנ׳ישער קאָנצערט. בעת דער עולם וועט פראַוון די אכילה פון אַ „פיש־שמויש“ (אַזוי פלעגן די דייטשמערישע יידן אָנרופן געפילטע פיש), וועט דער חזן משמח זיין דעם עולם מיט זיין נגינה. ער פאַרלאַנגט ניט קיין האָנאָראַר, חלילה, נאָר בלויז 50 פראָצענט פון דעם פדיון, וואָס סטראַנסקי וועט איינגעמען פון דעם „פיש־שמויש“.

דער פאָרשלאַג איז סטראַנסקי׳ן געפעלן.

ער האָט אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו די חשוב׳סטע בעלי־בתים פון שטעטל, מודיע זייענדיק וועגן דעם „עונג־שבת“, וואָס וועט פאָרקומען אין זיין קינאָ־זאַל. כדי די יידן, זאָלן, חלילה, נישט מחלל שבת זיין, בעט ער מען זאָל פאָרויס באַצאָלן פאַר די בילעטן.

— דער דערפאָלג פון די פאַרקויפטע בילעטן צום חזנ׳ישן קאָנצערט, פאַרבונדן מיט דער „פיש־שמויש“ סעודה, האָט איבערגעשטיגן אַלע מיינע דערוואַרטונגען, — האָט דערציילט סטראַנסקי, און בשעת־מעשה אַ שטאַרקן זיפץ געטון. — איבער הונדערט יידן מיט זייערע פרויען און קינדער, אָנגע־

טאָן אין די שענסטע מלבושים, זיינען געקומען צום „עונג־שבת". איך בין געוועזן זער צופרידן פון דעם עסק, — האָט מוסיף געווען סטראנסקי, — און האָב דעם חזן אויסגעצאָלט זיין חלק פון דער הכנסה, נאָך פאַר'ן אָנהויב פון „קאָנצערט".

דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די שבת'דיק סערווירטע טישן און געגעסן מיט גרויס הנאה דעם „פיש־שמויש". אָבער דער עיקר האָט אַלעמען אינטערעסירט די שיינע געשטאַלט פון חזן, וועלכער האָט געטראָגן אַ שפּאָגל־נייעם סורדוט, מיט אַ האַרטן צילינדער אויף זיין שיינעם קאָפּ.

אויפ'ן אימפּראָוויזירטן פּאָדיום איז געשטאַנען אַ קליין טישל, אויף וועלכן ס'האָבן געלויכטן צוויי שבת־ליכט. אויף אַ צווייט טישל איז געשטאַנען אַ גראַמאָפאָן, פון וועמענס פּליטן ס'האָבן זיך געהערט די זיסע ניגונים פון די וועלט־באַרימטע חזנים: יאָסעלע ראָזענבלאַט, זיינוול קווארטין, גרשון סיראָטא און אַנדערע. ביי יעדער חזנ'ישער פּליטע האָט דער חזן זיך אויפגעשטעלט און זי פּאַסמאָקעוועט מיט דער באַמערקונג:

„אוי, זינגט ער!" . . .

אין אָנהויב האָט דער עולם אַפּלאָדירט יעדע פּליטע, און געוואַרט מיט אומגעדולד צו הערן זינגען אויך דעם חזן גופא . . .

ווען ס'זיינען שוין געווען אויסגעשפּילט אַלע חזנ'ישע פּליטן, האָט דער „חזן" דערקלערט אַ פּויזע אויף אַ פערטל שעה, מבטיח זייענדיק דעם עולם, אַז נאָך דער הפסקה „דערלאַנגט" ער די אמת'ע חזנ'ישע סחורה . . .

עס פאַרגייט די צייט פון דער פּויזע. ס'איז שוין פאַרלאָפן אַ האַלבע שעה און מען זעט נישט דעם חזן . . . דער עולם ווערט שטאַרק אומגעדולדיק און פרעגט ביים הער סטראנסקי, וווּ דער חזן איז אַהינגעקומען, פאַרוואָס לאָזט ער אויף זיך אַזוי לאַנג וואַרטן?

סטראנסקי הויבט אָן אַרומזוכן דעם חזן, אַז ער זאָל אָנהויבן דעם צווייטן טייל פון „קאָנצערט" און — געפינט אים נישט!

נאָך אַ לענגערער חקירה־ודרישה האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער חזנ'ישער בעל־דבר איז בעת דער פּויזע נעלם געוואָרן מיט אַן אויטאָ, וואָס האָט אויף אים געוואַרט אין דרויסן פאַר'ן האָטעל, און מען האָט נישט געוווּסט וווּ זיין געביין איז אַהינגעקומען . . .

— איצט פאַרשטייט איר שוין די געשיכטע פון מיין באַמערקונג — „אוי, זינגט ער!". . . — האָט הער סטראנסקי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל. — איר זאָלט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן, — אַנטשולדיקט ער זיך, — פאַר דעם פאַרדאַכט, וואָס וואָס איך האָב אַרויסגעוויזן צו אייך און צו אייער טרופּע. דעם זעלבן חשד האָב איך צו יעדן איינעם, וואָס קומט ביי מיר דינגען מיין קינאָ אויף קאָנצערטן, אָדער פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען. איך האָב מורא מיך אָפּצובריען ווי בשעתו, מיט דעם „חזן".

# א ראבינער גיט א „היתר״, אז יידן מעגן לכבוד שבת באזוכן דאס יידישע טעאַטער . . .

אין די אַמאָליקע יידישע שטעטלעך פון פוילן, רומעניען און אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי זיינען געווען מקומות, וואָס האָבן ביי די יידישע וואַנדער־טרופּעס באַקומען אַ שלעכטן שם, אַז דער עולם קומט נישט אין יידישן טעאַטער און אַז „מען ברענט דאָרטן ווי קין״.

אויך דאָס סלאָוואַקישע שטעטל, ספּיסקאַ־נאָווא־וועס, האָט באַקומען אַזאַ בייזן שם, און די יידישע טרופּעס האָבן עס אויסגעמיטן ווי מען מיידט אויס אַ שרץ. פונדעסטוועגן האָט אָפּט פּאַסירט, אַז ווי שטאַרק מען זאָל נישט האָסן אַזאַ שטעטל מוז מען דאָרט אַריינפאַלן, צוליב נישט פאַראויסגעזעענע סיבות.

די יאָרנלאַנגע דערפאַרונגען, וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט אַלס געשעפטס־פירער פון אַ ריי יידישע טעאַטער־טרופּעס האָבן מיר באַוויזן, אַז ס׳זיינען נישטאָ קיין „שלעכטע״ אָדער „גוטע״ שטעטלעך. ס׳מוזן זיין באַגרינדעטע סבות, פאַרוואָס מען „ברענט״ דאָרטן. לויט מיין מיינונג, ווענדט עס זיך אין דער טרופּע גופא, פון איר רעפּערטואַר און רעפּוטאַציע.

אַלס פּועל־יוצא פון אַ נישט־פאַראויסגעזעענער סיבה, בין איך אַמאָל געווען געצוווּנגען צו קומען אין דעם דערמאָנטן שטעטל פּרוּוון ס׳מזל מיט עטלעכע פאָרשטעלונגען.

אין ספּיסקאַ־נאָווא־וועס איז געווען אַ יידישער דרוקער, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ פּאַפּיר־געשעפט. דאָרט פלעגט מען באַשטעלן די אַפישן פאַר די טעאַטער־פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן און אַנדערע אונטערנעמונגען, ווי אויך אַראַנזשירן דעם פאָר־פאַרקויף פון די בילעטן פאַר׳ן טעאַטער. איך האָב באַשטעלט אַן אַפיש, אָנגעגעבן די נעמען פון די פּיעסן, וואָס מיר וועלן אויפ־פירן אין דאָרטיקן שטאָטישן טעאַטער, און די טעג פון די פאָרשטעלונגען.

דער פּרינציפּ פון אונזער טרופּע איז געווען, נישט צו שפּילן אין די פרייטאָג־צו־נאַכטסן, כדי נישט אויפצורייצן די רעליגיעזע געפילן ביי דער יידישער באַפעלקערונג. שנית, האָבן די מיטגלידער פון דער טרופּע זיך ער־לעך פאַרדינט צו האָבן אַ פרייען אָפּרו־טאָג, וואָס איז אַמבעסטן געווען צו־געפּאַסט פאַר פרייטאָג.

ווען מיר זיינען איינם טאָג פון אונזערע גאַסטראָלן אָנגעקומען איינם שטעטל האָבן מיר — צו אונזער אַלעמענס איבערראַשונג — געזען, אַז אויף די אַפישן ווערט אויך אָנגעגעבן דער פרייטאָג אַלס אַ נאָרמאַלע אָוונט־פאָר־שטעלונג, וואָס וועט זיין פאַרבונדן מיט אַ קאָנצערט.

ווען איך האָב דעם יידישן בוך־דרוקער געמאַכט אַ שווערן פאַרוואורף, הלמאי ער האָט אויף אייגענער אחריות אָנאָנסירט אַ קאָנצערט־פאָרשטעלונג אויך אויף פרייטאָג, האָט דער ייד געענטפערט, אַז איך זאָל מיך נישט מצער

זיין, ווייל גראַד די פרייטאָגדיקע פאָרשטעלונג האָט דעם גרעסטן פאָר־פאַר־קויף פון די בילעטן און ער איז זיכער, אַז דאָס גאַנצע טעאַטער וועט זיין אויספאַרקויפט. — איבעריקנס, — האָט דער דרוקער צוגעגעבן, — זיינען אונזערע יידן נישט קיין צדיקים, און דעם חטא פון דער פרייטאָג־פאָרשטעלונג נעם איך אויף מיר . . .

גראַד דעמאָלט, ווען איך בין געווען אין דעם פאַפּיר־געשעפט פון׳ם דרוקער, קומט אַריין דער שמש און גיט מיר איבער אַ בריוו, געשריבן פון דאָרטיקן ראַבינער, אין וועלכן ער מאַכט אונזער טרופּע ביטערע פאָרווורפן,

די „שטראַמער־טרופּע״ אין יאָר 1927.

ערשטע ריי, זיצנדיק (פון רעכטס צו לינקס): צילי בעל, אַראַנקאַ פעלדבוים, קלאַראַ שטראַמער, ז. ראַבינאָוויטש, פאַני גלאַדשטיין; צווייטע ריי: שטייענדיק (פון רעכטס צו לינקס): אַדאָלף בעל, זכריה פראַנצאָס, מערי ק. סאלאָמאָן שטראַמער, ישראל פעלדבוים, א. לובעצקי, בן־ציון סיגאַל און ש. י. האַרענדאָרף.

פאַרוואָס מיר פאַרשוועכן דעם הייליקן שבת און שפּילן טעאַטער דווקא פריי־טאָג־צו־נאַכטס!

איך ווייז דעם בריוו דעם דרוקער, ענטפערט ער מיר קאַלט:

— לאַכט אייך אויס פון אונזער ראַבינער . . . ער האָט אונז אַזוי דער־צויגן, און אַזעלכע זיינען מיר געבליבן . . .

איך האָב דעם פיינלעכן ענין איבערגעגעבן די מיטגלידער פון אונזער טרופּע און מען האָט באַשלאָסן, אַז אַ דעלעגאַציע פון אונז זאָל גיין צום ראַ־בינער אים אויפקלערן די מעשה, אַז לעולם, זיינען מיר גאָרנישט שולדיק; מיר האָבן נישט בדעה געהאַט צו שפּילן טעאַטער פרייטאָג־צו־נאַכטס און ס׳איז

דעם דרוקערס אַ „שטיקל". אדרבה, מיר זיינען גרייט אָפּצוזאָגן די פּריינטאָגדיקע פאַרשטעלונג. נאָר דאָס „אומגליק" איז, וואָס כמעט אַלע בי־לעטן זיינען דווקא פאַר אָט דער פריינטאָגדיקער פאַרשטעלונג אויספאַרקויפט.

דער גורל איז געפאַלן, אַז איך און דער קאָמיקער פון דער טרופּע, הער־מאַן ראַבינאָוויטש, זאָלן גיין צום ראַבינער און אים אויפקלערן די פיינלעכע זאַך.

הערמאַן ראַבינאָוויטש איז געווען אַן אויסטערלישער לץ, אַ פריילעכע „לונג און לעבער", וועגן וועמען ס'וועט אויסקומען צו דערציילן אַביסל אויספירלעכער אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך.

זיין ספּעציאַליטעט איז באַשטאַנען אין „קאַלעכן" דעם עולם פּריוואַט אין זיינע שמועסן מיט זיי און אַפילו אויף דער בינע. („קאַלעכן" אויף אַק־טיאָרישן לשון הייסט, דערציילן אַ בישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע מעשה, וועמענס אינהאַלט און ווערטער קלעפּן זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט). הערמאַן ראַבינאָוויטש איז נישט געווען קיין גרויסער אַקטיאָר, ער איז אָבער ממש געווען אַ ווירטואָז אין דער קונסט פון „קאַלעכן" און האַלטן גע־שפּאַנט זיין „קרבן" שעה'ן־לאַנג.

זעלטן ווען, אַז ראַבינאָוויטש האָט זיך אויסגעלערנט די ראָלע פון אַ פּיעסע, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט. דעריבער פלעגט ער „צוקאַ־לעכן" די פראַזע מיט אייגענע ווערטער. דער עולם האָט אים זער ליב געהאַט, און מען פלעגט אים מוחל זיין אויך אַנדערע פעלערן.

געקומען צום ראַבינער, האָט הערמאַן ראַבינאָוויטש אויך אים גענומען אין דער „אַרבעט". דאָס הייסט „קאַלעכן" אויף אַ גאָר געוואַגטן, ממש גראַנ־דיעזן אופן! ער האָט אָנגעהויבן שיטן מיט „תורה" און מיט העברעאישע ווערטער פון „כינקע־פּינקע", „הערצעלע מיוחס", „די מומע גנענדל" און אַנדערע פּיעסן, וואָס ער האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק געשפּילט.

מיט אָט די פּאָר געציילטע העברעאישע ווערטער, וועלכע ער האָט אַזוי מייסטערהאַפט „געקאַלכט", האָט ער פאַר דעם ראַבינער געוואָלט „באַווייזן" מיט „ראיות און מופתים", אַז לויט דער הייליקער תורה איז גאָרנישט קיין חטא צו שפּילן יידיש טעאַטער לכבוד שבת . . .

— פאַרשטייען זי מיך, — האָט הערמאַן ראַבינאָוויטש „געקאַלעכט" — די הייליקע תורה זאָגט, „זכור את יום השבת", מאַכט רש"י לאַביכונדוס . . . לא הדרך מקיים מצווה, ווייל אתה קדשת את יום מ'דרינדזשיק . . . זאָגט אָבער דער תנא „ר' הערצעלע מיוחס", זכרונו לברכה, אַז ס'איז טשעביכול־דיק . . . יידן דאַרפן זיך משמח זיין מיט יידיש טעאַטער . . .

— נו, הער ראַבינער, וואָס זאָגן זי?

דער קאָמיקער האָט אַזוי פּערפעקט געשפּילט זיין ראָלע, אַז דער ראַבינער האָט אויפגעמאַכט מויל און אויערן, אָנשטרענגענדיק זיך אויפצוכאַפּן דעם „טיפן אינהאַלט" פון הערמאַן ראַבינאָוויטש'ס „געקאַלעכטער תורה"; פון

זיינע „טיפע" קענטעניש אין גמרא, ש"ס, ופוסקים און אין אַנדערע הייליקע ספרים . . .

דער ראַבינער האָט, נעבעך, נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט . . .

די גאַנצע צייט בין איך געשטאַנען אין אַ זייט און „געסמוכעט" (געלאַכט) און איך האָב דאָס געלעכטער באַהאַלטן אין מיין טאַשנטיכל, כדי דער ראַבינער זאָל מיינען, אַז איך האָב אַ קאַטאַר . . .

ווען הערמאַן ראַבינאָוויטש האָט שוין געהאַט „אויסגעקאלעכט" זיין גאַנצן באַגאַזש העברעאישע ווערטער, האָט דער ראַבינער געענטפערט אויף דייטש:

— די וואָרהייט געשפּראָכן, האָב איך נישט „אַלץ" פאַרשטאַנדען, וואָס זי, הער קינסטלער, האָבן פאַר מיר געלערנט, וויל זי „שפּרעכן" אשכנז'יש און איך האָב געלערנט עברית מיט דער ספרד'ישער אויסשפּראַכע... צוויי־טנס, האָב איך שטודירט אויפ'ן ראַבינער סעמינאַר אין ברעסלוי און מיינע לערער זיינען געווען רעפאָרם־ראַבינער פון דייטשלאַנד . . . אָבער איך מוז „געשטעען" (מודה זיין), אַז זיי האָבן נישט געקאַנט אַזויפיל לערנען ווי זי, הער קינסטלער . . . איין צווייטער אמת איז, — האָט דער ראַבינער (וועלכער איז, צווישן אונז גערעדט, נישט געווען קיין גרויסער תלמיד חכם) צוגעגעבן, — האָב איך אין די הייליקע „שריפטן" (ספרים) נישט געפונען אַן אָנדייטונג, ווי זי בעהויפּטן, הער קינסטלער, אַז ס'איז איין מצווה . . .

— אַ גרויסע מצווה! — האָט אים אונטערבראָכן דער קאָמיקער . . .

— זאָגן וויר אַ „גרויסע" מצווה, — איז מסכים דער ראַבינער, — צו באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער אין פרייטאַג־צו־נאַכטס . . . אבער איך שטיץ מיך אויף אירע „בעווייזע" און צי צוריק מיין „פּראָטעסט־בריוו", וואס איך האָב געשיקט צו אייער טרופּע . . .

— איך דאַנק אייך, הער ראַבינער, — האָט דער קאָמיקער אים געדריקט די האַנט. — אָבער איך וועל אייך בעטן מיר צו געבן אַ שריפטלעכע דער־לויבעניש, אַז מיר מעגן אין אייער שטאָט שפּילן יידיש־טעאַטער פרייטאָג־צו־נאַכטס, ווייל אָן אַזאַ באַשטעטיקונג וועט די טרופּע נישט וועלן שפּילן אין שבת . . .

— איך וועל אייך געבן אַזאַ „היתר", — האָט מסכים געווען דער הער ראַבינער פון דעם סלאָוואַקישן שטעטל ספּיסקאַ־נאָוואַ־וועס, — אָבער אונטער איין באַדינג: איר מעגט אין מיין שטאָט שפּילן יידיש־טעאַטער יעדן שבת פון אַ גאַנץ יאָר, נאָר נישט ראש־השנה און יום כפור . . . דאס זינד יא די גרעסטע און די הייליקסטע פייערטאגע דער יידישן רעליגיאָן . . . ווען זי ווערדען אין אַזעלכע פייערלעכע טאגע שפּילן טעאַטער, — גיט דער ראַבינער צו מיט אַ זויערן שמייכל, ווערדען מיינע בעלי־בתים בעסער גיין צו אינען אין טעאַ־טער און ניכט אין דער סינאַגאָגע, ווו איך „פּרעדיקע" (דרש'ן).

---

## „טודרוס בן שאול'יק חזק — מפטיר!"

ווינטער, 1928, זיינען מיר געקומען גאַסטראָלירן אינ'ם סלאָוואַקישן שטעטעלע הומענע, ווו ס'האָבן געוווינט לערך 300 יידישע משפחות.

אין די קליינע שטעטלעך פון רומעניען, פוילן און אַפילו אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי איז דאָס לעבן געווען אומעטיק און שטאַרק לאַנגווייליק. די דאָרטיקע קינאָס האָבן געשפּילט בלויז צוויי מאָל אין דער וואָך. די צוויי־דריי יידישע קאַפע־הייזלעך און רעסטאָראַנען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין די שטעטלעך פלעגן זיך פאַרמאַכן לכבוד שבת און די לאַנגווייליקייט האָט אונזער טרופּע שטאַרק דערקוטשעט.

ווען מיר האָבן גאַסטראָלירט אין אַזעלכע מקומות, פלעגן אונזערע אַקטיאָרן פרייטאָג־צו־נאַכטס און שבת אין דער פרי גיין אין שול אַריין, נישט מחמת פרומקייט, ווי צוליב לאַנגווייליקייט און ס'האָט אויך געהאָלפן צו רעקלאַמע־צוועקן. די דאָרטיקע יידן, פרומע און אַפילו נישט פרומע, האָבן שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס די אַקטיאָרן קומען דאַווענען אין זייער בית־המדרש אָדער שול און מען פלעגט אונז נאָכזאָגן אַ שטיקל שבח. יעדנפאַלס, האָט אונזער „פרומקייט" אונז נישט געבראַכט קיין מאַטעריעלן שאָדן.

אונזער קאַפּעלמייסטער, אַ יונגער סימפּאַטישער גוי פון בראַטיסלאַווע, איז געווען אויסגעקאָכט מיט'ן רעפּערטואַר פון די אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס, וואָס מיר האָבן אויפגעפירט אין די שטעט און שטעטלעך, ווו מיר האָבן גאַסטראָלירט.

אָט דער גוי'אישער קאַפּעלמייסטער — טאָני האָט ער געהייסן מיט'ן פאָרנאָמען — איז מיט דער צייט געוואָרן שטאַרק פאַר'יידישט. ער האָט אויך געקאָנט אַ סך העברעאישע ווערטער און פאַרשטאַנען די ספּעציפיש־אַקטיאָרישע אויסדרוקן, וואָס ער פלעגט זיי באַנוצן אין זיינע שמועסן מיט אונז.

אין יענער צייט איז אין דער סלאָוואַקיי געווען זער פּאָפּולער אַ פּיעסעלע מיט'ן אויסטערלישן נאָמען „טודרוס בן שאול'יק חזק", אין וועלכער אונזער טאָני איז ממש געווען פאַרליבט. ס'איז אים געפעלן דער נאָמען פון דעם שטיק און די האַנדלונג, וואָס ער האָט געקאָנט אויף אויסנווייניק.

די יידן האָבן נישט געוווּסט, אַז אונזער קאַפּעלמייסטער איז אַ קריסט, בפרט נאָך, אַז ער האָט גאָרנישט געהאַט קיין צורת גוי. ער איז געווען מיט אונז ווי פאַר'משפחה'ט און מיר האָבן אים אויף אַן אמת ליב געהאַט. ער פלעגט דעריבער מיט אונז מיטגיין אין די שולן און בתי מדרשים און מיט גרויס פּיעטעט זיך צוקוקן ווי דער עולם דאַוונט. ווען דער שמש האָט אים געגעבן אַ סידור, פלעגט ער אין אים אַריינקוקן „ווי אַ האָן אין בני־אדם".

אַמאָל, אַ שבת ביים דאַוונען, ווען טאָני איז געשטאַנען מיט אונז און מכלומרשט געדאַוונט, איז צו אים צוגעקומען דער שמש פון שול און אים געפרעגט אויף דייטשמעריש:

— זינד זי פערהייראַט?

— „לא מיט אַן אלף" — האָט דער גוי צוריקגעענטפערט, דווקא אין העברעאיש . . .

— ווי הייסן זי? — פרעגט אים דאָס שמש'ל.

— טודרוס בן שאול'יק חזק! — האָט טאָני געענטפערט, באַטראַכטנדיק דאָס יידל פאַר אַ יאַלד. ער האָט באמת נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער שמש פרעגט גראד ביי אים זיין נאָמען. די אַקטיאָרן אָבער, האָבן זיך באַלד אָריענטירט אין דער פיינלעכער סיטואַציע, וואָס וועט דאָ אַנטשטיין און געגעבן דעם „שגץ" אַ ווונק, אַז ער זאָל זיך „אַרויסריטשן" פון שול, ווייל ס'האָט זיך דאָ פאַרקאָכט די אמת'ע קאַשע . . .

אין דעם אויגנבליק, ווען טאָני האָט זיך געהאַט אַרויסגעשאַרט פון דער שול, האָט מען פון באַלעמער דערהערט אַ קול:

— יעמוד, הבחור טודרוס בן שאול'יק חזק — מפטיר! . . .

דער אַקטיאָר זכריה פראַנצאָס האָט פאַרשטאַנען ווי צו ראַטעווען די לאַגע. ער איז אַרויף אויפ'ן בעלעמער און טאַקע אַריינגעכאַפט דעם מפטיר, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר'ן קריסטלעכן קאַפעלמייסטער . . .

---

## דער „מיראפאליער צדיק" הייסט אן אקטיאר זאגן „רבנן קדיש" נאך צוויי פראצענט פון זיינע טעאטער־מארקעס...

ביז צום היטלערישן חורבן, האָט אין ווין געוווינט אַ יידישער אַקטיאָר מיט'ן נאָמען מלך הערשקאָוויטש, וועמען דער גורל האָט, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַלס געפאַנגענער סאָלדאַט פון דער רוסישער אַרמיי, פאַרוואָרפן קיין אונגאַרן.

הערשקאָוויטש האָט געשטאַמט פון לאָדזש און איז געווען פון דער פראָפעסיע אַ סטאָליאַר. צוליב'ן מאַנגל אין סטאָליאַרעס אין בודאַפעשט, האָט ער באַקומען די געלעגנהייט צו אַרבעטן ביי זיין פאַך אין דאָרטיקן אונגאַרישן טעאַטער, און אַזוי־אַרום איז מלך הערשקאָוויטש פון דער העלער הויט געוואָרן אַ יידישער אַקטיאָר. אגב, אַ גאָר שוואַכער אַקטיאָר. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ סך חוצפה, זייענדיק ווי באַזעסן פון אַ קראַנקהאַפטער איינבילדונג, אַז ער איז איינער פון די בעסטע יידישע אַקטיאָרן.

מלך הערשקאוויטש איז געווען אַ הויכער, פעסט־געבויטער פאַרשוין און פלעגט זיך באַטייליקן אין קליינע, ספעציעל פאַר זיין פיגור באַשטימטע עפיזאָדן־ראָלן אין פיעסן, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין דער ווינער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע".

אין די אָפישן און האַנט־צעטלען פון די „פרייע יידישע פאָלקס־בינע"

פלעגן די נעמען פון אנסאַמבל אַנאָנסירט ווערן נישט לויט זייער אַקטיאָרישן סטאַזש, נאָר לויט׳ן אלף־בית. ס׳איז בכן, אויסגעקומען, אַז מ׳האָט אַנאָנסירט הערשקאָוויטש׳ס נאָמען נאָך ד״ר פאול באַראַטאָוו, וואָס האָט אין יענע יאָרן זיך באַטייליקט אַלס גאַסטראָליאָר אין דאָזיקן יידישן טעאַטער.

הערשקאָוויטש איז אָבער געווען איבערצייגט, אַז נאָך ד״ר פאול באַראַ־טאָוו און איטשע דייטש, איז ער דער חשוב׳סטער מיטגליד פון דער טרופּע און צו זיין גדלות־מאַניע איז נישט געווען קיין גרענעץ. נאָר אַז ס׳איז געקומען צום אָפּשפּילן די קלענסטע עפּיזאָדן־ראָלע האָט ער נישט געקאָנט „דערלאַנ־גען די סחורה״, און איז אויף דער בינע געווען אומבאַהאָלפן ווי אַ קליין קינד.

בין איך אַמאָל געווען אַן עדות פון דער פאָלגענדער סצענע:

ווען די „פרייע יידישע פאָלקס־בינע״ האָט אויפגעפירט לעאָ קאָברינ׳ס באַקאַנטע פּיעסע „דער דאָרפסיונג״, האָט איטשע דייטש, אַלס רעזשיסאָר פון דער אויפפירונג, אנפאַרטרויט הערשקאָוויטש׳ן צו אימיטירן אונטער די בינע דעם בעל־עגלה, וואָס שרייט צום פערדל: „טפּרר . . . וויאָ! וויסטאָ!״, וכדומה.

בעת די פּראָבעס, האָט הערשקאָוויטש ממש געוואָרטשעט מיט דעם גע־העריקן „טפּרר״. אָבער ווען ס׳איז געקומען די פּרעמיערע, האָט זיך ביי אים אָפּגענומען ס׳לשון און ער האָט באַין אופן נישט געקאָנט אימיטירן דעם בעל־עגלה׳ישן „טפּרר״ צום פערדל . . .

דער יידישער אַקטיאָר סעגאַל ע״ה, וועלכער איז גראַד געשטאַנען אונ־טער די קוליסן און באַמערקט הערשקאָוויטש׳ס פאַרצווייפלונג, האָט ער אים אַרויסגעהאָלפן מיט דעם געהעריקן טפּרר . . . און דערמיט געראַטעוועט די סיטואַציע. פאַר גרויס עגמת נפש האָט הערשקאָוויטש זיך אָנגעהויבן שלאָגן קאָפּ אין וואַנט און זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד . . .

מיט דעם האָט הערשקאָוויטש פאַרענדיקט זיין קאַריערע אַלס מיטגליד פונ׳ם אנסאַמבל אין דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע״. ער איז אָבער נישט געוואָרן פאַרצווייפלט. פאַרקערט, ער האָט אַפילו אָנגעהויבן „שרייבן״ פּיעסן, וועלכע ער פלעגט, מיט דער הילף פון דילעטאַנטן, אויפפירן אין די פאַר־שיידענע ווינער באַצירקן. פון צייט־צו־צייט זיך געמאַכט „ערן־אָוונטן״ אָדער „בענעפיסן״, און דערפון געמאַכט אַ געמוטשעט לעבן.

(אגב, איז דער זעלבער מלך הערשקאָוויטש, נאָכ׳ן היטלערישן אַריינ־מאַרש קיין ווין, אַנטלאָפן קיין בעלגיען, פון וואַנען ער איז שפּעטער דעפּאָר־טירט געוואָרן קיין אוישוויץ. לויט אַ פערזענלעכער אינפאָרמאַציע פון איינעם, וואָס האָט אים באַגעגנט אין אָט דעם דאָזיקן גיהנום־לאַגער, איז ער דאָרט דערשאָסן געוואָרן דורך דעם לאַגער־קאָמאַנדאַנט).

זומער, 1928, האָב איך מיט אַ גאַר קליינער יידישער טעאַטער־טרופּע פון בלויז 8 מיטגלידער, פאַרבלאָנדזשעט אין דעם קליינעם סלאָוואַקישן

שטעטעלע, שאהי־נאד־וואהאם (אויף אונגאַריש האָט מען דאָס מקום גערופן איפּאָלשאַג).

די דאָרטיקע יידן זיינען געווען גאָר פרום, נאָר געגעדט האָבן זיי אויס־שליסלעך אונגאַריש און קוים־קוים פאַרשטאַנען אַ יידיש וואָרט. דאָך זיינען זיי געקומען צו אונזערע פאָרשטעלונגען, נישט געקוקט וואָס דאָס יידישע לשון האָט געקלונגען אין זייערע אויערן עקזאָטיש.

ווי קליין אונזער טרופּע איז דעמאָלט געווען, האָט זי אָבער פאַר־מאָגט אַ סך חוצפּה, וואַגנדיק אַפילו אויפצופירן אַנ־סקי׳ס „דיבוק“, וואָס איז אין יענער צייט שוין געווען שטאַרק פּאָפּולער אויך אין דער נישט־יידישער וועלט. די פּיעסע, כידוע, איז איבערזעצט אויף מערערע לשנות, דערונטער אויך אויף אונגאַריש פון דעם יידיש־אונגאַרישן שרייבער לעאָ שפּילבערגער.

מיר איז באַקאַנט, אַז דער „דיבוק“ פלעגט אויפגעפירט ווערן אין בודאַ־פּעשט, מישקאָלץ, סעגעדין און אין אַ ריי אַנדערע אונגאַרישע שטעט און שטעטלעך פון די דאָרטיקע יידישע אַמאַטאָרן־טרופּעס, וואָס האָבן אין דער האַנדלונג פון דער פּיעסע דערזען פאַר זיך אַ נייע, פאַר זיי אומבאַקאַנטע יידישע וועלט פון מיסטיציזם.

אונזער רעזשיסאר איז געווען דער קאָמיקער שלום צוקער ע״ה, וועלכער איז אומגעקומען אין וואַרשע.

נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער פאַרקלענערונג פון גרויסן פּערסאָ־נאַזש, וואָס דאַרף זיך באַטייליקן אַפילו אין דעם פאַרקירצטן „דיבוק“ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ס׳פעלט אין דער טרופּע כאָטש נאָך איין אַקטיאָר צו שפּילן די ראָלע פון „סענדער ברינױצער“.

נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת האָבן מיר באַשלאָסן צו אַנגאַזשירן דעם פריער דערמאָנטן מלך הערשקאָוויטש, וועלכער איז צו דער צייט אַרומגע־גאַנגען אין ווין ליידיק און געליטן גרויס נויט. מיר האָבן אים טעלעגראַפיש אָנגעפרעגט צי ער איז גרייט צו קומען צו אונז שפּילן די ראָלע פון „סענדער ברינױצער“. דערויף האָט ער טעלעגראַפיש געענטפערט:

— שיקט הונדערט „יאָקעלעך“ און איך קום.

(אַזוי פלעגט דער הערשקאָוויטש זיך אויסדריקן וועגן געלט. אַ קראָן איז ביי אים געווען אַ „יאָקעלע“; אַ דאָלאַר — אַ „יאָקעלע“; אַן ענגלישער פונט און וועלכע נישט איז אַנדערע וואַליוטע, אַלץ האָט אויף זיין לשון געהייסן „יאָקעלע“).

די פאַרלאַנגטע סומע האָבן מיר אים גלייך אַרויסגעשיקט טעלעגראַפיש, און אויפ׳ן צווייטן טאָג אים אָפּגעוואַרט ביי דער באַן מיט אַ „ברוך הבא“, ווי אַקטיאָרן פלעגן אָפּוואַרטן אַן אַמעריקאַנער „סטאַר“ אויף גאַסטראָלן אין פּוילן, רומעניען און אין אַנדערע לענדער.

שלום צוקער האָט הערשקאָוויטש׳ן געגעבן זיין ראָלע אַלס „סענדער ברינױצער“, און צומאָרגנס האָט מען אָנגעהויבן די פּראָבעס.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל סופלירן די פּיעסע, ווען מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

צוויי מאָל אין טאָג זיינען פאָרגעקומען די פּראָבעס, און הערשקאָוויטש האָט באַקומען גענויע אָנווייזונגען, ווו צו שטיין און ווו זיך צו באַוועגן; אַלץ האָט מען אים געמוזט לייגן אין מויל אַריין.

פאַרשטייט זיך, אַז הערשקאָוויטש האָט זיך געפילט שטאַרק אויפגעלייגט מעשה „סטאַר", ווען מען האָט אַזש פון ווין געבריינגט ספּעציעל פאַר דער ראָלע!

בעת די פּראָבעס האָט הערשקאָוויטש נאָכגעזאָגט די פּראָזע כמעט בלחש, ווי אַ שטילע שמונה־עשרה.

ווען שלום צוקער האָט אים אָנגעהויבן פאָרצוואַרפן, אַז ער זאָל „דערלאַנגען אַ וואָרט", האָט הערשקאָוויטש זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט און אונז געסטראַשעט, אַז אָט אָט נעמט ער דעם צוג און פאָרט צוריק קיין ווין . . . מען זאָל אים נישט דערגיין די יאָרן, ווייל ער וועט זיך אויסלערנען די ראָלע אויף אויסנווייניק; אַז ער איז נישט קיין דילעטאַנט, און ביי דער געלעגנהייט אָנגעהויבן אויסצושיטן זיין אַקטיאָרישן „יחוס", וועלכער שטאַמט נאָך פון דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע", ווו ער האָט געשפילט מיט ד"ר באַראַטאַוו און מיט אַנדערע פּראָמינענטע אַקטיאָרן!

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג ערב דער פאָרשטעלונג, איז הערשקאָוויטש געזעסן אין דער גאַרדעראָבע פון טעאַטער און פאַר'ן שפּיגל אויסגעפּרוווט זיין מימיק, גרים און דיקציע, מאַכנדיק פאַרשיידענע גרימאַסן און העויות. האָט געריט־שעט אויפ'ן קול און תפילה געטון, אַז גאָט זאָל אים העלפן און נישט פאַר־שעמען פאַר די אַקטיאָרישע „סמוריאַנעס", וועלכע פאַרגינען אים נישט זיין גרויסן שוישפּילערישן טאַלענט!

די ראָלע פון „מיראָפּאָלער צדיק" האָט געשפּילט דער גאַר־שוואַכער אַקטיאָר זכריה פּראַנצאָס, וועמענס נאָמען איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיק קאַפּיטל.

דאָס טעאַטער איז געווען אויספאַרקויפט! כמעט אַלע יידן פון שטעטל מיט די פרויען און קינדער האָבן געשטראָמט אין טעאַטער אַריין, ווי להבדיל צו כל־נדרי.

איך זיץ אין סופליר־קאַסטן און וואַרט מיט אַ שרעקנדיק האַרץ אויף „סענדער בריניצער'ס" ערשטן אויפטריט און איך זע, אַז „די בראָך איז פאַר־טיק". הערשקאָוויטש האַלט די גאַנצע צייט זיין אויער אָנגעשטרענגט אין דער ריכטונג פון סופליר־קאַסטן און בעט ביי מיר „אַ וואָרט". ער קאָן, נע־בעך, נישט די פאַר ווערטער אויף אויסנווייניק . . .

זעענדיק די גרויסע „מציאה", וואָס מיר האָבן איינגעהאַנדלט, סופליר איך אים מיט האַרץ און מיט נשמה . . . איך שפּיל ממש פאַר אים די ראָלע זיינע פון'ם סופליר־קאַסטן. כ'מאַך אים באַמערקונגען, וואָס ער האָט צו טון.

אָבער עס העלפט נישט! הערשקאָוויטש׳ס אויערן זיינען טויב! אויף דער בינע באַוועגט ער זיך ווי אַ גולם און דאָס, וואָס ער רעדט שוין יאָ אַרויס, קלעפט זיך צו דער פּיעסע ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.

אין דריטן אַקט, ביי דער אומהיימלעכער סצענע, ווען דער „מיראָפּאָליער צדיק״ רופט אַרויס דעם מת־טהור, ניסן בן רבקה, צו דער דין־תורה מיט „סענדער בריניצער״, באַראַטנדיק זיך מיט די אנוועזנדע רבנים ביים טיש מכח וואָס פאַר אַ פּסק אַרויסצוגעבן אויף סענדער׳ן, זאָגט „דער מיראפּאליער״ (דאָס הייסט, זכריה פראַנצאָס) פאָלגענדעס:

— ר׳ מלך הערשקאָוויטש, מיר האָבן דיך אַהערגעבראַכט פון די מרחקים, אַזש פון ווין; מיר האָבן דיר געשיקט טעלעגראַפיש הונדערט „יאָקעלעך״, אַז דו זאָלסט, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, „דערלאַנגען די סחורה״. היות דו ביסט, במחילה, אַ גאַר גרויסער דראַנג און, נישט געקוקט אויף די מער־מאָליקע פּראָבעס האָסטו נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען די ראָלע, בכן באַשליסט דאָס בית־דין צדק, אַז מען זאָל דיר אַרונטערנעמען צוויי פּראָצענט פון דיינע מאַר־קעס, און זאָג רבנן־קדיש . . .

דער עולם זיצט ערנסט און געשפּאַנט, פאַרשטייט אָבער נישט קיין וואָרט פון דער „פּראָזע״, וואָס דער „מיראפּאליער צדיק״ שיט אויס . . . נישט קע־נענדיק זיך לענגער איינהאַלטן פון לאַכן, האָבן די אַקטיאָרן אויף דער בינע געלאַכט מיט יאַשטשערקעס אין זייערע בערד אַריין, און מיט די רויטע פאַר־טשיילעס זיך אויסגעווישט די אויגן. אַ „סימן״ פאַר׳ן עולם, אַז זיי „וויינען״ און דער עולם האָט מיטגעוויינט פאַר גרויס פּחד און עמאָציע . . .

— ר׳ סענדער בריניצער, — פרעגט דער „מיראפּאליער צדיק״, — ביסטו מסכים מיט׳ן פּסק־דין? דער עולם אין טעאַטער וויל וויסן! . . .

— יאָ, הייליקער צדיק, — ענטפערט הערשקאָוויטש צו דער זאַך, — איך בין מסכים . . .

— אויב דו ביסט מסכים „דערלאַנג״ זשע כאַטש אַ רבנן־קדיש . . . קענסט כאַטש זאָגן קדיש אויף אויסנווייניק, דו גרויסער צעלייגער? — פרעגט „דער מיראָפּאָליער צדיק״.

הערשקאָוויטש האָט „אָנגעקאָלעכט״ אַ קדיש, און דער עולם אין טעאַטער האָט מיט גרויס כוונה נאָכגעזאָגט אמן . . .

## א „קוואַרט" און אַ „יאַס" באַטרעפן 70 . . .

דאָס מעשה'לע, וואָס איך דערצייל דאָ, האָט נישט קיין שייכות מיט מיר. איך האָב עס געהערט פון דעם לאַנדאָנער יידישן אַקטיאָר און פּיעסן־שרייבער, י. מאַרקאָוויטש. אָבער ווייל ס'האָט אויך צו טון מיט'ן „דיבוק" (הגם אין אַ גאַנץ אַנדערער וואַריאַציע), האַלט איך פאַר וויכטיק עס איבערצוגעבן כדי צו אילוסטרירן, ווי אַזוי יידישע אַקטיאָרן פלעגן פּראָפאַנירן „דיבוק"־פאָרשטע־לונגען מיט וויצן, וואָס זיינען געוואָרן אַ שם־דבר אין דער יידישער טעאַטער־וועלט.

אין יאָר 1928, האָט אַ פּאַריזער יידישע טעאַטער־טרופּע אויפגעפירט דעם „דיבוק". די ראָלע פון'ם „מיראָפּאָליער צדיק" האָט געשפּילט דער אַק־טיאָר איקס, אַ גרויסער שיכור און נאָך אַ גרעסערער קאָרטן־שפּילער. ער פלעגט קומען צו דער פאָרשטעלונג דירעקט פון קאַפע־הויז, וווּ ער האָט דעם גאַנצן טאָג „געסראַקט" (געשפּילט) אין קאָרטן.

אַמאָל, בעת אַ פאָרשטעלונג פון „דיבוק", ווען דער „מיראָפּאָליער צדיק" הויבט אָן זאָגן תורה: „גאָט'ס וועלט איז גרויס און הייליק . . . אויף דער וועלט זיינען פאַראַן זיבעציק . . . זיבעציק . . ." — און דער אַקטיאָר גייט נישט ווייטער. ער האָט פאַרגעסן די פּראָזע . . . אין זיין מוח פּלאָנטערט זיך די צאָל 70, וואָס ער האָט אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין רעכענען, שפּילנדיק אין קאָרטן אַ קלאַבריאַש־פּאַרטיע.

די ראָלע פון „מיכאל", דעם „מיראָפּאָליער צדיק'ס" גבאי, האָט געשפּילט דער רומעגישער קאָמיקער ב. בערגער. זעענדיק דעם „מיראפּאליער צדיק'ס" פאַרלעגנהייט, זאָגט ער צו אים בזה הלשון:

— הייליקער צדיק, איר פּלאָנטערט זע איך . . . דער חשבון איז דאָך אַזוי קלאָר: אַ „קוואַרט" (אין דער קלאַבריאַש־שפּיל) באַטרעפט 50 און אַ „יאַס" באַטרעפט 20, צוזאַמען איז דער מספּר זיבעציק! . . .

דער עולם אין טעאַטער, צווישן וועלכן ס'האָבן זיך אויך געפונען די חברים קאָרטן־שפּילער פון'ם „מיראָפּאָליער צדיק", האָט זיך צעלאַכט מיט די אַקטיאָרן אויף דער בינע. און דער פאָרהאַנג איז געפאַלן . . .

## מיר באַצאָלן טאַנטיעמע פאַר א טשעכישער אפּערע, וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט געשפּילט

ווען זכריה פּראַנצאָס איז געווען דער קאָנצעסיאָנער און אימפּרעסאַריאָ פון אונזער טרופּע, פלעגט ער אויסשטעלן די אַפישן פון די פּיעסן, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין די דאָרטיקע שטעט און שטעטלעך. ער פלעגט אָבער ניט מדקדק זיין ביים אָנגעבן גענוי די נעמען פון די פּיעסן און פון זייערע מחברים. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן „טאַלאַנט" אויסצוטראַכטן נעמען, ווי ער וואָלט זיי גענומען פון דער הפטורה!

— נישט די פּיעסע איז דער עיקר, נאָר דער נאָמען . . . משה ט . . . האָט ליב אַ „שטאַרקן נאָמען", וואָס זאָל אים „נעמען", — האָט פּראַנצאָס פאַרטיידיקט זיין „שטאַנדפּונקט".

ער האָט אָבער קיינמאָל זיך נישט געהאַלטן ביים זעלביקן, צוגעטראַכטן נאָמען, ווייל ער האָט נישט געדענקט ווי די פּיעסע האָט ביי אים געהייסן — נעכטן! . . .

וויפיל איך פלעג זיך ביי אים בעטן רחמנות אויף די מחברים, אַז ער זאָל אָנגעבן זייערע נעמען, האָט נישט געהאָלפן. ער פלעגט זיך פאַרענטפערן פאַר מיר, אַז אויב ער וועט אָנגעבן דעם מחבר׳ס נאָמען, וועט מען מוזן צאָלן טאַנטיעמען פאַר דער פּיעסע, און פון דעם „האַלט ער נישט" . . . דעריבער האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט די הפקר׳דיקע מעטאָדע אָנצוגעבן פאַלשע נעמען פון די פּיעסן, וואָס זענען אים פערזענלעך געפעלן. אַזאַ פּיעסע פלעגט פון אים באַשיינט ווערן מיט די סאַמע אויסטערלישסטע נעמען, למשל: „פּראָפעסאָר באַנדאַזש" איז ביי אים געווען דער מחבר פון דער פּיעסע „משה, ווו קריכסטו?" דער מחבר פון „היינטיקע מיידלעך", האָט ביי אים געהייסן „ד"ר קאָניושנע"; דעם מחבר פון „דאָס חופּה־קלייד", האָט ער אַ נאָמען ד"ר סאַלעפּ, וכדומה. אַ געוויסן דרך־ארץ האָט ער אָבער יאָ געהאַט פאַר אברהם גאָלדפאַדן, יעקב גאָרדין, דוד פּינסקי, לעאָ קאָברין, קאַלמאַנאָוויטש, ש. אַנסקי און פאַר אַנדערע מחברים, וועמענס פּיעסן געהערן צום בעסערן יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר. זייערע נעמען האָט ער נישט געטשעפּעט.

אַמאָל שפּילן מיר אין דער סלאָוואַקישער שטאָט פּרעשאָוו, און זכריה פּראַנצאָס לאָזט אַרויס אין גאַס ריזיק גרויסע אַפישן אין וועלכן ס׳ווערט אָנאָנסירט, אַז דעם און דעם טאָג ווערט אין דאָרטיקן שטאָטישן טעאַטער אויפגעפירט די וועלט־באַרימטע פּיעסע — „די פאַרקויפטע כלה", אַ „לעבנסבילד מיט 16 נומערן געזאַנג און טענץ".

לויט׳ן געזעץ פון לאַנד, האָבן אונזערע אַפישן געמוזט זיין געדרוקט אויך אין די הערשנדיקע שפּראַכן: אויף סלאָוואַקיש — פאַר דער סלאָוואַקיי; סלאָ־

וואַקיש און אונגאַריש — ווו די געגנט איז געווען באַפעלקערט מיט סלאָוואַקן און מאַדיארן.

אין קאַרפּאַטאַרוס, ווו די דרוקערייען האָבן פאַרמאָגט יידישע שריפט, זיינען אונזערע אפישן געווען געדרוקט אויף יידיש. דאָס איז געווען דער פאַל אין מונקאַטש, אונגוואַר, כוסט און אין אייניקע אַנדערע שטעטלעך.

צוזאַמען מיט׳ן יידישן נאָמען, האָט מען געמוזט אָנגעבן דעם נאָמען פון דער פּיעסע אויך אין די לאַנד־שפּראַכן. בכן איז אויסגעקומען, אַז פּראַנצאָס׳ „פאַרקויפטע כלה״, איבערזעצט אויף סלאָוואַקיש, האָט געהייסן „פּראָדאַנאַ נעוויעסטאַ״ — אַ באַקאַנטע אָפּערע פון דעם באַרימטן טשעכישן קאָמפּאָזיטאָר, בעדרזשיך סמעטאַנאַ. פּראַנצאָס האָט אָבער נישט געוואָגט אָנצוגעבן, אַז די „פאַרקויפטע כלה״ איז סמעטאַנאַ׳ס ווערק. נאָר לויט זיין שטייגער, האָט ער אָנגעגעבן דעם נאָמען פון מחבר אַלס ד״ר באַנדאַזש״ . . .

מעגלעך, אַז דער נאַאיווער עולם האָט נישט באַמערקט דעם אונטערשייד צווישן זכריה פּראַנצאָס׳ „מחבר״פון „דער פאַרקויפטער כלה״ און דעם באַ־רימטן טשעכישן קאָמפּאָזיטאָר. אַ פאַקט איז, אַז די פאָרשטעלונג איז געווען אויספאַרקויפט ביז צום לעצטן שטיי־פּלאַץ.

צומאָרגנס, ווען איך בין געזעסן אין דער קאַסע פון טעאַטער און פאַר־קויפט בילעטן צו דער אָוונט־פאָרשטעלונג, איז געקומען אַ פאָרשטייער פון טשעכישן אויטאָרן־פאַרבאַנד און געפאָדערט צען פּראָצענט טאַנטיעמע פאַר סמעטאַנאַ׳ס אָפּערע, „פּראָדאַנאַ נעוויעסטאַ״, וואָס מיר האָבן נישט געשפּילט!

זכריה׳ס איינ׳טענה׳ן מיט׳ן ערל, אַז מיר שפּילן אַ פּיעסע פון דעם יידישן „מחבר, ד״ר באַנדאַזש״, האָט גאָרנישט געהאָלפן . . . דער גוי איז געבליבן פאַר׳עקשנ׳ט, דערקלערנדיק, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן בלויז איין ווערק, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פאַרקויפטע כלה״ (פּראָדאַנאַ נעוויעסטאַ), און קיי־נער האָט נישט דאָס רעכט צו פּלאַגיאַטירן דעם גרויסן טשעכישן קאָמפּאָ־זיטאָר!

דער סוף איז געווען, מיר האָבן געמוזט צאָלן פולע צען פּראָצענט טאַנטיעמע.

מעשה צופאַל האָט פּראַנצאָס דאָס מאָל טאַקע יאָ אַנאָנסירט דעם ריכטיקן נאָמען פון דער יידישער פּיעסע — „די פאַרקויפטע כלה״! . . .

חדשים־לאַנג דערנאָך האָט ער מיך געיאַדעט, טענה׳נדיק:

— זעסט וואָס פאַר אַ צרות איך האָב געהאַט, ווען איך האָב מיר איינמאָל דערלויבט צו אַנאָנסירן דעם ריכטיקן נאָמען פון דער פּיעסע . . . טאַנ־טיעמען האָבן מיר געמוזט באַצאָלן . . . ווען איך גיב אָבער אָן אַן אויסגע־טראַכטן נאָמען, זיינען מיר דאָך פריי פון באַצאָלן! . . .

למען־האמת, דאָס מאָל איז ער געווען כשר גערעכט . . .

---

# איך ווער א „שותף" צו א לאמבארד . . .

אין אַ פריערדיק קאַפּיטל האָב איך דערמאָנט דעם קאָמיקער הערמאַן ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט צוזאַמען מיט מיר אַרויסבאַקומען אַ „היתר" פון אַ סלאָוואַקישן ראַבינער, אַז ס'איז ממש אַ „מצווה" צו שפּילן יידיש טעאַטער אום שבת . . .

אָט דער הערמאַן ראַבינאָוויטש האָט געהאַט אַ מערקווירדיקע שוואַכקייט, נישט בלויז צו „קאַלעכן" דעם עולם מיט זיינע וויצן און מעשה'לעך, נאָר אויך צו פירן די אויסטערלישסטע מסחרים מיט די פאַרשיידנסטע לאָמבאַרדן. אומעטום, ווו הערמאַן ראַבינאָוויטש האָט גאַסטראָלירט, אין רומעניען, אונגאַרן, יוגאָסלאַוויען, עסטרייך, אָדער אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי, פלעגט ער ווערן אַ בן־בית אין די דאָרטיקע לאָמבאַרדן און ביי זיי פאַרזעצט, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט.

ער פלעגט, למשל, איינהאַנדלען כל'ערליי מציאות ביי יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן אים פאַרקויפט נייע אַנצוגן, פעלץ־מאַנטלען, שיך, וועש און אַנדערע זאַכן, בחצי־חינם. אָבער אין דעם זעלבן טאָג פלעגט ער אָט די זאַכן אַוועקטראָגן אין לאָמבאַרד אַריין און פאַרזעצן פאַר גראָשנס.

מיט דער צייט איז הערמאַן געוואָרן אַ באַקאַנטער „קליענט" פון די לאָמבאַרדן אין די מדינות, איבער וועלכע מיר האָבן געוואַנדערט און ער פלעגט מיט זיי פירן אַ ברייט פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ וועגן באַניייען די אָפּגעלאָפענע לאָמבאַרד־צעטלעך; וועגן באַצאָלן פּראָצענט פאַר די זאַכן, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעלייזט, וכדומה.

אַחוץ שפּילן טעאַטער, איז דער דאָזיקער יידישער קאָמיקער געווען גאָר שטאַרק באַשעפטיקט מיט לאָמבאַרדישער בוכהאַלטעריע. ער האָט אַרומגעפירט מיט זיך אַ גרויסן לעדערנעם קאַסטן פול מיט אַלטע, שוין פון לאַנג פאַרפאַלענע צעטלעך פון צענדליקער לאָמבאַרדן פון פאַרשיידענע לענדער.

ער האָט אויך געהאַט קאָפּיעס פון רעקאָמענדירטע בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו דעם אָדער יענעם לאָמבאַרד וועגן זיינע זאַכן, וואָס ליגן דאָרט, און זיך אַנטשולדיקט, אַז צוליב פאַרשיידענע סבות האָט ער די זאַכן נאָך נישט געקאָנט אויסקויפן, אָבער ער וועט עס טון ביי „דער נאָענטסטער געלעגנהייט". אויף וויפיל איך ווייס, איז די דאָזיקע „געלעגנהייט" קיינמאָל נישט געקומען. די זאַכן זיינע, וואָס זיינען ווערט געווען מערערע טויזנטער טשעכישע קראָן, זיינען אין די לאָמבאַרדן פאַרפאַלן געוואָרן אויף אייביק.

כל־ימיו איז הערמאַן ראַבינאָוויטש געווען אַ קבצן מיט „זיבן פאָלעס". דערפאַר איז ער אָבער געווען אַ גרויסער עולם־הזה'ניק. דער עיקר איז ביי אים געווען אַ גוטער פרעס, אַ גוטער טרינק און ער האָט גאָרנישט פיינט געהאַט אויך אַנדערע גוטע זאַכן . . .

מיט מיר האָט ער געלעבט גאָר פריינטלעך. הגם ער האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ „וויטשטאָק“, האָט ער מיר אַרויסגעוויזן אַ געוויסן דרך־ארץ און מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אויף זיין „פילאָזאָפישן“ שטייגער, אַז אַלץ איז „נאַ־פליעוואט“; דאָס לעבן איז אַזוי קורץ און עולם־הזה׳דיקייט וואַלגערט זיך ממש אין די גאַסן . . . בכן איז אַן עבירה, וואָס דער מענטש שלעפּט מיט זיך אַרום אַזויפיל זאַכן בעת ס׳זיינען, ב״ה, פאַראַן לאָמבאַרדן, וואָס פאַר אַ פּאָר טשעכישע קראַן „היטן זיי אָפּ“ דאָס פאַרזעצטע פאַרמעגן, ווי מען היט אַן אויג אין קאָפּ.

צו מיר איז ער צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל אויך „טועם זיין“ פון דער גרויסער „מצווה“, עפּעס צו פאַרזעצן אין אַ לאָמבאַרד, כדי צו זיין „אַ מענטש מיט מענטשן גלייך“. דער סוף איז געווען, אַז דער הערמאַן ראַבינאָוויטש האָט מיך טאַקע „פאַרדינט“ און איך בין אַ דאַנק זיין צוריידן געוואָרן אַ „שותף“ צו אַ טשעכישן לאָמבאַרד . . .

אַמאָל, ווען אונזער טרופּע האָט גאַסטראָלירט אין דעם מערישן שטעטל פּראָסניץ, וואָס איז געווען דער צענטער פון דער טשעכישער באַקליידונגס־אינדוסטריע, האָבן די דאָרטיקע יידישע פאַבריקאַנטן מלביש־ערומים געווען די גאַנצע טרופּע פאַר גראָשנס ממש, מיט די פיינסטע אנצוגן, ווינטער און זומער מאַנטלען און מיט אַנדערע זאַכן.

ווען מיר זיינען פון פּראָסניץ געפאָרן גאַסטראָלירן קיין ברין, האָב איך מיט מיר געהאַט מערערע וואַליזעס נייע זאַכן. הערמאַן ראַבינאָוויטש אָבער האָט מיך געגומען אַזוי שטאַרק „באַאַרבעטן“, אַז איך האָב צוויי פולע וואַליזעס מיט נייע מלבושים פאַרזעצט אין דעם דאָרטיקן לאָמבאַרד און זיי קיינמאָל ניט אויסגעלייזט . . .

## די פאליציי געפינט ביי אן אקטיאר א גע׳גנב׳עטע נאכט-כלי פון א האטעל . . .

פאַראַן מענטשן מיט אַ קראַנקהאַפטער נייגונג צו „לאַטכענען״ זאַכן, אַפילו ווען די דאָזיקע זאַכן האָבן בלויז דעם ווערט פון אַ פרוטה. מען גנב׳עט אַ מעסער, אַ גאָפל, אַדער אַ לעפעלע אין אַ רעסטאָראַן; אַ האַנטוך צי אַ סער־וויעטקע. אַזוי האָט זיך אַמאָל אַרויסגעשטעלט, האָט אַ יידישער אַקטיאָר געהאַט די „השגה״ צו גנב׳ענען אַ פשוט׳ע נאַכט־כלי פון אַ האָטעל . . .

דער חשוב׳ער לייענער וועט מיר מוחל זיין פאַר דערציילן דעם נישט עסטעטישן עפיזאָד. אָבער ער האָט דאָך אַ דירעקטע שייכות מיט דער געשיכטע פון מיינע וואַנדערונגען.

אונזער טרופּע האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין דעם קליינינקן סלאָוואַקישן שטעטעלע, מ. איך האָב די טרופּע איינקווארטירט אין אַ שפּאָגל־נייעם האָטעל, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געהאַט אויפגעבויט געוואָרן.

די דירעקטאָרשע פון האָטעל, אַ סלאָוואַקישע פרוי, איז געווען פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דער ריינקייט, פאַר די נייע טישן, בענקלעך, קליידער־שרענק און נאַכט־כלים, וואָס האָבן זיך געפונען אין האָטעל.

נאָך אַ דריי־טאָגיקן גאַסטראָל, ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל און געוואַרט אויפ׳ן וואָקזאַל אויפ׳ן צוג, וואָס זאָל אונז אַריבערפירן אין אַ צווייט שטעטל אַריין, קומען צולויפן צוויי טשעכישע פּאָליציאַנטן מיט דער סלאָוואַקי־שער האָטעל־דירעקטאָרשע און דערקלערן, אַז זיי מוזן דורכפירן אַ רעוויזיע אין אונזער באַגאַזש, ווייל ס׳פעלט פון האָטעל אַ שפּאָגל־נייע, נאָך קיינמאָל נישט באַנוצטע נאַכט־כלי . . .

מיר האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ אומגלויבלעכן, ממש אויסטער־לישן בלבול, טענה׳נדיק, אַז אַ ליאַדע־מינוט קומט אָן אונזער צוג און אויב מיר פאַרשפּעטיקן זיך מיט׳ן אָנקומען אינ׳ם אַנדערן שטעטל אַריין, וועט די אָוונט־פאָרשטעלונג נישט קענען פאָרקומען. מיר האָבן אָנגעגעבן אַ צאָל אַנדערע אַר־גומענטן, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן.

וואָס אַן אמת, האָבן זיך די פּאָליציאַנטן שטאַרק אַנטשולדיקט פאַר אונז און אויסגעדריקט זייער איבערצייגונג, אַז קיינער פון אונז האָט, חלילה, נישט צוגע׳גנב׳עט דאָס חפץ.

די סלאָוואַקישע גוי׳ע האָט אָבער געהאַלטן אין איין טענה׳ן, אַז ס׳פעלט די נאַכט־כלי און אַז זי איז פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם האָטעל־אינוועטאַר. זי האָט זיך עקשנות׳דיק געהאַלטן ביי איר באַהויפּטונג, אַז נישט קיין אַנדערער נאָר אימיצער פון אונזער טרופּע האָט צוגענומען די כלי און זי פאָדערט דעריבער מען זאָל דורכפירן אַ רעוויזיע פון אונזער באַגאַזש . . .

די פּאָליציאַנטן, פּונקט ווי מיר, זיינען געווען מער ווי זיכער, אַז די גוי׳ע

טראַכט אויס דעם בלבול און האָבן איר געדראָט מיט אַרעסט פאַר „ערן־באַ־ליידיקונג", אין פאַל די נאַכט־כלי ווערט נישט געפונען ביי אונז.

דער צוג קומט אָן. ער פאַרהאַלט זיך אויפ'ן קליינעם וואָקזאַלכל בלויז צוויי מינוט און אַנטלויפט, איבערלאָזנדיק אונז אין אַ ביטערן מעמד. די אָוונט־פאָרשטעלונג האָבן מיר שוין פאַרשפעטיקט, ווייל דער אַנדערער צוג קומט ערשט שפעט אין אָוונט.

עס הויבט זיך אָן די פיינלעכע רעוויזיע, און, צו אונזער אומבאַשרייבלעכער חרפה, געפינען די פּאָליציאַנטן די נאַכט־כלי אינ'ם באַגאַזש פון אונזער טרופּע.

ווען עס מאַכט זיך אויף אַ גרוב, וואָלטן מיר זיך באַגראָבן פאַר חרפה! אַזוי האָבן מיר זיך פאַרשעמט מיט דער מיאוס'ער גנבה, נישט בלויז פאַר די טשעכישע פּאָליציאַנטן, נאָר פאַר זיך גופא.

די גוי'ע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער מציאה און איז אַ פריי־לעכע צוריקגעלאָפן אין האָטעל אַריין.

די פּאָליציאַנטן, פון זייער זייט, האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן אַ פּראָ־טאָקאָל פון דער געפונענער גנבה, ווענלנדיק דעם אַקטיאָר אַרעסטירן. מיט שווערער מי און מיט אַ שיינער מטבע האָבן מיר דעם ענין „פאַרריבן", און די פּאָליציאַנטן האָבן געמאַכט אַ שוויג.

פאַר דער טרופּע אָבער איז דאָס עסק נישט געווען דערליידיקט.

מיר פרעגן דעם אַקטיאָרישן גנב:

— סטייטש? היתכן? ווי אַזוי האָסטו געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך? ווי גנב'עט מען אַ נאַכט־כלי, וואָס האָט דעם ווערט פון גראָשנס! . . .

— עפּעס אַ משוגעת איז מיך באַפאַלן, — האָט דער אַקטיאָרשטשיק זיך פאַרטיידיקט. — די נאַכט־כלי האָט געהאַט אַזעלכע שיינע בלימעלעך, און מען זאָגט דאָך, אַז אַ נאַכט־כלי איז מזל'דיק . . . אַזוי ווי אונזערע געשעפטן זיינען נישט גאָר פויגל'דיק — פירט ווייטער אויס דער גנב, — האָב איך מיטגענומען די נאַכט־כלי, אַז זי זאָל אונז ברענגען מזל . . .

דער תירוץ האָט ביי אונז נישט נושא־חן געווען. מיר האָבן דעם בעל־דבר אויפ'ן אָרט אָפּגעזאָגט און אים משלח געווען צוריק קיין ווין.

פון דעמאָלט אָן האָט שוין קיין שום יידישע טעאַטער־טרופּע נישט גע־וואַגט צו קומען אין דאָזיקן שטעטל מ. אַריין, ווייל די יידן וואָלטן זי ממש פאַרשטייניקט!

# געלעכטער מיט טרערן

## אַן אַקטיאָר׳ס אַ זייגער ראַטעוועט אונזער טרופּע פון שווערע סיטואַציעס

אין דער יידישער (און אויך אין דער נישט־יידישער) טעאַטער־פּראָפעסיע איז פאַראַן אַ נישט געשריבן געזעץ, וואָס מיט׳ן פּשוט׳ן שכל קען מען עס שווער פאַרשטיין.

אָט איז אַ משל:

אַ יידישע וואַנדער־טרופּע קומט אין אַ שטאָט אָדער שטעטל אַריין און שפּילט דאָרט אַ פּיעסע, וואָס נעמט שטאַרק אויס. דער עולם איז צופרידן, ממש באַגייסטערט און די אַקטיאָרן זיינען מלא־שמחה. זיי האָבן כבוד און פאַרדינען אַ סך געלט.

צוליב נישט פאַראויסגעזעענע סיבות קומט די טרופּע נאָך אַמאָל אין דעם זעלבן מקום, איבערצייגט, אַז מען וועט ווידער דאָ מאַכן גוטע „סבאָרן״. נאָר דער סוף איז, אַז „מען ברענט ווי ליכט!״ כאָטש נעם און פאַרטייל די בילעטן אויף די פאַרשטעלונגען בחצי־חינם, צי גאָר אין גאַנצן אומזיסט — און ס׳העלפט אַלץ נישט! די „מענטשהייט״, דאָס הייסט „דער הויכגעשעצטער עולם״, וויל נישט קומען אין טעאַטער אַריין. עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז די זעלבע יידן, וואָס צוריק בלויז מיט עטלעכע וואָכן אָדער טעג האָבן זיך „געדרייט״ אַרום די אַקטיאָרן און זיי באַשאָטן מיט חניפה און מיט קאָמפּלי־מענטן, געבנדיק זיי פאַרשיידענע מתנות, האָבן צווישן זיך געשלאָסן אַ מין יד־אחת, אויסצומיידן די אַקטיאָרן, ווי אַ מגפה!

עס פאַרלויפט זיך אויך אַן אַנדערע מעשה.

אין איין שטאָט איז אַ פּיעסע גאָר שטאַרק געפעלן, און אין דער שכנות׳־דיקער שטאָט האָט די זעלבע פּיעסע געכאַפּט אַ מיאוס׳ן דורכפאַל (אַ „ראָס־קאָשנע בראָך״, אויפ׳ן יידיש־אַקטיאָרישן לשון) און די אַקטיאָרן פאַרלאָזן דאָס מקום מיט אַ קללה אויף די ליפּן.

אָדער פאַרקערט: די זעלבע פּיעסע, וואָס האָט אויסגענומען אין אַ שטעטל צום ערשטן מאָל, האָט געליטן אַ מפּלה ווען מען האָט זי אויפגעפירט בעת אַ צווייטן גאַסטראָל.

הכלל, אין דער טעאַטער־פּראָפעסיע גילט נישט דאָס געזעץ פון דער „אייזערנער לאָגיק״. אַלץ איז אָפּהענגיק פון כל׳ערליי סיבות און צופאַלן, און אפשר אויך פון אַביסל מזל.

נאָך אַ ביישפּיל פון דעם, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט דערציילט:

אין דער סלאָוואַקיי איז פאַראַן אַ שטעטל, נאָווע־זאַמקי, וואָס האָט גע־האַט אַ שם ביי די פאַרשיידענע יידישע וואַנדער־טרופּעס אַלס אַ „ברויט מיט פּוטער שטעטל״, ווייל יעדע טרופּע, וואָס האָט דאָרטן גאַסטראָלירט, האָט גע־האַט מזל און די אַקטיאָרן האָבן פאַרדינט זשמעניעס מיט געלט.

נאָווע־זאמקי האָט געהערט צו די נישט פרומע שטעטלעך פון דער סלאָ־וואַקיי. אין די „ספירה טעג״, ווען מען האָט נישט געקאָנט שפּילן טעאַטער אין די פרומע שטעטלעך, איז מען אַריינגעפאָרן קיין נאָווע־זאמקי, כדי דאָרט איבערצוהאַלטן די קריטישע צייט.

מאַכט זיך, אַז אין די ספירה־טעג בלייבן מיר שטעקן אין אַ סלאָוואַקיש שטעטל און האָבן נישט ווו צו „דערלאַנגען די סחורה״.

פאַלט מיר איין אַ פּלאַן — נאָווע־זאמקי!

אמת, מיר זיינען דאָרט געווען ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק און גע־מאַכט גוטע געשעפטן. די פּיעסן זיינען געפעלן און דער עולם איז געווען גאָר צופרידן. טאָ וואָס האָבן מיר צו ריזיקירן? דאָס „ברויט מיט פּוטער״־שטעטל וועט אונז יאקאַש נישט פאַרשעמען. מיר וועלן זיך שוין ווי ס'איז אַרויסשלאָגן אויף פּרנסה.

מיר קומען אָן אין שטעטל און אַנאָנסירן אַ „שלאגער״־פּיעסע פאַר דער ערשטער אויפפירונג. מיר מאַכן אַ ריזיקע רעקלאַמע, זייענדיק זיכער, אַז דער עולם וועט קומען צו אונזערע פאָרשטעלונגען.

אָבער מיר האָבן זיך ביטער אַנטוישט.

ווי אויף להכעיס, זיינען די אפּיקורסישע יידן פון נאָווע־זאמקי פּלוצים משוגע־פרום געוואָרן! זיי האָבן ממש אונז באָיקאָטירט און נישט געקומען אין טעאַטער.

זעענדיק, אַז ס'איז ביטער, „כמו־גאַל״, שיקן מיר אַרויס צוויי אַקטיאָרישע פּאָרלעך וואָס זאָלן „כיליען איבער די ראַטשקעס״, דאָס הייסט — זיי זאָלן באַזוכן די יידישע הייזער און פאַרקויפן בילעטן פאַר די מכלומר'שטע „בענעפיס״־פאָרשטעלונגען פון די אַנגעזעענסטע מיטגלידער פון אונזער טרופּע. ס'העלפט אָבער נישט! די יידן האָבן אויסגעפונען ממש אַ גלענצנדיקן תירוץ, נישט צו קומען אין טעאַטער . . .

— טעאַטער אין ספירה־טעג? פע, ס'פּאַסט נישט פאַר יידישע אַקטיאָרן, — האָבן זיי זיך פאַרענטפערט.

פונדעסטוועגן שפּילן מיר, אָבער פאַר ליידיקע בענקלעך. אָפּטמאָל זיינען מיר געצוווּנגען אָפּצוזאָגן אַ פאָרשטעלונג, ווייל אַפילו אַ הונט קומט נישט אין טעאַטער אַריין.

בינו־לבינו פייפט שוין דער דלות ביי אונז אויף דער העכסטער אָקטאַווע! מיר זיינען שולדיק פאַר'ן האָטעל, ווו מיר וווינען; מיר דאַרפן משלמ'ען אין רעסטאָראַן, ווו מיר אכל'ן; און דער דלות גיט אונז דעם אמת'ן קאָנצערט!

* * *

ביי די יידישע וואַנדער־טרופּעס, וואָס האָבן „עולה־רגל״ געווען איבער די מדינות אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיי, רומעניען און אין אַנדערע לענדער האָט קורסירט אַ ווערטל, אַז „יעדער אַקטיאָר און אַקטריסע דאַרף מיט זיך

האָבן עפּעס אַ „האַרטן קעגנשטאַנד" (אַ ווערטפולן חפץ), כדי אין אַן עת־צרה צו פאַרזעצן און זיך ראַטעווען פון דער שווערער לאַגע".

וואָס אַן אמת, איז עס גאָר אַ ווילע עצה. אָבער ווו זאָל מען נעמען דעם „האַרטן קעגנשטאַנד", ווען מען פאַרמאָגט אים נישט? אַפילו די יעניקע מיט־גלידער פון דער חברים־טרופּע, וואָס האָבן יאָ פאַרמאָגט אַ ווערטפולן חפץ— אַ ברילִיאַנטענעם רינג, אַ גאָלדענעם זייגער, אָדער געלט — האָבן נישט גע־האַט קיין חשק אַרויסצוהעלפן זייערע חברים־אַקטיאָרן פון דער שווערער לאַגע, נישט זייענדיק בכלל זיכער, צי ווען ס'וועט זיין אויס „ספירה־טעג" וועט מען נישט אויך „ברענען" . . . ווער וועט זיי דעמאָלט אָפּצאָלן דעם חוב? העכסטנס קען מען אַן אַקטיאָר אָנקלאָגן צום „ונתנה־תוקף", געלט אָבער קען מען נישט צוריק אָפּקריגן . . .

איינער פון אונזער חברים־טרופּע, הערמאַן טוניס, האָט פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ גאָלדענעם זייגער, אַן אַנטיק, אַ באמת „בכבוד'יקער חפץ", וואָס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן געקרוינט צו ווערן אַלס „האַרטער קעגנשטאַנד".

טוניס האָט דעם דאָזיקן זייגער אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, ווייל ער האָט געוווּסט די חשיבות פון זיין גרויסן, גאָר שווערן גאָלדענעם „כלי", וועלכער קען אים ראַטעווען אין אַן עת־צרה.

היות אַ גרויסער טייל פון אונזער טרופּע איז שוין געווען פאַר'קרוב'ט מיט די לאָמבאַרדן, (אַנשטאַלטן, ווו מען פאַר'משכונ'ט גאָלד, טעפּיכער, מלבושים, בילדער און אַנדערע זאַכן), און ניט געהאַט מער וואָס צו פאַרזעצן, האָבן מיר באַשלאָסן צו אינטערווענירן ביים חבר טוניס, אַז ער זאָל אונז אַרויסהעלפן מיט זיין זייגער, כדי אים פאַרזעצן ביים „פעטער" (אַזוי פלעגן מיר רופן דעם לאָמבאַרד) און פאַר דעם געלט, וואָס מיר וועלן באַקומען, וועלן מיר האָבן צו באַצאָלן די חובות און זיך אַרויסראַטעווען פון נאָווע־זאמקי, וואָס האָט אונז אַזוי ביטער אַנטוישט.

דער גורל איז געפאַלן אויף מיר און נאָך צוויי מיטגלידער פון אונזער טרופּע, צו „אינטערווענירן" ביים חבר טוניס וועגן דעם עניין.

אין יענער צייט, זיינען מיר אַלע געווען בכבוד'יקע „הונגער קינסט־לער" און מיר פלעגן פאַרשלאָפן די טעג, ווען ס'איז נישט געווען קיין געלט אויף צו „בעריען" (עסן). מיר האָבן, ווי ס'איז געווען צו דערוואַרטן, געפונען ליגן אין בעט דעם חבר טוניס, וועלכער האָט „געקייעט די סלינע".

ווען ער האָט אונז דערזען, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען דעם צוועק פון אונזער מיסיע און אָן שום קשיות אונז איבערגעגעבן דעם זייגער . . .

פאַראַן מאָמענטן אין לעבן, ווען ווי טרויעריק ס'געמיט זאָל נישט זיין ווערט עס פּלוצים אויסגעהייטערט פון אַן אומפאַרהאָפטן גליק. פונקט אַזוי האָט אויף אונז געווירקט אָט דער גאָלדענער זייגער, וואָס טוניס האָט אונז געגעבן צו פאַרזעצן, כדי מיט'ן געלט זיך צו ראַטעווען פון דער פיינלעכער לאַגע.

אין דער טרופּע האָבן מיר געהאַט אַ גאַרדעראָבער, יאַנקעלע האָט ער געהייסן. אָט דעם יאַנקעלע האָבן מיר געשיקט מיט דעם זייגער קיין בראַטיס־לאַווא, כדי אים פאַרזעצן אין אַ דאָרטיקן לאָמבאַרד. היות ווי יאַנקעלע איז געווען אַ קלייַנער לויט׳ן וווקס, ממש אַ פּיצעלע, איז ער, נישט האָבנדיק קיין געלט צו קויפן אַ באַן־בילעט, געפאָרן אויף „גאַפּע״, באַהאַלטנדיק זיך אונטער אַ באַנק פון׳ם באַן־וואַגאָן . . .

מיט דער צייט איז אָט דער זייגער געוואָרן אַ מין „רשות־הרבים״ ביי אונזער טרופּע. איז אונז געגאַנגען שלעכט און מיר האָבן „געברענט״, האָט טוניס אונז געראַטעוועט מיט זיין זייגער, פאַר וועלכן מיר פלעגן באַקומען טויזנט טשעכישע קראָנען; אַ געגנוג גרויסע סומע אין די דעמאָלטיקע צייטן.

דער זייגער פלעגט פאַרזעצט און אויסגעלייזט ווערן פון זיינע לאָמבאַר־דישע גלות׳ן, און ער איז מיט דער צייט שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אין יעדן לאָמבאַרד פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער מדינה. טאָמער האָט זיך אַ מיטגליד פון אונזער טרופּע באַוויזן מיט אָט דעם זייגער אין אַ לאָמבאַרד, האָבן די באַאַמטע נישט געמאַכט קיין לאַנגע צערעמאָניעס און באַלד אויס־גערופן:

„טיסיץ קאָרון״ (טויזנט קראָן)! . . .

טוניס׳עס זייגער איז יאָרן־לאַנג געווען אונזער „מלאך־הגואל״, ביז ער איז סוף־כל־סוף פאַרבליבן אויף אייביק פאַר׳משכונ׳ט אין אַ טשעכישער לאָמבאַרד.

---

## יידן קומען צו א טעאטער־פארשטעלונג מיט הייסע ציגל . . .

דאָס, אין דער יידישער וועלט באַקאַנטע שטעטל, ניקלשבערג, ליגט צע־וואָרפן צווישן קלייַנע בערגלעך און טאָלן, נישט ווייט פון דער מערישער הויפּטשטאָט, בריןָ, און לערך 70 וויאָרסט פון ווין. אָט דאָס דאָזיקע חושב׳דיקע שטעטל, ווו ביז צו דער היטלערישער מלחמה האָבן געלעבט אַרום 500 יידישע משפחות, וויין־סוחרים, קלייַנע פאַבריקאַנטן, קרעמער, פערדס־הענדלער און אַ קלייַנע צאָל בעל־מלאכות, אונטערשיידט זיך נישט, אויסערלעך, פון די אַמאָ־ליקע יידישע שטעטלעך אין פוילן, רומעניען, ליטע און אַנדערע לענדער.

די הייזער דאָרט זיינען אַלט, געבויט פון שטיין, און עפּעס אַן אייגנאַרטי־קער אומעט ליגט אויסגעגאָסן איבער דער סביבה, אין וועלכער ס׳האָבן אַמאָל געלעבט און געווירקט גרויסע רבנים, צווישן זיי אויך דער באַרימטער ר׳ שמעלקע ניקלשבערגער, וועמענס נאָמען ווערט אָפטמאָל דערמאָנט אין דער רבנ׳ישער און חסיד׳ישער ליטעראַטור, און אפילו אין ש. אַנ־סקי׳ס פּיעסע „דער דיבוק״.

עטלעכע מאָל בין איך געווען אין ניקלשבערג (מיקאָלאָוו הייסט עס אויף טשעכיש). דריי מאָל מיט יידישע טעאַטער־טרופעס און איין מאָל פּריוואַט, צו־ליב זשורנאַליסטישער נייגעריקייט. אָבער יעדעס מאָל האָט דאָס שטעטל אויף מיר געמאַכט אַ זער שווערן איינדרוק. די דאָרטיקע יידן האָבן נישט גע׳ירש׳נט קיין ניצוץ פון דעם גרויסן יידישן „אַמאָל", וואָס האָט אַזוי מפורסם געמאַכט זייער מקום אין דער גאַרער יידישער וועלט.

יעדעס מאָל, קומענדיק קיין ניקלשבערג, האָב איך געזוכט עפּעס אַ זכות אויף די דאָרטיקע יידן — און נישט געפונען . . .

אין די טראַגישע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די צאַרישע אַרמייען האָבן אינוואַדירט גאַליציע, האָט די עסטרייכישע רעגירונג עוואַקו־אירט צענדליקער טויזנטער יידישע משפחות פון זייערע באַדראָטע ווין־ערטער און זיי באַזעצט אין ניקלשבערג און אין אַ ריי אַנדערע שכנות׳דיקע שטעטלעך. אָבער די פאַרוואָגלטע יידן פון גאַליציע האָבן לאַנג נישט אויסגעהאַלטן זייער ניקלשבערגער גלות און זיינען פון דאָרט אַנטלאָפן מיט דער טענה, אַז דאָס אַמאָליקע פרומע יידישע שטעטל, די געוועזענע היים פון באַרימטע ישיבות און פון אַ פלעיאַדע רבנים, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היינט־צייטיקן סדום!

נאָך מיין עטלעכע מאָל פאַרברענגען אין אָט דעם שטעטל בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער בייזער שם איבער ניקלשבערג איז נישט געווען סתם אויסגעטראַכט, נאָר דאָס מקום האָט זיך כשר פאַרדינט געקרוינט צו ווערן אַלס דאָס „סדום פון מערן" . . .

נישט געקוקט אויף די „הייליקע שבועות" פון די פאַרשיידנסטע יידישע טעאַטער טרופעס, אַז זייערע פיס וועלן מער נישט באַטרעטן דאָס „סדום־שטעטל", האָט מען די דאָזיקע שבועות געבראָכן צוליב פאַרשיידענע סיבות און אומשטענדן, וואָס מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרויסזעען, אָדער פאָרויסזען, און מען איז דאָך דאָרט אַהין אַריינגעפאַלן.

„די גרענדע" (אַזוי האָבן די פאַרגרעבטע יידן פון די קליינע מערישע שטעטלעך אָנגערופן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג), איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פון דעם איינציקן יידישן „האָטעל שאַפער", וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער אַלטער, האַלב־איינגעפאַלענער שול, די אַמאָל געוועזענע ישיבה פון ר׳ שמעלקע ניקלשבערגער.

עס איז געווען אין אַ מוצאי־שבת׳דיקן ווינטער, ווען די טעג זיינען קליין, האָבן מיר אָנאָנסירט די פאָרשטעלונג אויף זעקס אַזייגער אין אָוונט.

צו מיין גרויסער איבערראַשונג, האָבן די יידן אָנגעהויבן שטראָמען אין טעאַטער אַריין נאָך פאַר מוצאי־שבת און זיי האָבן מיט זיך געטראָגן עפּעס אַזעלכע גרויסע, שווערע ציגל, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן איינגעפּאַקט אין שמאַטעס און אין טיכער . . .

איך דערצייל דאָס פאַר די מיטגלידער פון דער טרופּע, וועלכע דריקן

אויס די השערה, אַז די ציגל זיינען מן־הסתם באַשטימט פאַר דער בינע, טאָ־מער געפעלט די יידן נישט אונזער פאָרשטעלונג . . .

— אין ניקלשבערג, — האָבן מיר זיך גע׳מוח׳ט, — איז אפנים פאַראַן אַזאַ מנהג, אַז ווען אַ פּיעסע געפעלט נישט, פריטשמעליעט מען די אַקטיאָרן אויף דער בינע מיט הייסע ציגל . . .

איך פרעג ביים אייגנטימער פון זאַל, ווו מיר שפּילן, וואָס עס באַטייטן די שווערע, הייסע ציגל, וועלכע די יידן שלעפּן מיט זיך צו דער פאָרשטעלונג? און ער גיט מיר די פאַלגענדע טשיקאַווע „אויפקלערונג״.

— די הייסע ציגל זיינען נישט באַשטימט פאַר די אַקטיאָרן, חלילה, נאָר פאַר די אייגענע אָנגעפרעסענע בייכער . . . אַזאַ מנהג איז ביי אונז אין ניקלשבערג, — זאָגט וויטער דער הער שאַפער. — די היגע יידן זיינען גרויסע ליבהאָבער פון „שאָלעט״ (אַזוי האָבן די דייטשמעריש־רעדנדיקע יידן אָנגע־רופן טשאָלנט), און כדי זייערע בייכער זאָלן נישט פּלאַצן פון די פעטע „שאָ־לעטער״, וואָס זיי עסן לכבוד שבת, לייגן זיי צו הייסע ציגל צו די בייכער, אַלס אַ סגולה . . .

— אָבער פאַרוואָס — פרעג איך דעם ייד — טראָגן אויך די פרויען הייסע ציגל?

— אונזערע פרויען, זאָלן לעבן, עסן אויך „שאָלעט״ און לייגן זיך אויך צו הייסע ציגל צו די בייכער, — ענטפערט ער מיר קאַלטבלוטיק.

מיט דער „בשורה־טובה״ האָב איך באַרואיקט אונזער טרופּע, אַז ווי גע־ווינטלעך, קאָנען מיר אָנגיין מיט דער פאָרשטעלונג.

אין אָנהויב פון ערשטן אַקט איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אָבער אין פאַרלויף פון דער האַנדלונג, ווען דער קאָמיקער איז אַרויף אויף דער בינע און אָנגעהויבן שיטן מיט וויצן און זינגען אַ לידל, האָבן די יידן פאַר גרויס נחת גענומען וואָרטשען, אָכצן און, במחילה, צו גרעפּצן! אין זאַל איז אַנט־שטאַנען אַ קאַקאָפאָניע, ווי דאָס ריטשן פון געקוילעטע אָקסן און ס׳איז גע־וואָרן אוממעגלעך אָנצוגיין מיט דער פאָרשטעלונג . . .

אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַ שטילע סצענע, האָט מען געקרעכצט . . .

ווען די פּרימאַדאָנע האָט געזונגען אַ ראָמאַנטיש לידל, האָט דער עולם גערעוועט פאַר יסורים פון די געפרעסענע „שאָלעטער״. די הייסע ציגל האָבן, אפנים, נישט געהאָלפן צו שטילן זייער ווייטיק . . .

איך בין אַרויף אויף דער אָפענער בינע און אַפּעלירט צום „הויכגעשעצטן פובליקום״, אַז מען זאָל זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל גוט אויסקרעכצן, כדי די פאָרשטעלונג זאָל נישט געשטערט ווערן.

די יעניקע יידן, וואָס האָבן נישט מיטגעברענגט מיט זיך קיין הייסע ציגל, האָבן מיט מיר מסכים געווען.

אַ יידישער דאָקטאָר איז אַרויף נאָך מיר אויף דער בינע און האָט אַריינ־געזאָגט די „ציגל־יידן״ אַ פאָרציע מוסר, הלמאי זיי „רעספּעקטירן נישט די

קונסט״ און זיי געבן נישט אָפּ דעם געהעריקן כבוד דער יידישער טעאַטער־טרופּע, וואָס איז געקומען אין שטעטל אַריין.

דאָס מוסר־זאָגן האָט געהאָלפן „ווי אַ טויטן בײנקעס״! די יידן האָבן כסדר פאַרגעזעצט דעם קרעכץ־קאָנצערט . . . דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן געמוזט לאָזן פאַלן דעם פאַרהאַנג און דערקלערט אַ פּויזע ביז מען וועט זיך אויסקרעכצן!

דער האָטעל־אייגנטימער האָט געברענגט אַ טאָפּ מיט סאָדא־קארבאָנאד און געשטאָפּט דעם ווייסן פּראָשעק אין די מיילער אַריין פון די האַלב־לעבע־דיקע יידן. די קעלנער פון רעסטאָראַן האָבן געטיילט גלעזער קאַלט וואַסער, כדי דער עולם זאָל נאָכטרינקען און זיך גוט אויסגרעפּצן, אָבער אָן דערפאָלג.

נאָך דער הפסקה ווילן די אַקטיאָרן ווידער אָנהויבן שפּילן, אָבער ס׳איז נישט געווען פאַר וועמען. די יידן האָבן עוקר געווען פון טעאַטער . . .

דער סוף איז געווען — מיר האָבן די פאָרשטעלונג נישט פאַרענדיקט.

צומאָרגנס גאָר פרי האָבן מיר פאַרלאָזן ניקלשבערג מיט דער באַקאַנטער „הייליקער שבועה״, נישט צו באַטרעטן מער דאָס דאָזיקע שטעטל.

---

## צוויי טשעכישע גלחים — די איינציקע געסט ביי א יידישער טעאטער־פארשטעלונג

דאָס שטעטעלע געדינג (האָדאָנין אויף טשעכיש), ווו ס׳איז געבוירן גע־וואָרן פּראָפעסאָר טאָמאַס ג. מאַסאַריק, דער ערשטער פּרעזידענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק, האָט אויך געהערט צו דער ספערע פון די „טריפה׳נע שטעטלעך״, וועלכע יידישע אַקטיאָרן פלעגן אויסמיידן.

זעלטן, אַז אַ יידישע טעאַטער־טרופּע האָט דאָרטן געהאַט מזל. אַקטיאָרן פלעגן זיך וויצלען: „ס׳איז אָנגעמערקט מן־השמים, אַז אין געדינג זאָל מען ברענען ווי קין״ . . . ס׳איז אָבער געווען אין די ביטערע „ספירה־טעג״, ווען מיר האָבן סאַי־ווי „געברענט״, האָב איך פאַר איין ברירה ריזיקירט און בין אַריינגעפאָרן קיין געדינג, און פאַרזיכערט מיין חברים־טרופּע די אמת׳ע „שריפה״!

אַ דאַנק דעם געלט, וואָס דער „פעטער״ פון אַ לאָמבאַרד האָט אונז אויס־געבאָרגט אויף דעם גאָלדענעם זייגער פון אונזער חבר טוניס (וועגן וועמען עס איז שוין דערציילט אין אַ פריערדיק קאַפּיטל), בין איך געקומען קיין גע־דינג און געדונגען דאָס דאָרטיקע טעאַטער אויף דריי פאָרשטעלונגען.

אין אַ לאָקאַלער דרוקעריי האָב איך באַשטעלט די אַפישן און אָרגאַניזירט דעם פאַר־פאַרקויף פון די טעאַטער־בילעטן. דערליידיקט פאַרשיידענע אַדמי־ניסטראַטיווע ענינים, ווי: מעלדן אונזערע פאָרשטעלונגען ביי דער דאָרטיקער

פּאָליציי; געגעבן אַן אַ דרויף פּאַר׳ן אָפּצאָל פון די בילעטן ביי דער שטייער־דירעקציע, און בין געפאָרן אין אַן אַנדער שטעטל אַריין דערליידיקן די זעלבע פּראָצעדורן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אונזער טורנעע.

געקומען מיט דער טרופּע קיין געדינג אַ טאָג פאַר דער פאָרשטעלונג בין איך, אויס נייגעריקייט, געגאַנגען זיך נאָכפרעגן אין דער בוכהאַנדלונג ווי ס׳זעט אויס דער פאָרפאַרקויף פון די בילעטן אויף אונזערע גאַסטראָלן. צו מיין גרויסער איבעררראַשונג ווער איך געוווער, אַז מ׳האָט פאַרקויפט בלויז צוויי בילעטן אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג און אויף די איבעריקע צוויי פאָרשטעלונגען — אַפילו נישט קיין איינציקן בילעט!

ווערט אונז זויער און ביטער אויף די הערצער. מען טאָר אָבער נישט פאַרצווייפלען און מ׳מוז אָפּוואַרטן. עס פּאַסירט אָפט, אַז דער עולם קויפט נישט קיין בילעטן פאָרויס, נאָר ביי דער קאַסע, און דווקא אין דער לעצטער מינוט, ווען די פאָרשטעלונג דאַרף זיך אָנהויבן, אָדער אַפילו נאָך דעם ווי דער פאָרהאַנג איז שוין אויפגעגאַנגען.

צומאָרגנס אין דער פרי גיי איך ווידער אין דעם געשעפט אַריין נאָכפרעגן ווי ס׳האָלט מיט׳ן עסק און באַקום די זעלבע טרוקענע און געלאַסענע תשובה:

— צוויי בילעטן! . . .

צוויי שעה פאַר דער פאָרשטעלונג גיי איך אין געשעפט אַריין זיך „אָפּרעכענען״. מען צאָלט מיר אויס פאַר די צוויי פאַרקויפטע בילעטן און מען ציט מיר אַראָפּ 10 פּראָצענט פאַר דעם פאַר־פאַרקויף און ביי דעם איז מען פאַרבליבן.

איך זעץ מיך ביי דער קאַסע פון טעאַטער און וואַרט מיט גרויס שפּאַנונג און אומגעדולד אויף קונים, אָבער זיי קומען נישט . . . די צייט לויפט און ס׳בלייבט בלויז אַ פערטל שעה צו דער פאָרשטעלונג. ענדלעך, גאָט האָט זיך אויף אונז מרחם געווען און עס באַווייזן זיך צוויי מענטשן, די ערשטע טעאַטער־געסט! זיי טראָגן גלח׳ישע קליידער און גייען גלייך אַריין אין טעאַטער אויף די צוויי קאַרטן, וואָס זיי האָבן זיך באַזאָרגט נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק אין פאַר־פאַרקויף.

די אַקטיאָרן זיינען אין דער גאַרדעראָבע און פאַרקליידן זיך לכבוד דער פאָרשטעלונג, איבער׳חזר׳נדיק זייער פּראָזע פון דער פּיעסע.

די צוויי מוזיקער, וואָס זיינען מיט אונז מיטגעפאָרן, ווילן מיט כח פאַרטרייבן די מרה־שחורה און מאַכן אַ „וויאַטער״ (שפּילן אַ פריילעכס), אָבער אין טעאַטער איז קאַלט און די לערך 500 בענקלעך שטייען ליידיק און פאַר־יתומ׳ט.

עס איז שוין לאַנג פאַרביי די צייט, ווען מיר האָבן געזאָלט אָנהויבן מיט דער פאָרשטעלונג און די איינציקע געסט אין טעאַטער זיינען די צוויי גלחים . . .

פאַרשטייט זיך, אַז דעם אָוונט האָט מען אין געדינג נישט געשפּילט קיין יידיש טעאַטער. מיר האָבן אָפּגעזאָגט די פאָרשטעלונג, צוריקגעגעבן די גלחים דאָס געלט פאַר די בילעטן און ס׳איז אונז נישט געווען מיט וואָס מקנא צו זיין!

פונדעסטוועגן האָט אונז אינטריגירט די שאלה:

— פאַרוואָס איז קיין איינציקער פון די 600 יידישע איינוווינער פון געדינג, נישט געקומען צו דער ערשטער פאָרשטעלונג? וואָס איז די סיבה פון דעם בולט׳ן באָיקאָט אָדער חרם? הלמאי האַנדלען די געדינגער יידן מיט אַזאַ ברוטאַלער קאָנסעקווענץ קעגן אונז?

דעם זעלבן אָוונט פון דער נישט צושטאַנדגעקומענער פאָרשטעלונג גיי איך צום ראש־הקהל און ווער געוויר פאָלגענדעס:

מיט איייניקע וואָכן פריער האָט אין געדינג „גאַסטראָלירט״ דער שוין פון פריער באַקאַנטער „חזן״ מיט׳ן „אוי, זינגט עד!״ און ער האָט אויך דאָרט אָפּגעטון דאָס זעלבע „חזנ׳ישע״ קינצעלע, וואָס אין לעוויצע . . .

דאָס איז געווען סיבה נומער איינס.

סיבה נומער צוויי, איז געווען די פאָלגנדע:

מיט אַ צייט פריער איז קיין געדינג געקומען אַ יידישער אַקטיאָרשטשיק, וועלכער האָט זיך געוואַנדן צום פאָרשטייער פון דער דאָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט אַ פאָרשלאַג, אַז זיי זאָלן פינאַנסירן צוויי פאָרשטעלונגען פון אַ באַקאַנטער יידישער טעאַטער־טרופּע, וואָס האָט דעמאָלט גאַסטאָלירט אין דער סלאָוואַקיי. דער אַקטיאָרשטשיק האָט באַקומען אויסגעצאָלט אַ סומע פון 500 קראָן האַנט־קעלט, מכלומר׳שט אויף הוצאות, כדי צו ברענגען די טרופּע קיין געדינג און ער האָט זי נישט געבראַכט . . .

ערשט דאַן האָבן מיר פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די יידן פון געדינג האָבן באָיקאָטירט אונזער פאָרשטעלונג, און פאַרוואָס אונזערע טעאַטער־געסט זיינען געווען די צוויי טשעכישע גלחים, וואָס האָבן, ווייזט אויס, נישט געוווסט פונ׳ם יידישן באָיקאָט אויף אונז . . .

# מיר שפּילן „כל־נדרי" פאַר סטודענטן פון אַ קאַטוילישן גלחים־סעמינאַר . . .

אין דער סלאָוואַקישער שטאָט זשילינאַ, האָט דאָס דאָרטיקע שטאָטישע טעאַטער, וואָס האָט זיך גערופן „קאַטאָליצקי דום" (דאָס קאַטוילישע הויז), געהערט צו די גלחים, וועלכע האָבן עס נישט זער גערן פאַרדונגען צו יידישע טעאַטער־טרופּעס. צי דאָס האָט געשמעקט מיט אַנטיסעמיטיזם, אָדער צוליב אַנדערע טעמים, איז שווער צו זאָגן. ס׳איז אָבער יאָ געווען באַקאַנט, אַז ווען אַ יידישע טרופּע האָט אין דעם „קאַטאָליצקי דום" געוואָלט געבן עטלעכע פאָרשטעלונגען, האָבן די גלחים געמאַכט כל׳ערליי שוועריקייטן און פאַר־לאַנגט געזאַלצענע פּרייזן. נאָכמער: זיי האָבן אַפילו געוואָגט צו שטעלן באַ־דינגונגען, אַז מ׳זאָל נישט אויפפירן קיין „גאָטלאָזע" פּיעסן, וכדומה.

אַמאָל קום איך קיין זשילינאַ מיט דער דעה צו אַראַנזשירן דאָרט אייניקע פאָרשטעלונגען.

נישט געפינענדיק קיין אַנדערן טעאַטער־זאַל בין איך געווען געצוווּנגען אַנצוקומען צום קאַטוילישן גלח, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט׳ן טעאַטער. איך האָב אים געבעטן נאָכצולאָזן אַביסל פון דעם פּרייז, ווייל מיר זיינען אַ חברים־טרופּע און פירן אונזער געשעפט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אָבער דער גלח האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן פון אַ פּרייז־הנחה און מיר דערקלערט, אַז אויב איך קאָן נישט אָננעמען זיינע באַדינגונגען, איז אַ שאָד מיין טרחה. נישט האָבנדיק קיין אויסוועג בין איך געווען געצוווּנגען מסכים צו זיין מיט׳ן פּרייז און האָב געדונגען דאָס טעאַטער אויף פיר פאָרשטעלונגען.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דעם זעלבן טאָג, ווען מיר האָבן געזאָלט אָנהויבן אונזער גאַסטשפּיל, איז פאָרגעקומען אַ חתונה ביים דאָרטיקן ראש־הקהל, וועלכער האָט מיט מזל אויסגעגעבן זיין בת־יחיד׳קע. די רייכערע יידן זיינען דעריבער נישט געקומען אין טעאַטער אַריין, ווייל זיי זיינען געווען צו־געאַסט ביים ראש־הקהל אויף דער שמחה.

צומאָרגנס, ווען מיר האָבן געהאַפּט אויף אַ בעסערער הכנסה, איז גראד געשטאָרבן אַן אָנגעזעענער בעל־הבית פון שטאָט, און דאָס איז געווען אַ באַ־רעכטיקטע תירוץ פאַרוואָס מיר זאָלן „ברענען". די יידן האָבן שטאַרק גע־טרויערט נאָך דער אבידה פון זייער חשוב׳ן מיטבירגער און זיי זיינען נישט געקומען אין טעאַטער.

מיר שפּילן פאַר לייִדיקע בענקלעך, און דער דלות פּייפט אויף אַלע כלים. לא־די, וואָס מיר האָבן נישט צו באַצאָלן פאַר׳ן טעאַטער, זיינען מיר נאָך שולדיק אין דער דרוקעריי פאַר די אַפישן, פאַר די טעאַטער־צעטלעך, פאַר נאָטיצן אין דער לאָקאַלער סלאָוואַקישער צייטונג און פאַר אַנדערע הוצאות.

דער גלח׳ישער פאַרוואַלטער פון טעאַטער לאָזט מיר זאָגן, אַז אויב איך

וועל אים נישט באַצאָלן פאַר די צוויי פאָרשטעלונגען, וועט ער פאַראָרדנען דער פאָליציי צו רעקווירירן אונזער באַגאַזש, וואָס געפינט זיך אין האָטעל, ווו מיר זיינען אויך שולדיק פאַר דירה־געלט.

איך גיי צום ראש־הקהל און דערצייל אים אונזער ביטערע לאַגע. דרך־אגב, מאַך איך אים די באַמערקונג, אַז צוליב זיין טאָכטער׳ס חתונה, „ברענען״ מיר, ווייל לכבוד דער שמחה פון זיין בת־יחידה איז דער עולם נישט געקומען צו אונזער פאָרשטעלונג. ביי דער געלעגנהייט דערצייל איך אים אויך וועגן אולטימאַטום פון גלח, אַז ער וועט לאָזן רעקווירירן אונזער באַגאַזש אין פאַל מיר באַצאָלן אים נישט דעם חוב.

דער ראש־הקהל גייט מיט מיר צום גלח אָפּצושרייען די גזירה, אָבער עס העלפט נישט! דער גלח טענה׳ט, אַז ער איז נישט קאָמפּעטענט מבטל צו זיין דעם חוב, וואָס מיר זיינען שולדיק פאַר׳ן טעאַטער, ווייל דאָס איז נוגע אויך אַנדערע אינסטאַנצן פון „קאַטאָליצקי דום״, וועלכע האָבן צו אַנטשיידן אין אַזעלכע ענינים.

— איבעריקנס, — מאַכט דער גלח אַ באַמערקונג — פאַרוואָס זאָל די יידישע קהלה נישט אַרויסהעלפן די אַקטיאָרן? עס איז פאַר די ימים־נוראים, — ווערט דער גלח פלוצים סענטימענטאַל, — און ס׳וואָלט געווען אַ יושר, אַז די יידישע טרופּע זאָל אויפפירן עפּעס אַ פּיעסע, וואָס זאָל נעמען דעם עולם.
— איך וואָלט פאַרגעשלאָגן, — זאָגט צו מיר דער גלח, — אַז איר זאָלט שפּילן „כל־נדרי״, וואָס איך האָב אַמאָל געזען אין אַ יידיש טעאַטער אין ווין . . . די פּיעסע איז מיר שטאַרק געפעלן און איך בין זיכער, אַז זי וועט אויך געפעלן די יידן פון זשילינאַ. מען דאַרף זיי דערמאָנען, אַז ס׳גייט צו ראש־השנה און יום־כפור און זיי דאַרפן אַביסל תשובה טון . . .

איך האָב דעם גלח פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן שפּילן „כל־נדרי״, און ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיין הבטחה.

צומאָרגנס האָבן זיך אין דער שטאָט באַוויזן אפישן, אַז מיר פירן אויף „כל־נדרי״ — און אַ נס איז טאַקע געשען! אין משך פון עטלעכע שעה זיינען אַלע בילעטן פאַר דער „כל־נדרי״־פאָרשטעלונג געווען אויספאַרקויפט.

אין דער ערשטער ריי איז געזעסן דער קאַטוילישער טעאַטער־פאַרוואַל־טער און האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט די האַנד־לונג אויף דער בינע.

נאָך דער פאָרשטעלונג, ווען איך בין געקומען אין זיין קאַנצליי באַצאָלן דעם חוב, האָט מיך דער גלח אויפגענומען גאַר פריינטלעך און באַמערקט, אַז די פאָרשטעלונג איז אים שטאַרק געפעלן. ער האָט נאָר־וואָס גערעדט מיט׳ן בישאָף, וועלכער האָט געהייסן אונז שענקען דעם גאַנצן חוב, וואָס מיר זיינען שולדיק פאַר׳ן טעאַטער!

דער גלח מאַכט דאַן אַ ממש אומגלויבלעכן פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן די זעלבע „כל־נדרי״־פּיעסע אויפפירן נאָך אַמאָל, אויסשליסלעך פאַר די קאַטוי־

לישע תלמידים, וואָס שטודירן אין דאָרטיקן גלחים־סעמינאַר . . . ער וויל נישט, אַז מיר זאָלן שפּילן אַלס אַ קאָמפּענזאַציע פאַר דעם געשענקטן חוב, נאָר מען וועט אונז גאַראַנטירן אַ געוויסע סומע פאַר דער פאָרשטעלונג.

אָן שום קווענקלעניש האָב איך מסכים געווען מיט׳ן פאָרשלאָג.

צומאָרגנס ביינאַכט איז דאָס טעאַטער געווען איבערפולט מיט אַ מערקווירדיקן „עולם", וואָס איז אַזוי זעלטן צו זען ביי אַ יידישער טעאַטער־פאָרשטעלונג. לערך 200 יונגע, קאַטוילישע סעמינאַריסטן פון זשילינא, האָבן געבילדעט די אוידיטאָריע.

אויף די ערשטע רייען זיינען געזעסן פאַרשיידענע גלחים, וועלכע האָבן שטאַרק אַפּלאָדירט די אַקטיאָרן ביי געוויסע סצענעס. הגם זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון יידישן לשון, זיינען זיי אָבער געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דער האַנדלונג און וועגן דער געשיכטע פון „כל־נדרי". די אַקטיאָרן האָבן זיך נישט באַמיט צו מילדערן, אָדער אויסצולאָזן געוויסע שאַרפע שטעלן אין דער פּיעסע, וואָס בלאַמירט די קאַטוילישע אינקוויזיציע־מעטאָדן אויף יידן.

* * *

אין אַ צייט אַרום האָב איך מיך דערוווּסט, אַז דער גלח׳ישער פּאַרוואַלטער פון׳ם „קאַטאָליצקי דום" איז באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט, אַלס שטראָף פאַר אָרגאַניזירן די „כל־נדרי"־פאָרשטעלונג לטובת די סעמינאַריסטן. נאָך מער: ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז געווען אַ משומד און האָט געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל אין דער פּראָווינץ פון מערן.

דער בישאָף פון זשילינא האָט אויף דעם גלח געהאַט אַ חשד, אַז מיט דער „כל־נדרי־פאָרשטעלונג, האָט ער געוואָלט באַאיינפלוסן די סטודענטן פון גלחים־סעמינאַר, אַז זיי זאָלן ווערן פריינטלעך צו יידן, און פון זיי מאַכן אפּיקורסים פון דער קאַטוילישער אמונה . . .

## איך ווער א „סטאר" צוליב פארצווייפלונג

אין דער אַקטיאָרישער פּראָפעסיע זיינען פאַראַן פאַרשיידענע, אַזוי־גערופענע „בין־הזמנים", ווען מ׳שפּילט נישט טעאַטער. דאָס איז בעיקר נוגע געווען די טרופּעס, וואָס האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער די פּרומע, אַזוי־טראַגיש אונטערגעגאַנגענע יידישע ישובים פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל איז אויסגעקומען צו דערציילן, אַז צוליב די ספירה־טעג און די ימים־נוראים, האָט מען אין די פרומע יידישע שטעטלעך פון קאַרפּאַטאָרוס, סלאָוואַקיי און טראַנסילוואַניען, נישט געקאָנט שפּילן טעאַטער, ווייל די יידן זיינען נישט געקומען צו די פאָרשטעלונגען. מען האָט, בכן, זיך געמוזט אַ לאַז טון אין די „העדיעלעך", דאָס הייסט אין די קלענסטע, ממש פּיצינקע חצי־שטעטעלעך און חצי־דערפער, ווו ס׳האָבן געוווינט צו עטלעכע צענדליק יידישע משפחות, כדי דאָרט איבערצוהאַלטן די שווערע צייטן.

געוווינט האָבן די קלענערע יידישע וואַנדער־טרופּעס אין די אָרימע היימען פון די יידיש־פאַלקסטימלעכע בעל־מלאכות, קרעמער און ביי סתם גוטהאַרציקע „עמך"־יידן, וואָס האָבן „די בלאַנדזשענדע שטערן" אויפגענומען מיט אַ סך גוטסקייט און איבערגעבנקייט, ווי מען נעמט אויף אַנגעלייגטע אורחים.

נישט געקוקט אויף זייער אָרימקייט, פלעגן די דאָזיקע יידן אַרויסהעלפן די יידישע אַקטיאָרן מיט עסן, שלאָפן, און אַפילו מיט מזומנים. זיי האָבן, אגב, געוואָלט באַווייזן, אַז זיי זיינען נישט קיין „כניאַקעס" און חסידישע „פליאַסקע־דריגעס"; אַז זיי זיינען שוין אַביסל „באַוווסטזיניק" און אַז ס׳איז בכלל נישט קיין חטא, אויך אין די הייליקע סליחות־טעג צו קומען צו אַ יידישער טעאַ־טער־פאַרשטעלונג, ווייל אַזאַ געלעגנהייט מאַכט זיך בלויז איינמאָל אין יאָר אָדער איינמאָל אין צוויי־דריי יאָר!

אין אַזאַ טראַגישן „בין־הזמנים" — ס׳איז געווען אין די סליחות־טעג — בין איך געבליבן שטעקן מיט דעם רומענישן אַקטיאָר בערעלע ווייסמאַן און זיין פרוי אין דער סלאָוואַקישער הויפּט־שטאָט בראַטיסלאַווא, (פּרעסבורג אויף דייטש). דאָרט האָבן מיר געדאַרפט אָפּוואַרטן ביז נאָך סוכות, ווען מען וועט ברענגען אַ פרישע טרופּע אויפ׳ן נייעם ווינטער־סעזאָן פאַר אונזערע וואַנדערונגען איבער דער טשעכאָסלאָוואַקישער מדינה. די אַנדערע אַקטיאָרן זיינען זיך צעפאָרן, ווער אין דעם, ווער אין יענעם לאַנד אַריין, כדי זיך צו אַנגאַזשירן ביי אַנדערע טרופּעס.

בערעלע ווייסמאַן האָט אָבער נישט געהאַט קיין חשק צו וואַרטן עטלעכע וואָכן, ביז מען וועט צוזאַמענשטעלן די נייע טרופּע. ער איז צו מיר צוגע־

שטאָנען, אַז מיר זאָלן זאַלבעדריט זיך אַרויסלאָזן אויף אַ קורצער טורנע איבער די „טריפה׳נע״ שטעטלעך פון מערן, ווו מיר וועלן, לויט זיינע ווערטער, „שאַרן גאָלד אין די גאַסן״.

איך האָב מיך געלאָזט צורעדן און מיר זיינען אַרויסגעפאָרן.

אין אַ פרייטאָג פאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין דעם קליינעם מערישן שטעטל קיאָוו, בעסער באַקאַנט מיט זיין דייטשן נאָמען, גאַיאַ, פון וואַנען ס׳האָבן געשטאַמט אַ צאָל גאָר־פּראָמינענטע, יידיש־דייטשע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וועמענס נעמען זיינען באַרימט געווען אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע לענדער.

אין לאָז מיך אַרויס איבער די געסלעך פון קיאָוו ווו ס׳האָבן געלעבט לערך 400 יידישע נפשות, און פאַרבלאָנדזשעט אין שול אַריין. דאָרט האָב איך געטראָפן פונקט 10 יידן, אַלטע לייט, די „עשרה בטלנים״, וואָס די קהילה האָט געדונגען, כדי ס׳זאָל זיין אַ מנין לכבוד שבת. מען האָט זיי געצאָלט אַ געוויסן וואָכן־לוין, אַז טאָמער האָט אימיצער געהאַט יאָרצייט, אָדער געווען אַ קדיש־יתום, האָט ער געקאָנט דאַוונען בציבור. אַלע שטאַרק־אַסימילירטע קהלות אין דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי ווו דאָס יידישע לעבן האָט געגומען גיין באַרג־אַראָפּ, האָבן זיך אַזוי נוהג געווען.

צומאָרגנס, שבת אין דער פרי, גיי איך אין באַגלייטונג פון בערעלע וויסמאַן אין דער קליינער סינאַגאָגע. דאָרט טרעפן מיר אַן ערך דריי מנינים יידן, וועלכע ריידן טשעכיש און פאַרשטיין נישט קיין וואָרט יידיש, סיידן ס׳יידישע לשון איז פאַרבראַקט מיט די דייטשע „קמץ׳ן״ און פּתח׳ס״.

אַלס אורחים, האָבן מיר ביידע באַקומען עליות און געמאַכט די ברכות הויך אויפ׳ן קול, וואָס האָט ביי די אַנוועזנדע יידן אַרויסגערופן גרויס באַוווּנדערונג, ווייל געוויינטלעך פלעגן זיי נאָכזאָגן די ברכות פונ׳ם געדרוקטן טעוועלע, וואָס דער בעל־קורא, אָדער דער חזן, האָט געהאַלטן פאַר זייערע אויגן.

מיר האָבן דעם ראש־הקהל דערקלערט ווער מיר זיינען און דעם צוועק פון אונזער קומען אין שטעטל אַריין. מיר האָבן אים ביי דער געלעגנהייט געבעטן, אַז ער זאָל אויפ׳ן אָרט מכריז־ומודיע זיין, אַז ביינאַכט געבן מיר אַ פאָרשטעלונג אינ׳ם דאָרטיקן „יידישן קלוב״.

דער ראש־הקהל האָט מקיים געווען אונזער בקשה און מודיע געווען דעם עולם אויף טשעכיש, אַז אַ „זשידאָווסקע דיוואַדלאָ״ (יידיש טעאַטער) איז געקומען קיין קיאָוו. היות די הייליקע „זשידאָווסקע סוואַטקי״ (ימים־נוראים) זיינען אין אייניקע טעג אַרום, איז עס אַ מצווה און אַ חוב פון די יידישע בעלי־בתים, צו קומען צו דער „פּרזשעדסטאַוועניע״ (פאָרשטעלונג). און אין דעם זכות וועלן די יידן זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר . . .

נאָך אַזאַ אומפאַרהאָפטער רעקלאַמע פון סאַמאַראָדנעם ראש־הקהל זיינען מיר געווען מער ווי זיכער, אַז מיר האָבן גוט „אַריינגעשאָסן״, און אַזוי איז טאַקע געווען.

דער קליינער זאַל פון „יידישן קלוב" האָט אַריינגענומען לערך 100 מענטשן, אָבער בענקלעך זיינען דאָרט געשטאַנען בלויז פאַר 25. די יידן האָבן דעריבער געברענגט צו שלעפן מיט זיך אייגענע בענקלעך פון זייערע וווי־נונגען.

אין זאלעכל איז נישט געווען קיין בינע, נאָר אַ קליינער פּאָדיום פאַר אַ רעדנער. קיין פאָרהאַנג איז, נאַטירלעך, אויך נישט געווען, שוין אָפּגערעדט פון אַ קלאַוויר, אָדער אַ פּיאַנאָ.

דעם אמת געזאָגט, האָט דער ראש־הקהל, וואָס האָט אונז געמאַכט די פיינע רעקלאַמע, געמיינט, אַז ער אַנאָנסירט אַ טרופּע פון מערערע אַקטיאָרן. אויך דער עולם האָט געהאָפט צו זען אַ גרעסערע טרופּע, און נישט בלויז צוויי מענטשן — בערעלע וויסמאַן מיט זיין פרוי, ווייל איך האָב דאָך נישט געהערט צום חשבון.

איך בין קיינמאָל אין מיין לעבן קיין אַקטיאָר נישט געווען און האָב אויך נישט געהאַט קיין שוישפּילערישע אַמביציעס. אמת איז, אַז גאָר־זעלטן אין אַ פּיעסע, ווו ס׳איז געווען אַ קליינע עפּיזאָדן־ראָלע פון אַ דעטעקטיוו, אָדער אַ בריוו־טרעגער און ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל אָפּשפּילן די דאָזיקע „ראָלע", האָב איך מיך פאַר׳טרפה׳ט מיט אַן „אויפטריט" אויף דער בינע. איך וויל, למען־האמת, מודה זיין, אַז ווי קליין ס׳איז נישט געווען די עפּיזאָדן־ראָלע, וואָס מ׳האָט מיר אָנפאַרטרויט צו „דערלאַנגען", האָב איך זי געקווילעט אַן אַ מעסער . . .

ווען דאָס ליכט פון דער ראַמפּע האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן אַריין, האָב איך, געוויינטלעך, פאַרגעסן ווו איך האַלט אין דער וועלט און בין אַראָפּ פון דער בינע, אָן אַ „זיי־געזונט" צו מיין פאַרטנער אָדער פאַרטנערקע, וואָס איז געבליבן מיט אַ נישט פּאַסנדיקן רעפּליק אויף מיין זאָגעכץ . . .

ווען בערעלע וויסמאַן איז דער ערשטער אַרויף אויפ׳ן פּאָדיום און גע־נומען דערלאַנגען זיין „סחורה", האָט דער עולם אָנגעהויבן מאַכן באַמער־קונגען:

— מלוּאָווטע פּאָ טשעסקי (רעדט טשעכיש); „נע ראָזומיעמע זשידאָוו־סקעהאָ יאזיקאַ", (מיר פאַרשטייען נישט דאָס יידישע לשון), וכדומה.

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, ווען בערעלע וויסמאַן האָט אָנגעהויבן זינגען אַ לידל אָן מוזיקאַלישער באַגלייטונג, ווייל אין זאלעכל האָט זיך נישט געפונען קיין אינסטרומענט.

איך בין אַרויף אויפ׳ן פּאָדיום און אין נאָמען פון מיין „טרופּע", געבעטן דעם אויפגערייצטן עולם זיך צו באַרואיקן, אַנטשולדיקנדיק זיך, אַז צוליב שבת האָבן מיר נישט געקאָנט באַזאָרגן קיין קלאַוויר און אַז „די עוולה" וועט פאַרראַכטן ווערן בעת דער מאָרגנדיקער פאָרשטעלונג.

מיין דערקלערונג האָט דעם עולם נישט באַרואיקט. די יידן האָבן זיך כסדר געבונטעוועט, אויסלאָזנדיק דעם כעס צו מיר.

די שטימונג איז געוואָרן נאָך מער אָנגעצויגן ווען, צוליב עפּעס אַ סיבה, האָט בערעלע ווייסמאַן זיך אָנגעהויבן קריגן מיט זיין פרוי און זייערע קולות האָבן זיך אַריינגעריסן אין זאַלעכל אַריין, ווו דער עולם איז געזעסן און גע־וואַרט אויפ׳ן צווייטן אויפטריט.

בינו־לבינו האָט דער עולם זיך „געוואַשן״ צו מיר און מיך באַשאָטן מיט שאלות:

— טאַק צאַ יעסט ס׳וואַמי? (וואָס איז מיט אייך?) „פּראַטש נע וויסטור־פּויעטע?״ (פאַרוואָס טרעט איר נישט אויף?); פאַרוואָס איגנאָרירט מען זיי? וכדומה.

— איך בין אַ זינגער, — האָב איך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן מיין „קינסט־לערישן״ כבוד, און איך קאָן נישט זינגען אָן אַ קלאַוויר . . .

— אייער חבר האָט דאָך אקארשט געזונגען אָן אַ קלאַוויר, — האָבן די יידן זיך נישט געלאָזן שפּייען אין דער קאַשע, — און איר וועט אויך קענען זינגען אָן אַ קלאַוויר . . .

מיינע טענות און אַרגומענטן האָבן נישט געפּועלט. דער עולם האָט זיך געקאָכט און געפאָדערט צוריק דאָס געלט פאַר די בילעטן.

זעענדיק, אַז ס׳האַלט זער ביטער, האָב איך געמאַכט דעם פאַרצווייפלטסטן שריט אין מיין לעבן.

איך בין אַריין אין שכנות׳דיקן צימער, וואָס בערעלע ווייסמאַן און זיין פרוי האָבן באַנוצט אַלס זייער קינסטלערישע גאַרדעראָבע, האָב אַרויסגענומען אַ בלאַט נאָטן פון ווייסמאַנ׳ס רעפּערטואַר און בין אַרויף אויף דער „בינע״.

איך מאַך אַן עקספּערימענט און הויב אָן דעקלאַמירן, האָפנדיק צו ראַ־טעווען מיין רעפּוטאַציע אַלס נישט קיין זינגער, אָבער ס׳העלפט נישט! דער עולם ליאַרעמט און שרייט:

— ספּיוועיטע! (זינגט!).

אָבער וואָס „זינגט״ מען? גאָט איז מיין עדות, אַז איך קאָן נישט זינגען. איך קאָן אויך נישט לייענען קיין נאָטן, און מיין בלעטל נאָטן, וואָס איך האַלט אין דער האַנט, האָט נאָך מער צערייצט זייער אַפּעטיט . . .

אין מיין גרויסער פאַרצווייפלונג האָב איך מיך דערמאָנט אַ ליד, וואָס איך פלעג אונטערסופלירן דעם אַקטיאָר יונגווירט, ווען ער איז געווען אין אונזער טרופּע.

איך הויב אָן „זינגען״ מיט אַ סך האַרץ און געפיל, און קוק מכלומר׳שט אַריין אין די נאָטן, ווי „אַ האָן אין בני־אדם״! ווען איך האָב געענדיקט דאָס „זינגעכץ״, האָט דער עולם אָנגעהויבן שטאַרק צו אַפּלאָדירן, שרייענדיק:

— פּאָקראַטשוויטע! (נאָך אַמאָל) . . .

אַ שווייס איז מיר באַפאַלן. איך האָב מיך באַהערשט פון מיין אומפּאַר־האָפן „דערפאָלג״ און געבעטן אַנטשולדיקונג, באשר דאָס „זינגען״ אָן קלאַ־וויר־באַגלייטונג שטרענגט שטאַרק אָן מיין „שטימע״, וואָס איך מוז אָפּהיטן

לכבוד די ימים־נוראים, ווייל איך בין אַנגאַזשירט פון אַ גרעסערער „קילע״ (קהילה) אין בעמען אַלס חזן און איך מוז דעריבער שוינען מיין „חזנ׳ישע כלי״.

אַט דער אַרגומענט האָט יאָ געהאָלפן, און דער עולם האָט מיך באַפרייט פון דעם עונש.

ווען בערעלע וויסמאַן און זיין פרוי האָבן דערהערט וואָס מיט מיר איז געשען, ווי איך האָב „געזונגען״ פאַר׳ן עולם און מען האָט מיר אַפּלאָדירט, האָבן זיי זיך איבערגעבעטן און זיך שטאַרק צעלאַכט. זייער געלעכטער האָט מען געהערט אין זאַל, ווו מיט עטלעכע מינוטן פריער האָבן אָפּגעהילכט זייערע קולות און קללות, מיט וועלכע זיי האָבן זיך „קעגנזייטיק״ מכבד געווען אויפ׳ן אמת׳ן שטייגער.

אַלס פּועל־יוצא פון דעם „דערפאָלג״, וואָס מיר האָבן געהאַט דעם ערשטן אָוונט, האָט וויסמאַן געגומען מיט מיר איינ׳טענה׳ן, אַז מיר זאָלן פאַרבלייבן אין גאַיאַ נאָך אַ צוויי טעג. אָבער איך האָב אים געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן „לא״, און בין איינער אַליין אַוועק פון שטעטל, איבערלאָזנדיק דאָרט מיינע צוויי שותּפים, צוזאַמען מיט די „גאָלדענע גליקן״.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע און טאַקע ס׳לעצטע מאָל, אַז איך בין אויפגעטרעטן אין דער עפנטלעכקייט, „זינגענדיק״ אַ ליד און דער ליבער, „הויכגעשעצטער״ עולם, האָט מיך נישט פאַרשטייניקט . . .

---

## א גוי׳אישער „בעל־תוקע״ בלאזט שופר פון נאטן . . .

בעת מיינע וואַנדערונגען מיט אַ קליינער יידישער טעאַטער־טרופּע איבער די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון דער טשעכישער פּראָווינץ, האָבן מיר איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין דעם שיינעם, מאַלערישן שטעטל, מיט׳ן נאָמען נאַכאָד, וואָס ליגט האַרט ביי דער דייטשער גרענעץ פון זאַקסן.

אין דעם דאָזיקן שטעטל האָבן געוווינט לערך הונדערט יידישע נפשות, וואָס זיינען געווען שטאַרק אַסימילירט און זיי האָבן קוים געוווּסט, אַז זיי זיינען יידן. גערעדט האָבן זיי רק דייטש און באַצייכנט די יעניקע יידן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט ריידן דאָס דייטשע לשון, אַלס „פּאָלנישע״. ס׳איז פאַר זיי געווען אַ חרפּה, אַז די דאָזיקע יידן זיינען, לויט דער אָפּשטאַמונג, זייערע ברידער.

אין אָט דעם דאָזיקן שטעטל האָט אונז דער צופאַל פאַרוואָגלט, כדי צו שפּילן יידיש טעאַטער . . .

ס׳איז געווען האַרט פאַר ראש־השנה און מיר האָבן סיי־ווי נישט געהאַט קיין בעסערע שטעטלעך אין די שטאַרק־אַסימילירטע פּראָווינצן פון בעמען

און מערן, ווו מיר זאָלן איבערוואַרטן די שווערע, פאַר יידיש טעאַטער, ימים־נוראים צייט, ביז מיר וועלן זיך דערשלעפּן קיין סלאָוואַקיי, אָדער קאַרפּאַטאָ־רוס. דעריבער האָבן מיר די דאָזיקע עטלעכע וואָכן (פון חודש תמוז ביז נאָך יום־כיפור), געמוזט פּטר'ן אין די „טריפה'נע" מקומות פון בעמען און מערן, און מהנה זיין די דאָרטיקע אַסימילירטע יידן מיט יידיש טעאַטער, וועמענס לשון זיי האָבן אַפילו נישט פאַרשטאַנען.

אין דעם שטעטל נאכאַד איז געווען אַ קליינע סינאַגאָגע, וואָס פלעגט דאָס גאַנצע יאָר ממש פוסטעווען, ווייל ס'האָבן זיך נישט געפונען די נייטיקע צען יידן, וואָס זאָלן אין די שבתים צוזאַמענשטעלן אַ מנין. אָבער לכבוד ראש־השנה און יום־כיפור, ווען ס'איז די דאָרטיקע פאַר'גוי'אישטע יידן באַפאַלן אַ פּחד פאַר די הייליקע „פייערטאָגע", פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען אין דעם שולכל און דאָרט פאַרברייינגען עטלעכע שעה, כדי ביים רבונו־של־עולם זיך אויסצובעטן אַ „גוט קוויטל". איבעריקנס: זיי האָבן וועגן דעם נישט באַדאַרפן מתפלל צו זיין, ווייל זיי זיינען במילא געווען שטיין־רייך און דאָס זאַט־צופרידענע עשירות, האָט ווי אַראָפּגעשריען פון זייערע פּנים'ער.

דעם ערשטן אָוונט פון אונזער פאָרשטעלונג איז דאָס קליינע טעאַטערל געווען פוסט, ווייל די יידן זיינען נישט געקומען באַוואונדערן אונזער קונסט. ס'האָט זיי בכלל נישט אינטערעסירט קיין יידיש טעאַטער, קייגן וועלכן זיי האָבן געהאַט אַ נישט באַרעכטיקטן פאַרדאַכט און פאַראורטייל, און געקוקט אויף יידישע אַקטיאָרן ווי זיי וואָלטן געווען שלעפּערס, וואָס זיינען „באַפאַלן" זייער שטעטל זיי צו דערמאָנען, אַז זיי זיינען אויך יידן און זיי שטאַמען פון דער זעלבער יידישער גזע . . .

דער מיאוס'ער פינאַנציעלער דורכפאַל פון דער ערשטער פאָרשטעלונג, האָט שטאַרק פאַרערגערט אונזער ביטערע מאַטעריעלע לאַגע. מיר באַשליסן, אַז אַ דעלעגאַציע פון אונזער טרופּע זאָל זיך ווענדן צו דעם דאָרטיקן ראש־הקהל, אַז ער זאָל אונז אַרויסהעלפן מיט אַ פאָרשטעלונג, כדי מיר זאָלן האָבן אויף רייזע־הוצאות פאַר אונזער „עליה" אין אַן אַנדערן שטעטל, און צו באַצאָלן די חובות אין דעם האָטעלעכל, ווו מיר זיינען איינגעשטאַנען.

ווען מיר זיינען געקומען צום ראש־הקהל, וועלכער איז געווען אַ רייכער מעבל־פאַבריקאַנט, האָט ער אונז באַטראַכט מיט אַ ביטערן בליק און אָנגעהויבן צו שטעלן אַ ריי קלאָץ־קשיות, למשל:

„ווער פון אונזער „קילע" (קהילה), האָט געשיקט נאָך אייך, אַז איר זאָלט קומען קיין נאכאָד שפּילן יידיש טעאַטער?" והשנית, האָט דער קלוגער ראש־הקהל אויך געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער בכלל צו דעם ענין? ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעשעפּט זיינע טענות און שאלות, האָט ער אונז געוואָלט אָפּ'פּטר'ן מיט אַ נדבה'לע, כדי מיר זאָלן עוקר זיין פון שטעטל און אַ סוף זאָל עס נעמען.

ווען אונזער דעלעגאַציע האָט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ

נדבה, ווייל מיר זיינען נישט קיין שנאָרערס, איז דער ראש־הקהל געוואָרן שטאַרק אין כעס אויף אונזער געוואַגטער „חוצפה" און געפרעגט:

— וואָס־זשע דען ווילט איר?

— אַז די יידן פון אייער קהלה — האָבן מיר געענטפערט — זאָלן קומען צו דער היינטיקער פאָרשטעלונג און פון דער הכנסה וועלן מיר האָבן אויף הוצאות, כדי זיך אַרויסצוראַטעווען פון אייער שטעטל, וואָס האָט אונז אַזוי ביטער אַנטוישט . . .

„דאָס איזט יאָ אונמעגלעך!" האָט דער ראש־הקהל זיך אָנגעהויבן צו כעס'נען. — אונזער „קילע" פאַרשטייט נישט קיין „זשאַרגאָן" און זיי וועלן נישט קומען צו אייער פאָרשטעלונג.

פלוצים פרעגט אונז דער ראש־הקהל אַ פראַגע:

— קענען זי בעטן? (געמיינט דאַווענען).

— אוודאי קענען מיר בעטן, — האָב איך געענטפערט.

— און „בלאָזען" (בלאָזן) „שאָפאַר" (שופר) קענען זי אויך?

— געוויס קענען מיר שופר בלאָזן, — האָט געלויטעט מיין תשובה.

— דאַן איזט יאָ אַלעס אין דער בעסטער אָרדענונג, — האָבן אויפגעלויכטן די אויגן פון ראש־הקהל . . . דאַן זיינען מיר אַלע געראַטעוועט . . .

דער ראש־הקהל האָט פלוצים באַקומען אַ פריילעך פנים און אונז געהייסן זיך זעצן. פאַר גרויס פרייד האָט ער אונז אָנגעהויבן מכבד צו זיין מיט משקה און מיט ציגאַרן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פאָלגענדער מסחר:

דער ראש־הקהל האָט אונז געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז די גאַנצע טרופּע זאָל פאַרבלייבן אין שטעטל ביז נאָך די „הייליקע פייערטאַגע" און מיר זאָלן אָנפירן מיט'ן „גאָטעס־דינסט" אין דער סינאַגאָגע, ווייל זיי האָבן נישט קיין חזן. דער צופאַל האָט אויך אַזוי צוגעפירט, אַז דער בעל־תפילה, וואָס זיי האָבן געהאַט באַשטעלט פון פראַג, האָט פלוצים אָפּגעזאָגט און די יידן פון נאכאָד זיינען געבליבן, אַזוי צו זאָגן, אויפ'ן מים . . .

דער אַקטיאָר לעאָפּאָלד יונגווירט, וואָס איז געווען דער ראש פון אונזער דעלעגאַציע, האָט פאַר דעם ראש־הקהל געוואָלט באַווייזן, וואָס פאַר אַ שיינע שטימע ער פאַרמאָגט, האָט ער פאַר גרויס פרייד זיך צעפאָלצעוועט מיט אַ „בראש השנה יכתבון", מיט אַ „ובכן תן פחדך" און מיט אַנדערע חזנ'ישע שטיקלעך, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ פאַרבאָרגענע טרער ביים ראש־הקהל. אפנים, זיך דערמאָנט אין דער צייט פון זיינע יונגערע יאָרן, ערגעץ אין אַ פרומען יידישן שטעטל אין דער פּראָווינץ פון מערן, ווו אַלץ איז אַמאָל געווען אַזוי יידיש, אָבער די צייט און די סביבה, בעיקר זיין עשירות, האָבן ביסלעכווייז אויסגעוועפּט דעם יידישן ניצוץ פון זיין האַרץ און נשמה. אָבער אַ צופאַל האָט אים אָפּגעטון אַ שפּיצל: קומען יידישע אַקטיאָרן אין זיין שטעטל אַריין און אַ „ומפּני חטאינו", געזונגען פון אַ יידישן אַקטיאָר, האָט אין אים אויפגעוועקט דאָס „פּינטעלע ייד" . . .

ענדלעך גיט אונז דער ראש־הקהל אַ פרעג:

— מה־יקר?״ דאָס הייסט — וואָס ווער דאָס עסק קאָסטן?

— דריי טויזנט טשעכישע קראָן, — האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ ציפער . . .

— מיט „שאָפאַר בלאָזן?״ — וויל ער וויסן . . .

— מיט שופר־בלאָזן, — וואַרפט אַריין יונגווירט אַ וואָרט, — וועט דער עסק קאָסטן פינף טויזנט קראָן, און מאַכט מיר אַ פּאָרוואָרף מיט אַ בליק פון זיין אויג, וואָס האָט באַטייט: „שוטה, וואָס דו ביזט! ווען דו זאָגסט צען טויזנט קראָן, וואָלט דער יאַלד׳ישער ראש־הקהל אויך מסכים געווען . . .

דער ראש־הקהל איז, מעשה סוחר, געבליבן אַביסל קאַלט צו דער אים אָנגעבאָטענער סומע און נאָך אַ ווײַלע געענטפערט:

— מסכים. דאָ האָט איר טויזנט־קראָן האַנטגעלט און נעמט זיך צו דער אַרבעט.

מיט דעם טויזנט קראָן באַנקנאָט גייען מיר צוריק אין אונזער האָטעלכל און ס׳איז ליהודים! אויף אַזאַ אומפאַרהאָפטן נס מן־השמים, האָבן מיר אַפילו נישט געוואַגט צו חלומ׳ען! אָט זיינען מיר געגאַנגען צום ראש־הקהל בעטן, אַז ער זאָל אונז אַרויסהעלפן פון דער ביטערער לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך, און אָט ווערן מיר גאָר אויפגעריכט מיט אַ טויזנט קראָן באַנקנאָט אַלס אַ האַנט־געלט און עס דערוואַרט אונז חוצדעם נאָך אַ פאַרדינסט פון 4 טויזנט קראַנען . . .

מיט אונזער עברי איז יאַקאָש געווען אין אָרדענונג. די אַקטיאָרן האָבן אַריינגעקוקט אין די מחזורים און אויפגעפרישט אין זייער זכרון די תפילות פון אונזערע ימים־נוראים. די פראַגע איז אָבער געווען: — וואָס וועט זיין מיט אַ בעל־תוקע? ווער פון אונז זאָל שופר בלאָזן? דער ראש־הקהל האָט דאָך אונז דערלייגט צוויי טויזנט טשעכישע קראַנען, ספּעציעל פאַר דעם בעל־תוקע . . .

מיט אונזער טרופּע איז מיטגעפאָרן אַ קריסטלעכער קאַפּעלמייסטער, וועלכער איז געווען באַהאַונט מיט די נאָטן פון שופר־בלאָזן, וועמענס טענער ער פלעגט אָפט באַנוצן אין די פאַרשיידענע לידער, וועלכע פלעגן געזונגען ווערן אין די פּיעסן, וואָס מיר האָבן אויפגעפירט.

אָט דער קריסטלעכער קאַפּעלמייסטער האָט מסכים געווען, אַז ער וועט אונז אַרויסהעלפן פון דער צרה און בלאָזן שופר אין דער סינאַגאָגע פון דעם שטעטל נאכאַד . . . מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס מצרף זיין אַ קריסט פאַר דעם הייליקן צוועק, איז נישט אין אָרדנונג; אַז דאָס איז, זאָל אונז גאָט מוחל זיין, פּראָפאַנאַציע. אַ צווייטער אמת איז, אַז דער זעלבער קריסטלעכער קאַ־פּעלמייסטער, איז יאָרן־לאַנג געווען אַן אָרגל־שפּילער אין אַ „רעפאָרם־סינאַגאָגע״ און ער איז אויך געווען אויסגעקאָכט אין די יידיש־ליטורגישע נגונים. ער פלעגט שפּילן די חזנ׳ישע „שטיקלעך״ פון גרשון סיראָטאַ, זיינ־

וועל קווארטין, יאָסעלע ראָזנבלאַט און פון אַנדערע חזנים. פונדעסטוועגן — ווי אויסגע׳ייד׳לט דער ערל איז געווען, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געוואַגט צו בלאָזן שופר אין אַ סינאַגאָגע . . .

לעאָפּאָלד יונגווירט האָט דעם גוי גענומען אין דער „אַרבעט״ און מיט אים אָנגעהויבן איינצוקנעלן דאָס שופר־בלאָזן. ער האָט אויפגעשריבן די נאָטן פון שופר־בלאָזן און דער ערל האָט רעפּעטירט דעם „תקיעה, שברים, תרועה, מיט׳ן תקיעה גדולה״, ווי אַן אמת׳ער בעל־תוקע . . .

מיר האָבן אַרויסבאַקומען פון דער סינאַגאָגע דעם שופר, וואָס איז דאָרט געלעגן באַהאַלטן, איינגעוויקלט אין אַן אַלטן טלית, און דער גוי האָט אָנגע־הויבן צו אַרבעטן מעשים! עטלעכע מאָל אין טאָג האָט ער געמאַכט די גע־העריקע „רעפּעטיציעס״ און אַלץ איז צוגעגאַנגען ווי געשמירט.

ווען מיר האָבן אין גאַס באַגעגנט יידן פונ׳ם שטעטל, וואָס האָבן געהערט די רעפּעטיציעס פון שופר־בלאָזן האָבן זיי זיך באַ׳נחת׳ט און דערקלערט, אַז אַפילו אַ ראַבינער וואָלט נישט געקאָנט אַזוי „בלאָזן״ ווי עס באַווייזט אונזער קאַפּעלמייסטער . . .

פאַרשטייט זיך, אַז די יידן האָבן נישט געוווּסט פון דעם גרויסן סוד, אַז אונזער קאַפּעלמייסטער איז נישט קיין ייד, און אַז זייער בעל־תוקע וועט זיין אַן ערל. איבעריקנס: ווען זיי וואָלטן אַפילו יאָ געוווּסט, וואָלט עס ביי זיי אויך נישט געווען קיין אומגליק. דער עיקר, אַז עס ווערט „געבלאָזן״ . . .

אונזער „לאַבעשניק״ (קלאַוויר־שפּילער), איז געווען אַ שיכור, מ׳קען זאָגן — אַ גרויסער שיכור, וועלכער פלעגט זיין גאַנצע שכירות פאַרזשליאָקען, נאָך איידער ער האָט באַקומען אויסגעצאָלט זיין טעגלעכן האָנאָראַר. אָפטמאָל פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן און מיר האָבן אים, ערב דער פאָרשטעלונג, גע־מוזט אויפזוכן ערגעץ אין אַ שענקל, ווו ער איז געווען טויט־שיכור. אָבער בעת דער פאָרשטעלונג, ווען ער האָט געזאָלט שפּילן אויפ׳ן קלאַוויר, פלעגט ער זיך האַלטן אין דער מדרגה און זיינע פינגער האָבן אויף די קלאווישן פונ׳ם קלאַוויר זיך באַוויגן ווי אַ וויכער! דער גוי האָט אין זיך פאַרמאָגט אַ מוזיקאַלישע נשמה און איז ממש געווען פאַרליבט אין יידישן טעאַטער און אין די יידישע פּיעסן וואָס מיר האָבן אויפגעפירט.

ווען מיר האָבן אים אָנפאַרטרויט די מיסיע צו זיין דער „בעל־תוקע״, האָבן מיר אים געבעטן רחמים, אַז ער זאָל נישט שיכור׳ן, כדי מיר זאָלן, חלילה, נישט ליידן קיין מאָראַלישן דורכפאַל. דער גוי האָט אונז פאַרזיכערט, אַז ער וועט אין נאכאַנד נישט טועם זיין דעם ביטערן טראָפּן און ער האָט טאַקע נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ כוסה. אַ פאַקט, אין וועלכן ער גופא האָט נישט געגלויבט . . .

ווען ס׳איז געקומען צום גרויסן מאָמענט ווען מ׳דאַרף בלאָזן שופר, האָט אין דעם קליינעם שולעכ׳ל געהערשט אַ טויטע שטילקייט. אַלעמענס בליקן זיינען געווען קאָנצענטרירט צום קליינעם באַלעמערל, ווו מיר, די „טרופּע״ פון

6 מענטשן, זיינען געשטאַנען און, אַזוי צו זאָגן, געבילדעט דעם כאָר. לעאָ־פאַלד יונגווירט איז געווען דער בעל־תפילה. מיר אַלע זיינען געשטאַנען אַרום אים און פאַרשטעלט דעם גוי, וועלכער איז אויך געווען איינגעהילט אין אַ טלית . . .

אויפ׳ן שולחן איז געלעגן אַ בלאַט מיט נאָטן און יונגווירט האָט דעם גוי „סופלירט" דאָס שופר־בלאָזן . . .

— תקיעה . . . שברים . . . תרועה . . . — — — — — —

למען האמת מוז איך דאָ מודה זיין, אַז דער ערל האָט געבלאָזן שופר, ווי אַן אמת׳ער בעל־תוקע . . . ווען ער האָט געהאַט פאַרענדיקט די „אַרבעט", האָבן שוויס־טראָפּנס גערונען פון זיין פאַררויטלטן פנים . . . אַזוי איינגע־לעבט האָט ער זיך אין דעם שופר בלאָזן און פון זיינע אויגן האָט געלויכטן עפּעס אַ מין פייערל פון נצחון, אַז ער האָט אונזער טרופּע נישט פאַרשעמט.

„שקויאַך" (יישר־כח) — האָבן די יידן מיט באַגייסטערונג גראַטולירט דעם „בעל־תוקע" . . . „וווּנדערבאַר געבלאָזן" . . . „אויסגעצייכנט" . . .

שווערע שטיינער האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון אונזערע הערצער . . . איבערגעקומען בשלום פאַר דעם, אויף וואָס מיר האָבן אַממייסטן זיך געשראָקן.

* * *

צו אונזער אָפּשיד־פאָרשטעלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין טעאַטער, זיינען געקומען אַלע יידן מיט זייערע פרויען און קינדער, אָנגעטון אין זייערע שענסטע קליידער, ווי צו אַ גרויסן יום־טוב. דער ראש־הקהל מיט׳ן פּרעזידיום פון זיין „קילע", זיינען געזעסן אין דער ערשטע רייע, ווי די מחותנים אויף אַ שמחה און האָבן געשטראַלט פון נחת.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט, וואָס האָט געדויערט ביז אין דעם גרויען פרימאָרגן. אַחוץ די דרשות, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן לכבוד דער טרופּע און לכבוד דעם יידישן טעאַטער, זיינען מיר אויך באַ־שאָנקען געוואָרן מיט אַ סך מתנות.

דער ראש־הקהל האָט אונז געוואָלט געבן אַ „קאָנטראַקט" אויף עטלעכע יאָר, אַז מיר זאָלן קומען קיין נאַכאַד לכבוד די ימים־נוראים און זיי מהנה זיין מיט „בלאָזן שאָפאַר".

אויף וויפיל איך ווייס, האָט קיין שום יידישע טעאַטער־טרופּע מער נישט פאַרבלאָנדזשעט אין דעם בעמישן שטעטל נאַכאַד, וועמענס יידישע איינ־וווינער זיינען נישט פאַרשוינט געוואָרן פונ׳ם היטלערישן שטורם. דער נאַ־צישער מבול האָט זיי, מיט קליינע אויסנאַמען, פאַרטיליקט, ווי פאַרטיליקט ס׳זיינען געוואָרן די הונדערטער יידישע קהילות אין די טשעכאָסלאָוואַקישע פּראָווינצן פון בעמען, מערן, שלעזיע, סלאָוואַקיי און קאַרפּאַטאָרוס.

## אמאל האט ער געקוקט „אראפּ“ און איצט קוקט ער „ארויף“

איין מאָל אין יאָר פלעגט אונזער טרופּע פאָרפאָרן אין דעם קליינעם סלאָוואַקישן שטעטל מיכאלאָווצע, ווו מיר האָבן געוויינטלעך געגעבן פינף פאָרשטעלונגען.

מיט אונזער טרופּע איז דעמאָלט מיטגעפאָרן די ווינער יידישע אַקטריסע, סאלטשע וויינבערג, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך.

מיר האָבן אין יענע יאָרן אויפגעפירט פּיעסן פון אברהם גאָלדפאַדנס רעפּערטואַר, וואָס די יידן האָבן שטאַרק ליב געהאַט. היות סאלטשע וויינבערג איז געווען אַ „געשפּילטע“ אין „שולמית“, „עקידת יצחק“, „בר־כוכבא“ און אין אַנדערע פּיעסן, וועמעס ראָלן זי האָט געקאָנט כמעט אויסנווייניק, האָבן מיר זי מיטגענומען, ספּעציעל פאַר דעם דאָזיקן רעפּערטואַר.

ווען איך בין אַ טאָג פאַר דער פאָרשטעלונג אָנגעקומען קיין מיכאלאָווצע האָב איך, צו מיין גרויסער איבעררא‍ַשונג און פרייד, פעסטגעשטעלט, אַז דער פאָר־פאַרקויף פון די בילעטן איז אַ גאָר גוטער, בעסער ווי איך האָב דער־וואַרט; אַז די ערשטע צוויי רייען צו דער בינע זיינען אויסגעקויפט געוואָרן פאַר אַלע פינף פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען אַנאָנסירט געווען אין די אַפישן.

דעם ערשטן אָוונט איז געשפּילט געוואָרן „שולמית“, מיט פרוי סאלטשע וויינבערג אין דער הויפּט־ראָלע.

נישט געקוקט אויף איר עלטער, ספּעציעל פאַר דער ראָלע, האָט זי אָבער גאָר שיין געזונגען די האַרציקע געזאַנגס־נומערן. זי איז דעמאָלט, הגם שוין אַ באָבע פון עטלעכע אייניקלעך, נאָך געווען אַ שיינע פרוי, וועמענס נישט געשמינקט פּנים האָט געלויכטן ווי די זון און איר גוטע פיגור האָט איר צוגע־געבן אַ מאַיעסטעטיש אויסזען.

קיינער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז זי איז שוין אַזוי אַלט, און אַרום איר פלעגן זיך נאָך שאַרן פאַרשיידענע „יאָלדן“, וואָס האָבן זי שטאַרק פאַרערט.

בעת דער פאָרשטעלונג פון „שולמית“ איז זי באַשאָנקען געוואָרן מיט בלומען און מיט טייערע מתנות, וואָס זיינען איר דערלאַנגט געוואָרן אויף דער אָפענער בינע.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז אין דעם האָטעל ווו די טרופּע האָט געוווינט, פאָרגעקומען אַ גרויסאַרטיקער באַנקעט, וואָס די דאָרטיקע „טעאַטער־פאַ־טריאָטן“ (פון די ערשטע רייען פאַר דער בינע), האָבן געגעבן פאַר דער גאַנ־צער טרופּע, בעיקר אָבער לכבוד סאלטשע וויינבערג, וועלכע איז געזעסן אויבן אָןביים טיש און האָט געשעפּט נחת פון איר דערפאָלג.

סאלטשע וויינבערג, וועלכע פלעגט אָפט זיך דערמאָנען אין די גליקלעכע צייטן, ווען זי האָט גאַסטראָלירט אינ׳ם בודאַפּעשטער קאַבאַרעט „אָרפעאום“,

ווו אונגאַרישע אָפיצירן, גראַפן און באַראָנען פלעגן פשוט „משוגע ווערן פאַר אירס אַ בליק" און האָבן, אַלס אויסדרוק פון זייער דזשענטלמעניש ער אונטער־טעניקייט, געטרונקען שאַמפּאַניער פון אירע שיכלעך, האָט אויך בעת'ן באַנ־קעט זיך דערמאָנט אין די בודאַפּעשטער צייטן מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק . . .

דאָס זעלבע האָט זיך אויך איבערגע'חזר'ט צומאָרגנס, און אין די אַלע טעג פון די פאַרשטעלונגען. ווען סאַלטשע איז אויפגעטרעטן, האָבן די יידן און זייערע פרויען, וואָס זיינען געזעסן אין די ערשטע רייען נאָענט צו דער בינע, איר שטאַרק אַפּלאָדירט און באַשאָנקען מיט מתנות. נאָך דער פאַרשטעלונג—אַ באַנקעט מיט די טייערסטע מאכלים, און שאַמפּאַניער האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער!

* * *

אַרום סאַלטשע וויינבערג האָט זיך „געדרייט" איינער פון די אָנגעזעענ־סטע טעקסטיל־סוחרים פון מיכאַלאָווצע, וועלכער האָט נישט געמאַכט קיין געהיימניש פון זיין גרויסער פאַרערונג, וואָס ער האָט אַזוי אָפן, אויף אַ ממש פּראָוואָצירנדיקן אופן, אַרויסגעוויזן צו סאַלטשען; אויך זיין פרוי, זיינע פריינט און באַקאַנטע האָבן דערפון געוווּסט. אויף די באַנקעטן האָט ער זיך מודה געווען, אַז „דאָס זיינען די שענסטע טעג אין זיין לעבן און אַז ער פילט זיך ווי ניי־געבוירן" . . .

אַחוץ די שיינע מתנות, וואָס דער דאָזיקער ייד האָט סאַלטשען דערלאַנגט אויף דער בינע, האָט ער זי אויך פאַרבעטן צו קומען אין זיין געשעפט אַריין, כדי זי זאָל זיך אויסקלייבן וועלכע זאַכן זי וויל, פאַר אומזיסט, פאַרשטייט זיך. סאַלטשע איז נישט געווען פויל און איז יעדן טאָג געקומען אין געשעפט פון איר פאַרערער, כדי דאָרט זיך אויסצוקלויבן דאַמען־קליידער, מלבושים פאַר איר מאַן, פאַר די קינדער און אַפילו פאַר אירע אייניקלעך, און די זאַכן זיינען טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין ווין.

די אַקטיאָרן, בעיקר די אַקטריסעס אין דער טרופּע, האָבן צווישן זיך אָנגעהויבן צו פּליאַטקעווען און צו שושקען, אַז „עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק" מיט סאַלטשע'ן; אַז איר „יאָלדישער פאַרערער" איז נישט משוגע געוואָרן, געבנדיק איר אַזעלכע טייערע מתנות; אַז צווישן „זיי" קומט עפּעס פאַר, וכדומה. אַי, דער „יאָלד" איז מיט אַ 25 יאָר יונגער פון סאַלטשע וויינבערג, אַז ער האָט אַ שיינע, יונגע פרוי, מיט וועלכער ער איז גליקלעך און ער האָט אויך אַ קינד, דאָס — האָבן געטענה'ט אונזערע אַקטריסעס — איז אַ תירוץ „פאַר די בענטש־ליכט", ווייל פאַרליבטע מענטשן זיינען בלינד און זיי מיינען, אַז גראַד זיי זיינען ווייט־זיכטיק . . .

ענדלעך איז געקומען דער לעצטער אָוונט פון אונזערע גאַסטראָלן אין מיכאַלאָווצע. קומט צו מיר סאַלטשע וויינבערג'ס „יאָלד" מיט אַ פראַגע, צי

ס׳איז נישט מעגלעך צו פאַרלענגערן דאָס גאַסטשפּיל אויף לפּחות נאָך צוויי פאָרשטעלונגען ?

אויף מיין תשובה, אַז מיר דאַרפן מאָרגן אָנהויבן שפּילן אין אַ שכנות׳דיק שטעטל, ענטפערט ער, אַז ער וועט אונזער טרופּע פאַרגיטיקן פאַר דעם מאַטעריעלן שאָדן, וואָס מיר וועלן ליידן, אויב מיר וועלן געבן נאָך צוויי פאָר־שטעלונגען אין מיכאלאָווצע. דער „יאָלד" גיט מיר אַ געוויסע סומע האַנט־געלט און מיר פאַרבלייבן אויף נאָך צוויי פאָרשטעלונגען אין שטעטל.

עס חזר׳ט זיך איבער דאָס זעלבע, וואָס אין די פאַרגאַנגענע פינף טעג: סאלטשע וויינבערג ווערט כסדר באַשאָנקען מיט בלומען און מיט מתנות אויף דער בינע. נאָך דער פאָרשטעלונג — אַ באַנקעט אין האָטעל. די מיטגלידער פון דער טרופּע זיינען טויט־מיד פון די כסדר׳דיקע הוליאַנקעס, און סאלטשע האַלט אין איין שיקן קיין ווין נייע טראַנספּאָרטן מיט וועש, קליידער, שיך, מאַנטלען און אַנדערע זאַכן, וואָס דער „יאָלד" גיט איר.

ענדלעך איז געקומען דער אָוונט פון דער לעצטער פאָרשטעלונג, און מיר באַנקעטעווען ביז פאַרטאָג, אונטער דער באַגלייטונג פון אַ ציגיינער־קאַפּעלע.

ווען ס׳האָט שוין געהאַלטן ביי „נעילה" פון די צעבאַלעוועטע ימים־טובים, וואָס מיר האָבן געפּראַוועט אין דעם שטעטל, איז אויפגעשטאַנען דער „יאָלד" און האָט פאַר אונז מגלה געווען דעם גרויסן סוד פון זיין גרויסער פאַרערונג צו סאלטשע וויינבערג; אַ „סוד", וואָס האָט אים אָפּגעקאָסט עט־לעכע שיינע טויזנטער טשעכישע קראָן. אָבער ס׳האָט פאַר אים די ווערט געהאַט! ס׳איז פאַר אים געווען די גרעסטע סאַטיספאַקציע, אַז ער האָט גע־קאָנט מקיים זיין אַ נדר, וואָס ער האָט געגעבן זיך גופא, נאָך מיט צוויי צענד־ליק יאָר צוריק.

און ער דערציילט פאָלגענדעס:

„ווען איך בין געוואָרן אַ בר־מצווה בחור׳ל, האָבן מיינע אָרימע עלטערן מיך געשיקט צו מיינעם אַ קרוב קיין בודאַפּעשט, כדי ער זאָל פון מיר מאַכן אַ לייט און מיך אָפּגעבן צו אַ יידישן שניידער, וועלכער זאָל מיך אויסלערנען די מלאכה.

„אַמאָל האָט מיין שניידער־מייסטער מיך מיטגענומען אין בודאַפּעשטער „אָרפעאום"־טעאַטער, וווּ ס׳איז אויפגעטרעטן סאלטשע וויינבערג מיט אירע יידישע לידלעך און שאַנסאָנען, וועמעס טעם ליגט מיך נאָך עד־היום אין מויל.

„זינט יענעם טאָג בין איך געוואָרן אַ שטענדיקער באַזוכער פון דעם טעאַטער, ווו פרוי וויינבערג האָט משמח געווען דעם עולם. איך האָב גע־שפּאָרט אַ גראָשן צו אַ גראָשן און בין יעדן שבת און זונטאָג געגאַנגען באַ־וווּנדערן די שיינע יידישע אַקטריסע, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַזאַ גרויסן, פאַנטאַסטישן דערפאָלג אין דער אונגאַרישער הויפּטשטאָט.

„פאַרשטייט זיך, אַז געגאַנגען בין איך אויף דער גאַלעריע, ווייל מיינע

מאַגערע אָפּשפּאָרונגען האָבן מיר נישט דערלויבט צו זיצן אונטן, נעבן דער בינע.

„אַמאָל, זייענדיק אויף דער גאַליאָרקע, האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגליסט צו זיין נאָענט צו דער בינע, כדי איך זאָל בעסער קענען זען דאָס שיינע, ליכטיקע פּנים פון סאַלטשע וויינבערג, וועמעס אויסזען האָט מיך דעמאָלט, אַלס אַ יינגל, ווי פאַר׳כישופ׳ט! איך האָב מיר אַ נדר געגעבן, אַז ווען גאָט וועט מיר העלפן און איך וועל מאַטעריעל זיין בכח צו זיצן בעת אַ יידישער טעאַטער־פאָרשטעלונג אין דער ערשטער ריי, נאָענט צו דער בינע, וועל איך זיין דער גליקלעכסטער מענטש.

„יאָרן זיינען פאַרגאַנגען, — דערציילט ווייטער דער „יאָלד" (וועלכער איז, לויט זיין גרויסן עשירות, גאָרנישט געווען אַזאַ יאָלד . . .) — און איך האָב נישט פאַרגעסן מיין נדר, וואָס איך האָב געגעבן מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק אין בודאַפּעשט.

„און פּלוצלינג איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט מיך געמאַכט אויפציטערן:

„ווען איך האָב מיט עטלעכע טעג צוריק באַמערקט אין די גאַסן אַפישן, אַז אַ יידישע טעאַטער טרופּע קומט גאַסטראָלירן קיין מיכאַלאָווצע און ס׳וועט אויפגעפירט ווערן „שולמית", מיט פרוי סאַלטשע וויינבערג אין דער קרוין־ראָלע, האָב איך אין דעם פאַקט געזען אַ צייכן פון גאָט, וועלכער וויל מיך אויספּרוּוון אין מיין נדר . . .

„אָט, רבותי, —האָט דער „יאָלד" פאַרענדיקט זיין קליינע „ווידוי", — דאָס איז געווען דער סוד פון מיין נדר: אנשטאָט אַראָפּצוקוקן פון דער גאַ־לעריע אויף דער בינע, האָב איך איצט אַרויפגעקוקט אויף דער בינע" . . .

ס׳איז געווען אַ ממש פּאַטעטישע „ווידוי" פון די אַמאָליקע, טייערע און ליבע „פּאַטריאָטן" פון יידישן טעאַטער, וועלכע מ׳זעט שוין נישט מער!

# א סופליאר געפּעלט נישט די פּיעסע און לאזט פאלן דעם פאַרהאַנג

אין זומער, 1925, האָט די „שטראַמער טרופּע" (וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך), גאַסטראָלירט אין די באַרימטע טשעכישע קור־ערטער, קאַרלסבאַד און מאַריענבאַד.

צענדליקער טויזנטער מענטשן פון אַלע וועלט־טיילן פלעגן קומען אין די דאָזיקע שטעט, נישט בלויז לשם קוראַציע, נאָר אויך כדי צו געניסן פון אַביסל עולם־הזה'דיקייט, וואָס מען האָט דאָרט באַקומען בשפע. מען פלעגט קומען אין די דאָזיקע קור־ערטער, כדי צו קורירן פאַרשיידענע קראַנקהייטן: קעגן אַסטמאַ, גאַל און נירן; קעגן פעט־לייביקייט און — פאַרקערט — צו געווינען אַביסל וואָג אויף זייערע אָפּגעצערטע גופים. די דאָרטיקע וואַסער־קוואַלן און הייל־בעדער, זיינען אויך געווען גוטע רפואות קעגן כל־ערליי אַנדערע מיחוש'ן.

קאַרלסבאַד און באַריענבאַד ליגן צווישן הויכע בערג און טאָלן און אויף זייערע רוקנס הענגען ממש די פּרעכטיקע, לוקסוסדיקע האָטעלן און פּענסיאָנאַטן, אין וועלכע ס'זיינען געווען איינקוואַרטירט מענטשן פון אַלערליי אומות און אמונות.

אויך אחינו־בני־ישראל, רביים און רבנים, כל־ערליי חסידים מיט זייערע הויז־געזינטן, זיינען געווען צווישן די אינטערנאַציאָנאַלע אורחים, וואָס האָבן די זומער־חדשים פאַרברענגט אין די באַטרעפנדע קור־ערטער. די רביים האָבן געוווינט אין די דאָרטיקע, שטרענג־פרומע יידישע האָטעלן, און געפּראַוועט „טיש", צו וועלכע ס'פלעגן קומען אָרימע און גאָר רייכע חסיד'ישע אַנהענגער זיך אויסצובעטן ביי זייער רבי'ן אַ „רפואה שלימה" און פאַר דער ברכה, וואָס זיי האָבן באַקומען, האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ גוטן פּדיון.

קאַרלסבאַד און מאַריענבאַד איז אויך געווען אַ מין אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענטרעף פון יידישע פּאָליטיקער, שרייבער, אַקטיאָרן, קינסטלער און מוזיקער, אַרום וועלכע ס'פלעגן זיך אַרומשאַרן די אויפגעקומענע יידישע גבירים, וואָס האָבן, מעשה גוט־ברודערשאַפט, זיך געלאָזט קאָסטן אַ געוויסע סומע לטובת די „אָרימע יידישע קינסטלער".

די דאָזיקע גוט־ברודערשאַפט פלעגט דאַן ווערן קאָמפּענסירט מיט אַ געמיינזאַמער „פאָטאָגראַפישער אויפנאַמע" ביים קאַרלסבאַדער „שפּרודל", אָדער אויף דער מאַריענבאַדער „קאָלאָנאַדע", ווו דער עולם פלעגט, אונטער דער באַגלייטונג פון מוזיק, שפּאַצירן מיט די אָנגעפילטע גלעזער „שפּרודל־וואַסער", ווי זיי וואָלטן געווען גאָר חשוב'ע געסט.

אין די דאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע קור־בעדער האָט אויך געווימלט מיט כל־ערליי האָכשטאַפּלער, גנבים, זונות און מיט אַנדערע שלעק, וואָס פלעגן

קומען פון אַלע וועלט־עקן, כדי אָפּצולעקן אַ ביין פון די רחבות׳דיקע טישן ווו ס׳האָבן געוווינט די רייכע פאַבריקאַנטן, סוחרים און סתם „אַלרייטניקעס״, וואָס האָבן פּאַראַדירט מיט זייער עשירות.

דאָס, לפי ערך, איז געווען דער סדר־עולם אין קאַרלסבאַד און מאַריענבאַד, וואָס האָט געגאָלטן אַלס אַ מין מעטראָפּאָליע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער „לעבע־וועלט״ . . .

אין אַ געוויסן טאָג, האָט אין מאַריענבאַד זיך באַוויזן דער יידישער אַקטיאָר דזשוי קעסלער, וועלכער האָט אונז דערציילט, אַז ער איז געקומען קיין מאַריענבאַד, נישט בלויז כדי צו פּראַוון קוראַציע, ווייל לעולם, איז ער געזונט־הייטלעך „אָ־קעי״. עס פעלט אים חלילה גאָרנישט. נאָר ער האָט אַ שטאַרקע אַמביציע זיך צו באַווייזן פאַר דעם מאַריענבאַדער יידישן עולם אַלס אַ גרויסער „עקטאָר״ אין אַ „שאָו״ (פּיעסע), פון וועלכער זיי וועלן די „פינגער לעקן״.

פון זיינע דיקע, פליישיקע פינגער האָבן געפינקלט עטלעכע בריליאַנטענע רינגען, וואָס האָבן געזאָלט באַשטעטיקן, אַז ער איז נישט קיין אַנדערער ווי דער סאַמאָראָדנער „דזשוי קעסלער״, מיט די ביינער, „יו־נאָו״ . . .

אין אַ צוויי טעג אַרום איז גאַנץ מאַריענבאַד פאַרפלייצט געוואָרן מיט ריזיק־גרויסע אַפישן, וועלכע ער האָט געבראַכט מיט זיך און אויף וועלכע ס׳איז געווען „אָפּגעפּאָרטרעטלט״ די אמת׳ע ברייט און די לענג פון דזשוי קעסלער, בכבודו־ובעצמו. דאָן אַ מודעה אין גרויסע אותיות, אַז „דער וועלט־באַרימטער און דער גרעסטער יידישער „עקטאָר״ פון „אַלע צייטן״, דער „לויכטענדיקער שטערן״ פון די גרעסטע יידישע בינעס אין אַמעריקע, ענגלאַנד, פּאַריז, וואַרשע, בוקאַרעשט און פון אַנדערע לענדער, וועט מהנה זיין די יידישע „פּובליק״ פון מאַריענבאַד מיט אַ „העכסט־קינסטלערישער פּראָדאַקשן״ — „דער טיגער״, אַ באַרימטע פּיעסע, וואָס איז יאָרן־לאַנג געשפּילט געוואָרן אויף די יידישע בינעס אין דער גאָרער וועלט״.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אַפילו דער גרעסטער קינסטלער קען אַליין נישט שפּילן אין אַ פּיעסע אין וועלכער ס׳פאָדערט זיך די מיטבאַטייליקונג פון מערערע אַקטיאָרן, האָט דזשוי קעסלער געמאַכט אַ פאָרשלאַג אונזער טרופּע, אַז זי זאָל אַנטייל נעמען אין זיין „פּראָדאַקשן״ און מיר וועלן באַקומען אַ טייל פון די ברוטאָ־פּראָצענטער, וואָס ער באַקומט פונ׳ם דירעקטאָר פון מאַריענבאַדער שטאָטישן טעאַטער פאַר זיין אויפטריט.

בעת די פּראָבעס פון דער פּיעסע האָבן מיר געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער דאָזיקער „גרויסער סטאַר״, (אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן!) איז במחילה, אַ גרויסער „דראָנג״ און ער ווייסט נישט „ווו גאָט וווינט״. ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן באַמבאַסטישע „העלדן־ראָלן״ פון „האַמלעט״, „אָטעלאָ״ און פון ענלעכע פּיעסן, וועמעס ראָלן ער האָט נישט געקאָנט צעקייען.

די פּיעסע, „דער טיגער״, וואָס איז געווען די קרוין־אויפפירונג פון דזשוי קעסלער׳ס „פּראָדאַקשן״, האָט סופלירט דער אַקטיאָר הערמאַן טוניס (ווע־

מענס זייגער פלעגט אונזערע קלענערע טעאַטער־טרופּעס, וואָס האָבן „גע־ברענט״, אַרויסראַטעווען פון די פאַרשיידנסטע צרות).

נישט געקוקט אויף די גרויסע רעקלאַמעס און אויף קעסלער׳ס אַליין פאַבריצירטע שבחים, איז דאָס טעאַטער געווען נישט אויספאַרקויפט און די פּיעסע איז נישט געפעלן. בעסער געזאָגט, זי איז שטאַרק דורכגעפאַלן.

הערמאַן טוניס, וועלכער איז, אַלס יאָרן־לאַנגער סופליאָר, געווען אַ מבין אויף אַ פּיעסע, האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דזשוי קעסלער׳ס שפּילן און ער האָט, אינמיטן אַ דראַמאַטישער סצענע, וואָס קעסלער האָט „דערלאַנגט״, גע־געבן אַ צייכן צום בינע־מייסטער, און דער פאָרהאַנג איז מיט גרויס כבוד געפאַלן — אינמיטן דער פאָרשטעלונג . . .

קעסלער האָט ממש געוויינט פאַר כעס און געשריגן מיט באַנומענע קולות, אַז דער סופליאָר האָט אים „געקוילעט אָן אַ מעסער״ און רואינירט זיין קינסטלערישע קאַריערע.

— נישט איך האָב אייך געקוילעט, — האָט טוניס זיך פאַרענטפערט פאַר קעסלער׳ן, — נאָר איר האָט געקוילעט די ראָלע, וואָס איר האָט געשפּילט נאָך שלעכטער פון דעם מינדעסטן אַמאַטאָר! ווען איך לאָז נישט באַצייטנס דעם פאָרהאַנג פאַלן, — האָט טוניס אים געגעבן צו פאַרשטיין, — האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז דער עולם אין טעאַטער וועט אייך מכבד זיין מיט פוילע אייער . . .

נאָך זיין גרויסן דורכפאַל איז דזשוי קעסלער דעם אַנדערן טאָג נעלם געוואָרן פון מאַריענבאַד . . .

---

## אַן אַקטיאָר ווערט „געבענטשט״ פון בעלזער רבי׳ן . . .

אין מאַריענבאַד זיינען געווען עטלעכע שטרענג־אָרטאָדאָקסישע רעסטאָ־ראַנען און האָטעלן, ווו ס׳פלעגן איינשטיין רבנים, רביים און חסידים פון פוילן, גאַליציען און רומעניען. דער „האָטעל לייטנער״ האָט אין דעם רבנ׳ישן וועלטל גע׳שמ׳ט אַלס דער כשר׳סטער פון גאַנץ מאַריענבאַד און איז למהדרין־מן־המהדרין. פונדעסטוועגן, האָט דער בעלזער רבי, וואָס פלעגט וווינען אין דעם „האָטעל לייטנער״, מיטגעברענגט מיט זיך זיין אייגענעם שוחט, כדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט נישט נכשל ווערן מיט דער שחיטה פון אַ פרעמדן שוחט.

דער „האָטעל לייטנער״ האָט געהאַט אַ גרויסע גאַסן־וועראַנדע, ווו מען פלעגט סערווירן די מאָלצייטן פאַר די געסט, וואָס האָבן נישט געקענט אַריינ־גיין אינעווייניק אינ׳ם רעסטאָראַן.

אָט די גרויסע וועראַנדע פלעגט דער פרומער ייד לייטנער פאַרדינגען

פאַר יידישע טעאַטער־פאַרשטעלונגען, וואָס פלעגן דאָרט פאַרקומען יעדן זו־מער אין דער צייט פונ׳ם קור־סעזאָן.

די רביים, רבנים און די חסידים פלעגן זיך חידוש׳ן — ווי אַזוי עס פּאַרט זיך דאָס עסק — אַ יידיש טעאַטער אין אַ שטרענג־כשר׳ן רעסטאָראַן? אָבער לייטנער, הגם שטאַרק פרום, פלעגט זיך פאַרענטפערן, אַז צו אים אין רעס־טאָראַן קומען יידן, וואָס זיינען נישט קיין צדיקים און זיי ווילן נהנה זיין אַביסל פאַרוויילונג. בכן מוז ער מקיים זיין זייער פאַרלאַנג, ווייל אויב זיי וועלן נישט קומען צו אים, וועלן די יידן גיין ערגעץ אַנדערש און אפשר וועלן זיי גאָר נכשל ווערן מיט טריפה׳נע מאכלים.

דער אָנפירער פון דעם מאריענבאדער יידישן טעאַטער איז געווען דער טעאַטראַל אביש מייזעלס, וועלכער האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט לייטנער׳ן, אַז פרייטאָג־צו־נאַכטס און שבת טאָר מען נישט שפּילן יידיש טעאַטער, און דער אָפּמאַך איז אָפּגעהיטן געוואָרן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. אַפילו אין די סוף־זומער טעג, ווען דער מאריענבאדער קור־סעזאָן האָט שוין געהאַלטן ביי „נעילה״ און די טעג זיינען קלענער געוואָרן, האָט מען אויך נישט גע־שפּילט קיין טעאַטער.

אין „האָטעל לייטנער״, ווו ס׳איז איינגעשטאַנען דער בעלזער רבי, פלעגט יעדן טאָג, בעיקר אין די פרייטאָג־צו־נאַכטסן און מוצאי־שבת, זיך טון חושך! דאָס געסל פלעגט באַלאַגערט ווערן פון מאַסן יידן, וועלכע זיינען געקומען מקבל שבת זיין אינ׳ם בית־המדרש׳ל, וואָס האָט זיך געפונען אין האָטעל, כדי צו זען די ליכטיקע געשטאַלט פונ׳ם רבי׳ן.

ביים בעלזער רבי׳ן האָט זער לאַנג געדויערט דאָס דאַוונען, וואָס פלעגט זיך פאַרציען ביז אַרום 11 אין דער נאַכט. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס „פּראַ־ווען טיש״, וואָס האָט געדויערט ביז אין דעם גרויען פאַרטאָג אַריין. הונדער־טער און הונדערטער יידן, פרומע און נישט קיין פרומע, פלעגן באַלאַגערן דעם רבי׳ן, כדי אים צו געבן „שלום עליכם״ און געוואַרט אויף זיין ברכה.

דער בעלזער רבי איז געווען אַ קליינינקער און אַ שוואַכינקער, און מען האָט קוים־קוים געהערט זיין שטימע. ער פלעגט אָפטמאָל זיך פרעגן ביים גבאי, וואָס איז נעבן אים געשטאַנען, ווער ס׳איז דער ייד, וואָס גיט אים „שלום עליכם״, פונוואַנען ער שטאַמט און וואָס ס׳איז זיין פרנסה.

אויך די יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט טעאַטער אין „האָטעל לייטנער״, האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט צו געבן דעם בעלזער רבי׳ן „שלום עליכם״. איך בין אויך געווען איינער פון אונזער חברה, וואָס האָט געוואָלט קריגן דעם רבי׳נס ברכה, און מיר האָבן זיך געשטעלט אין דער ריי, וואָס האָט זיך געצויגן ביז אין גאַס אַרויס.

דער ערשטער פון די אַקטיאָרן, וואָס האָט דערגרייכט צום רבי׳ן, איז געווען אַ מיטגליד פון אונזער טרופּע, וואַלדבערג האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ קליינער און אַ מאָגערער, ווי אַ שטעקעלע, און די אַקטיאָרן האָבן

אים גערופן „קאָקעלע״. (זאָל ער מיר מוחל זיין דער דאָזיקער יידישער אַק־טיאָר ווען איך וועל אים מאַכן אַ שלעכטע רעקלאַמע אויף יענער וועלט, אַז ער איז געווען אַ גאָר שוואַכער קאָמיקער).

ווען ער האָט דעם רבי׳ן דערלאַנגט זיין קליין, דאַר הענטעלע, האָט אים דער רבי געפרעגט, וואָס ס׳איז זיין פּרנסה?

— אַן אַקטיאָר! — האָט וואַלדבערג געענטפערט . . .

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַך? — וויל וויסן דער רבי . . .

— עך בין אַ קינצעלע־מאַכער, — וויל אים וואַלדבערג „אויפקלערן״ אויף זיין לעמבערגער לשון.

— וואָס פאַר אַ קינצן, רחמנא־לצלן, באַווייזטו? — איז נייגעריק דער רבי.

מישט זיך אַריין דעם רבי׳נס גבאי און „קלערט אויף״ דעם רבי׳ן, זאָגנדיק:

— רבי, ער איז אַ „פּורים־שפּילער״, איינער פון די „מושבי־לצים״ . . . אויף דער וועראַנדע . . . זיי מאַכן אַ „פּורים־שפּיל״ . . .

— אַזוי, אַ פּורים־שפּילער ביסטו? — חידוש׳ט זיך דער רבי . . . — און פון דעם האָסטו אַ גאַנץ יאָר פּרנסה?

— ניין, רבי, — ציטערט וואַלדבערג ממש פאַר פּחד. —עך בין נישט קיין פּורים־שפּילער . . .

— רבי, — מישט זיך ווייטער אַריין דער גבאי, — ער איז אַ בדחן . . .

— אַזוי? — הויבט דער בעלזער רבי אָן צו „פאַרשטיין״ דעם ענין . . .

— דו ביסט אַ בדחן און דו ביסט משמח דעם עולם . . .

די גאַנצע צייט פון דעם שמועס, האָט דער בעלזער רבי נישט אויפגע־הויבן זיינע אויגן. אָבער ווען וואַלדבערג האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ „קינ־צעלע מאַכער״, האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ און אויף אים געגעבן אַ דורכ־דרינגלעכן בליק. דער רבי האָט פאַרשטאַנען, אַז די מעשה מיט וואַלדבערג׳ס „קינצן״ איז עפּעס נישט אין אָרדענונג . . .

— ס׳איז נישט קיין פּרנסה פאַר אַ ייד . . . — האָט מוסיף געווען דער רבי. — גאָט זאָל דיר צושיקן אַ רפואה שלמה פאַר דיין נשמה . . .

ווען וואַלדבערג האָט אונז איבערגעגעבן דעם „אינהאַלט״ פון זיין שמועס מיט׳ן רבי׳ן און די „ברכה״, וואָס ער האָט פון אים באַקומען, האָבן מיר זיך „אַרויסגעכיליעט״ פון זאַל אויס מורא, אַז מיר זאָלן פון אים נישט באַקומען אַן ענלעכע ברכה . . .

## דער „יאָלד“ איז שוין גאָרנישט קיין יאָלד געווען . . .

דער יידישער קאָמיקער שמחה פאַסטעל (וועלכער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ צוזאַמען מיט די אַנדערע יידישע אַקטיאָרן), האָט עטלעכע מאָל גאַסטראָלירט אין דעם מאַריענבאַדער יידישן וואַראַנדע־טעאַטער אין „האָטעל לייטנער“ און האָט שטאַרק אויסגענומען. דער עולם האָט זער ליב געהאַט צו הערן זינגען זיינע לידלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ סך טעם און געשמאַק.

איינער פון פאַסטעלס שטאַרקע פאַרערער איז געווען אַ יידישער „אַל־רייטניק“ פון אַמעריקע, וועלכער האָט געפּראַוועט קוראַציע אין מאַריענבאַד און ער האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט, ממש פאַרפאַלגט מיט קאָמפּלימענטן, אַז ער איז „מאַרוועלעס“; אַז ער איז אַ „גוד־עקטאָר“, און ער וועט אים פאַר־העלפן צו קומען קיין אַמעריקע.

— „יו־נאָו“, — האָט דער „אַלרייטניק“ זיך באַרימט פאַר פאַסטעלען, — איך בין אַ נגיד. דו זעסט די צוויי בריליאַנטענע רינגען, וואָס איך טראָג אויף מיינע פינגער ? זיי האָבן אַ ווערט פון פינף טויזנט דאָלאַר . . . ביי מיר אין פאַבריק אַרבעטן 200 מענטשן . . . איך צאָל אויס „וועידזשעס“ יעדע וואָך אַ סומע פון 20 טויזנט דאָלאַר . . .

פאַסטעל האָט געגלויבט יעדעס וואָרט, וואָס דער ייד האָט אים געזאָגט און איז געווען איבערגליקלעך, וואָס דער צופאַל האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט אַזאַ טייערן פאַרערער.

ווען שמחה פאַסטעל האָט צום סוף פון׳ם טעאַטער־סעזאָן געהאַט אַ בענעפיס, האָט ער, פאַרשטייט זיך, איינגעלאַדן דעם „אַמעריקאַנער פעטער“ צו דער פאָרשטעלונג און אים מכבד געווען מיט 10 פון די בעסטע בילעטן, כדי ער זאָל זיי פאַרקויפן צווישן זיינע אַמעריקאַנער פריינט און באַקאַנטע, וואָס האָבן דעמאָלט זיך געפונען אין מאַריענבאַד.

אין דער יידישער טעאַטער־וועלט איז געווען אַ מנהג, אַז די „פּאַטריאָטן“ פלעגן לכבוד די „בענעפיס“־פאָרשטעלונגען פון זייערע „ליבלינגס“־אַקטיאָרן און אַקטריסעס, זיי באַשענקען מיט פאַרשיידענע מתנות און חוץ דעם געבן אַ פיינעם פדיון פאַר די טעאַטער־בילעטן.

אויך שמחה פאַסטעל האָט געהאָפט (ער איז געווען זיכער), אַז דער ייד וועט אים ברענגען אַ פיינע מטבע פאַר די 10 בילעטן און אַ נאָך פיינערע מתנה. אַ קלייניקייט, אַזאַ רייכער יידישער פאַבריקאַנט פון „אַנקל סעמ׳ס מדינה“, וועלכער איז ממש פאַרליבט אין זיין אַקטיאָרישן טאַלאַנט, ער וועט דאָך אַ יידישן אַקטיאָר נישט אַנטוישן !

אין אָוונט פון פאַסטעלס „בענעפיס“ איז דער ייד געקומען אין טעאַטער אין באַגלייטונג פון נאָך 9 געסט, וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די בעסטע טישן און אָנגעהויבן צו פּראַווען די אמת׳ע סעודה.

שמחה פאָסטעל איז, ערב זיין אויפטריט, צוגעקומען צום טיש און האָט באַגריסט די געסט, וועמען דער „אַמעריקאַנער פעטער" האָט פאָרגעשטעלט אַלס אַ גרויסן יידישן „עקטאָר", וועלכער האָט אַ גרויסע צוקונפט און ער איז „שור" (זיכער), אַז פאָסטעל וועט ווערן דער גרעסטער „סטאַר" פונ׳ם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, ווייל ער איז „עקסעלענט" און „מאַרוועלעס" . . .

אין מאריענבאד, אין יאָר 1932.

(פון רעכטס צו לינקס) : דער טעאַטראַל א. מייזעלס, דער אַקטיאָר שמחה פאָסטעל, ע״ה, די אַקטריסע נאַדיאַ קאַרעני, און ש. י. האַרענדאָרף.

נאָך דער פאָרשטעלונג ווערט שמחה פאָסטעל איינגעלאַדן פון די אַמערי־קאַנער יידן, אַז ער זאָל מיט זיי מיטגיין אַ הוליע־טון אין קאַבאַרעט. זיי באַשיטן אים מיט קאָמפּלימענטן, אַז ער איז „אָלרייט"; אַז פאַר אַמעריקע וועט ער זיין „אָ־קעי", און ער וועט „מאַכן אַ לעבן", וכדומה.

פאָסטעל איז איבערגליקלעך. די קאָמפּלימענטן פאַרשטאַרקן זיין השערה, אַז ער וועט באַלד באַקומען דעם אמת׳ן „מתנת יד" פאַר די 10 בילעטן.

ער פאַרפאָלגט די קלענסטע באַוועגונג פון די יידנס הענט און האָפט, אָט־אָט וועלן די הענט דערגרייכן צו זייערע בריוו־טאַשן און ס׳וועלן זיך אַרויס־שלעפּן אַמעריקאַנער „לאָקשן" (דאָלאַרן). אָבער קיין איינציקע האַנט רירט זיך נישט צו די געלט־טייסטערס פון די אַמעריקאַנער אורחים . . .

מען טרינקט וויין און שאַמפּאַניער. די מוזיק שפּילט און די יידן זינגען פאַרשיידענע לידער. עס הויבט שוין אָן צו טאָגן און פאָסטעל האַלט אין איין

וואַרטן אויפ׳ן געלט פאַר די בילעטן און אויף די מתנות . . . ער מאַכט כל־ערליי, זער דעליקאַטע אַנדייטונגען וועגן דעם חוב, וואָס אים קומט פאַר די בילעטן, אָבער דער „פעטער״ מאַכט זיך טויב, ווי נישט אים מיינט מען.

ווען דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך צו געזעגענען מיט פאָסטלען, האָט אים דער „פעטער״ געבעטן, אַז ער זאָל מאָרגן קומען צו דער באַן אים זאָגן „גוד־באַי״.

פאָסטעל איז, פאַרשטייט זיך, געקומען צו דער באַן אין דער איבערצייגונג, אַז דאָרט וועט ער באַקומען אויסגעצאָלט דעם חוב פאַר די בילעטן (פון די געהאָפטע „מתנות״ האָט ער שוין געהאַט רעזיגנירט . . .)

אָט קומט אָן דער צוג און דער ייד שטייגט איין אין וואַגאָן . . .

פאָסטעל פאַרבייסט די ליפּן און שווייגט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ נס . . . אָבער אין דעם לעצטן אויגנבליק, ווען דער צוג האָט געזאָלט זיך אַ ריר טון, זאָגט אים פאָסטעל מיט אַ האַלבן מויל:

— אַנטשולדיקט, מ . . . איר האָט . . . דוכט זיך . . . פאַרגעסן צו באַצאָלן . . .

—אָ, פאַר די „טיקעטס״ מיינט איר? — מאַכט דער ייד זיך תמ׳עוואַטע. אָ, יעס . . . איך האָב נישט פאַרגעסן . . . „שור״ ווי נישט פאַרגעסן . . . איך וועל אייך צושיקן אַ טשעק פון אַמעריקע . . . „יו־נאָו, איי עם אַ דזשענטלמען״ . . .

און דער צוג איז אַוועק!

יאָרן־לאַנג האָט שמחה פאָסטעל געוואַרט און געהאָפט אויף דער הבטחה, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט דערהאַלטן קיין טשעק פון דעם „אַמעריקאַנער פעטער״, וועלכער האָט אָנגעבלאָפט אַ יידישן אַקטיאָר . . .

# א טרופּע פאַרט אויף א „חתונה“ און די פּאָליציי פאַרבעט איר אין „חד־גדיא“ אַריין . . .

סוף זומער 1929, האָט די „שטראַמער טרופּע“ באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אויף אַ טורנעע איבער דער פּראָווינץ פון טראַנסילוואַניען (אָדער זיבנבירגען) וואָס געהערט צו רומעניען.

ווען סאָלאָמאָן שטראַמער, דער פאָרשטייער פון זיין טעאַטער־געזעלשאַפט איז געגאַנגען צום רומענישן קאָנסול אין ווין נאָך די איינרייזע־וויזעס פאַר דער טרופּע, האָט אים דער וויצע־קאָנסול, אַ ייד, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער קען פאַר אַקטיאָרן נישט אַרויסגעבן קיין רומענישע איינרייזע־וויזעס, אויב זיי האָבן נישט קיין קאָנטראַקטן פון אַ דירעקטאָר, וואָס האָט אַ גילטיקע קאָנצעסיע צו מעגן שפּילן יידיש־טעאַטער אין רומעניען.

דער יידישער וויצע־קאָנסול האָט אָבער דאָך געוואָלט אונז אַרויסהעלפן, האָט ער שטראַמער׳ן געגעבן די פאָלגענדע עצה: ער זאָל שיקן קיין טראַנסילוואַניען אימיצן, וואָס איז נישט קיין אָקטיאָר, וועלכער זאָל פון דאָרט צושיקן אַ טעלעגראַפישע איינלאַדונג, אַז די טרופּע זאָל קומען צו דער „חתונה“ פון זייערן אַ קרוב. אויפ׳ן סמך פון דער טעלעגראַפישער „חתונה“־איינלאַדונג, וועט ער אַרויסגעבן פאַר דער טרופּע קורץ־טערמיניקע איינרייזע־וויזעס קיין טראַנסילוואַניען.

היות איך בין נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און אין מיין פּאַספּאָרט האָב איך פיגורירט ווי אַ זשורנאַליסט, האָט דער יידישער וויצע־קאָנסול מיר תיכף אויסגעשטעלט אַ לאַנג־טערמיניקע איינרייזע־וויזע קיין רומעניע און איך בין נאָך אין דעם זעלבן טאָג געפאָרן קיין קלויזנבורג (קלוזש אויף רומעניש), וואָס איז די הויפּטשטאָט פון דער טראַנסילוואַנישער פּראָווינץ.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז איך פאָר צום ערשטן מאָל קיין רומעניען און איך האָב נישט געקאָנט דאָס רומענישע לשון, האָב איך מיטגענומען רעקאָמענדאַציעס צו דער דאָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; צו די רעדאַקטאָרן פון דער יידיש־אונגאַרישער צייטונג „אוי־קעלעט“, און צו אַנדערע יידישע כלל־טוער, אַז זיי זאָלן מיר מיטהעלפן אין דער אָרגאַניזירונג פון עטלעכע פאָרשטעלונגען אין קלויזנבורג, און אין די שטעט און שטעטלעך פון דער טראַנסילוואַנישער פּראָווינץ.

איך האָב פאַר די ליבע יידישע כלל־טוער פון קלויזנבורג מגלה געווען דעם סוד, אַז מיר האָבן נישט קיין אָפיציעלע דערלויבעניש צו שפּילן יידיש־טעאַטער, און איך האָב זיי אויך דערציילט וועגן דער פיקטיווער „חתונה“־טעלעגראַמע, וואָס איך דאַרף אַרויסשיקן צו דער שטראַמער־טרופּע קיין ווין, כדי זיי זאָלן באַקומען די רומענישע איינרייזע־וויזעס צו די פאָרשטעלונגען,

וואָס דאַרפֿן פֿאָרקומען אין קלויזנבורג „אויף שוואַרץ״, דאָס הייסט — אָן אַן אָפּיציעלער דערלויבעניש.

דער צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז גראַד אין דער צייט, ווען איך האָב געזאָלט איינאָרדנען די ערשטע פֿאָרשטעלונג, איז פֿאָרגעקומען אַ חתונה ביי אַ ציוניסטישן כלל־טוער פֿון קלויזנבורג און ער האָט, אין נאָמען פֿון חתן־כלה, מיר געגעבן די דערלויבעניש זיך צו באַנוצן מיט זייערע נעמען אַלס די יעניקע, וואָס לאַדן איין אונזער טרופּע צו דער חתונה פֿון זייערע קינדער . . .

ביז איצט איז אַלץ געווען כשר. אָבער וואָס וועט זיין צומאָרגנס, נאָך דער חתונה?

איך שיק אַרויס די אָפּגערעדטע טעלעגראַמע און דער יידישער וויצע־קאָנסול האָט מקיים געווען זיין הבטחה. אויפֿ׳ן דריטן טאָג איז די טרופּע מיט מזל אָנגעקומען קיין קלויזנבורג.

איך האָב געדונגען דאָס דאָרטיקע אונגאַרישע טעאַטער און אַרויסגעלאָזן אַפֿישן וועגן אונזערע גאַסטראָלן. פֿאַרעפֿנטלעכט מודעות אין די דאָרטיקע יידיש־אונגאַרישע צייטונגען וועגן אונזערע פֿאָרשטעלונגען, און די יידן האָבן צעכאַפּט די טעאַטער־בילעטן.

די ערשטע צוויי פֿאָרשטעלונגען, וואָס זיינען אויסגעפֿאַלן אין אַ שבת און זונטאָג, זיינען געווען אויספֿאַרקויפֿט און אָפּגעלאָפֿן גלאַטיק.

מאָנטאָג פֿאַרטאָג, ווען מיר זיינען נאָך געלעגן אין די בעטן, איז דער האָטעל וווּ מיר האָבן געוווינט, אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון דער „סיגוראַנציא״ (רומעניש געהיים־פּאָליציי), וועלכע האָט אונז פֿאַרבעטן אין „חד־גדיא״ אַריין!

קודם כל האָבן זיי מיך גענומען אין דער „אַרבעט״ און געוואָלט דערגיין, אויף וואָס פֿאַר אַ סמך איך האָב געדונגען דאָס אונגאַרישע טעאַטער, כדי דאָרט צו געבן יידישע פֿאָרשטעלונגען, נישט האָבנדיק קיין טעאַטער־קאָנצעסיע? והשנית, האָבן זיי אויך געוואָלט וויסן, וועלכע מענטשן ס׳זיינען געווען פֿאַרמישט אין דער „קאָנספּיראַציע״, צו שיקן די טעלעגראַפֿישע חתונה־איינלאַדונג צו דער „שטראַמער־טרופּע״ קיין ווין.

איך האָב געשפּילט די ראָלע פֿונ׳ם „טויבן מאיר״ און גע׳טענה׳ט, אַז איך ווייס פֿון גאָרנישט און אַז די גאַנצע באַשולדיקונג קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. איך האָב אָנגעהויבן דרייען מיט דער צונג מיט דער כוונה, אַז זיי זאָלן נישט וויסן וועמען צו באַשולדיקן אין דער מעשה.

בינו־לבינו האָט מען אין דער שטאָט זיך דערוווסט וועגן דעם אַרעסט פֿון אונזער טרופּע און ס׳איז געוואָרן ליהודים. דער בנין פֿון דער „סיגוראַנציא״ איז געווען באַלאַגערט פֿון אַ גרעסערע צאָל יידן, וועלכע האָבן זיך געזאָרגט איבער אונזער גורל און געהאַלטן אין איין אַלאַרמירן די יידישע כלל־טוער פֿון שטאָט, אַז מ׳זאָל אונז מציל זיין פֿון „זייערע״ (סיגוראַנציא) הענט.

באַלד איז אָנגעקומען איינער פֿון די אָנגעזעענסטע יידישע אַדוואָקאַטן

פון קלויזנבורג, וואָס האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן מעשים — און גאָט האָט געהאָלפן.

מיט׳ן „כח" פון אַ „מתנת־יד", וואָס ס׳האָט באַקומען דער ראש פון דער „סיגוראַנציאַ", זיינען מיר באַפרייט געוואָרן פון „חד־גדיא" און די שמחה פון אונזער באַפרייאונג איז ביי די דאָרטיקע יידן געפּראַוועט געוואָרן ווי אַ יום־טוב.

מיר האָבן שפּעטער באַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן יידיש טעאַטער איבער גאַנץ טראַנסילוואַניען און געמאַכט זער גוטע געשעפטן.

לערך זעקס חדשים האָבן מיר אַרומגעוואַנדערט איבער די גרעסערע און קלענערע שטעט און שטעטלעך פון דער טראַנסילוואַנישער פּראָווינץ. אומע־טום האָבן אונז די דאָרטיקע יידן אויפגענומען מיט אַ סך פרייד און האַרצי־קייט, ביז מיר האָבן זיי דערשלעפּט קיין בוקאַרעשט.

---

## א טרופּע צעפאַלט זיך צוליב אן אטענטאט אויף א יוגאסלאווישן מיניסטער

צווישן די יאָרן 1927־1930, האָב איך דריי מאָל דורכגעשפּאַנט אי־בער יוגאָסלאַוויען מיט פאַרשיידענע יידישע וואַנדער־טרופּעס. מיר זיינען געווען אין די פאַרשיידנסטע שטעט און שטעטלעך, וו ס׳האָבן געוווינט יידן און מיר האָבן זיי דערקוויקט מיט יידיש טעאַטער.

מיר האָבן געגעבן פאָרשטעלונגען אין דער הויפּטשטאָט בעלגראַד, זאַג־רעב, סאַראַיעוואָ, סובאָטיצאַ, אָסיעק, סאַמבאָר, ווינקאָווצע, סענטאַ, באַסניש־בראַד, קיקינדאַ, און אין אַ צאָל אַנדערע מקומות, און די דאָרטיקע יידן האָבן אונז ממש אויף די הענט געטראָגן.

דאָס „יעווריסקאַ קאָזעלישטשע" (אויף סערביש יידיש טעאַטער), איז געווען אַ שם־דבר נישט בלויז ביי די יידן, וואָס האָבן שטאַלצירט מיט די פאַרשיידנאַרטיקע פּיעסן, וואָס מיר האָבן אויפגעפירט, נאָר אויך די סערבישע, קראָאַטישע, אונגאַרישע, דייטשע און סלאָווענישע פּרעסע, האָט אונז גע־שאָנקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט.

צו די באַנקעטן, וואָס די יידישע פּני האָט געגעבן לכבוד די יידישע אַק־טיאָרן, זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אויך נישט־יידישע פּערזענלעכקייטן פון דער שטאָט, צווישן זיי: דעפּוטאַטן, שריפטשטעלער, אָפיצירן פון דער סער־בישער אַרמיי, מיט די שטאָטישע בירגערמייסטערס בראש, און אַנדערע חשוב׳ע געסט.

די לערך 80 טויזנט יידן, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין יוגאָסלאַוויע, פאַרטיילט אויף ספרדים און אשכנזים, זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיק אין זייער

שפּראַך, קולטור, הלבשה און אין די פאָרמען פון זייער אַלגעמיינעם לעבן. אָבער זיי האָבן צווישן זיך געלעבט בשלום און געבילדעט אַ פעסט־אָרגאַני־זירטן קיבוץ, וואָס האָט געדינט ווי אַ באַלערנדיקערביישפּיל פון יידישער אחדות.

די יוגאָסלאַווישע אויטאָריטעטן האָבן פאַר דעם „יעווריעיסקע קאָזעלישטע" געמאַכט כל׳ערליי פאַרלייכטערונגען. מיר זיינען באַפרייט געוואָרן פון צאָלן די קאָמונאַלע שטייערן פאַר די טעאַטער־בילעטן; מיר האָבן באַקומען 50 פּראָצענט הנחה אויף די באַנען, און די מאַגיסטראַטן האָבן געשטעלט צו אונ־זער רשות די שטאָטישע טעאַטערס פאַר די מינימאַלסטע אָפּצאָלן.

מיר האָבן פאַרדינט אַ סך געלט און אונזער טורנעע האָט מצליח געווען ביז — אַן אומגליק איז געשען.

ווען מיר האָבן גאַסטראָלירט אין בעלגראַד איז פאָרגעקומען אַן אַטענ־טאַט אויפ׳ן יוגאָסלאַווישן מיניסטער סטעפּאַן ראַדיטש, און מיר האָבן געמוזט איבעררייסן די פאָרשטעלונגען.

די שטימונג אין דער יוגאָסלאַווישער הויפּטשטאָט איז געווען אַ געשפּאַנ־טע און אַן אויפגערייצטע ביז גאָר. פון שפּילן טעאַטער האָט נישט געקענט זיין קיין רייד, ווייל ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער טרויער און ס׳זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרן אַלע טעאַטער און קינאָ־פאָרשטעלונגען, קאָנ־צערטן און אַנדערע פאַראַנשטאַלטונגען.

ס׳איז געוואָרן אומהיימלעך.

זיצן מיר אין אונזער האָטעל און ווייסן נישט וואָס מ׳טוט. איינס איז פאַר אונז קלאָר געווען, אַז אַפילו ווען דער נאַציאָנאַלער טרויער זאָל דויערן בלויז אַ וואָך צייט איז דאָך נישט זיכער אויב צומאָרגנס, נאָכ׳ן טרויער, וועלן די יידן קומען צו אונזערע פאָרשטעלונגען.

נאָך לאַנגע חקירות באַשליסן מיר צו פאַרלאָזן בעלגראַד און פאָרן אין דער פּראָווינץ פון קראָאַציען, ווו די שטימונג איז נישט געווען אַזאַ טרויעריקע ווי אין בעלגראַד. האָט דאָך אַ קראָאַטישער נאַציאָנאַליסט געשאָסן אויף ראַ־דיטש׳ן, ווייל די קראָאַטן האָבן דעמאָלט, (און אפשר אויך היינט), געהאַט זייערע באַזונדערע חשבונות מיט די סערבן, וואָס זיינען געווען די הויפּט־הערשער פון יוגאָסלאַווישן קעניגרייך.

מיר פאַרפּאַקן אונזער טשעמאָדאַנעס און פאָרן קיין אָסיעק, (ווו ס׳האָבן געוווינט אַ גרעסערע צאָל יידן), מיט דער כוונה, דאָרט צו געבן אַ פאָרשטע־לונג, כדי פון דער הכנסה צו דעקן די נויטיקע הוצאות פאַר דער נסיעה קיין בודאַפּעשט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די רייזע, ביז מיר זיינען פאַרטאָג אָנגע־קומען קיין אָסיעק. מיר זיצן אויפ׳ן וואָקזאַל און שלאָגן זיך מיט דער דעה, צי מיר זאָלן אַריינפאָרן אין שטאָט און זיך איינקוואַרטירן אין אַ האָטעל, אָדער

מיר זאָלן וואַרטן אויפ׳ן וואָקזאַל אויף אַ תשובה פון די אָסיעקער יידישע כלל־טוער, וואָס מיר זאָלן טון?

אונזער זיצן און וואַרטן אויפ׳ן וואָקזאַל פון אָסיעק האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ציגיינער־געצעלט.

אַרום אונז ליגן וואַליזעס מיט קאָסטנס פון אונזער באַגאַזש. די פּנים׳ער פון דער טרופּע זיינען שטאַרק פאַרביטערט און פאַרזויערט. מיר פילן, אַז אונזער טורנעע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי האָפנונגספול, וועט זיך פאַר־ענדיקן מיט אַ שלימ׳מזל׳דיקן סוף . . .

אַ דעלעגאַציע פון אונזער טרופּע איז אַוועק צו די פאָרשטייער פון דער דאָרטיקער קהלה זיך צו באַראָטן, צי מיר קענען אין אָסיעק געבן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, אָדער אַ קאָנצערט, ווייל די אַקטיאָרן האָבן אין דער צווישנצייט פון דעם אומפאַרהאָפטן טראַגישן „בין־הזמנים״, פאַרצערט זייערע אָפּ־שפּאָרונגען און זיי האָבן נישט קיין געלט פאַרצוזעצן דאָס נע־ונד זיין, וואָס האָט פאַרשלונגען דעם גרעסטן טייל פון אונזערע פאַרדינסטן.

ענדלעך איז די דעלעגאַציע צוריקגעקומען פון איר מיסיע און אונז מודיע געווען, אַז ס׳קאָן נישט זיין קיין רייד פון געבן אין אָסיעק אַ טעאַטער־פאָר־שטעלונג, אָדער אַ קאָנצערט, ווייל די יידן וועלן אונז אויסווייכן; די יוגאָ־סלאַווישע אויטאָריטעטן פון אָסיעק וואָלטן אַזאַ שריט באַטראַכט אַלס אַ מיאוס׳ע פּראָוואָקאַציע און אויסגעטייטשט, אַז די יידן פון אָסיעק פרייען זיך מיט׳ן טראַגישן טויט פון דעם מיניסטער ראַדיטש. פונדעסטוועגן האָבן די ראשי־העיר פון אָסיעק דערקלערט, אַז זיי וועלן אונז געבן אַ געוויסע סומע געלט, כדי מיר זאָלן האָבן אויף די הוצאות פאַר אונזער ווייטערדיקער נסיעה.

אויפ׳ן וואָקזאַל פון אָסיעק איז פאָרגעקומען אונזער טראַגישע צע־שיידונג: אַ טייל מיטגלידער פון אונזער טרופּע איז געפאָרן קיין ווין, אַ טייל קיין בודאַפּעשט און אַ טייל אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי.

דער טויט פון אַ יוגאָסלאַווישן מיניסטער האָט אונז צעשיידט און צעריסן.

## אַן אַקטיאָר לאָזט מיך איבער אין אַ קאָפּע־הויז אַלס אַ „משכּון"

אין ש. אַנ־סקי׳ס „דיבוק" ווערט דערציילט דאָס כאַראַקטעריסטישע מעשה׳לע וועגן די דייטשע קונצנמאַכער, וואָס זיינען אַמאָל געקומען אינ׳ם שטעטל מעזשיבוזש און האָבן פאַרצויגן איבער דער ברייט פון טייך אַ שטריק, און איינער פון די קונצנמאַכער איז געגאַנגען איבער דער שטריק.

ווען די תלמידים האָבן דערזען דאָס גרויסע ווונדער, האָבן זיי געפרעגט ביי זייער רבי׳ן, דעם בעל־שם הקדוש, וואָס דאָס באַטייט? דערויף האָט ער זיי געענטפערט:

„איך בין געגאַנגען אָנקוקן און זען ווי אַזוי אַ מענטש גייט איבער אַ טיפן אָפּגרונט און איך האָב מיר געטראַכט: ווען דער מענטש וואָלט אַזוי געאַר־בעט איבער זיין נשמה וויפיל ער אַרבעט אויפ׳ן גוף, וואָלט ער געקאָנט אַרי־בערגיין איבער דעם דיניקן שנירעלע פון לעבן".

עס ווילט זיך אין דעם פאַל מאַכן אַן ענלעכן פאַרגלייך:

ווען אַ יידישער אַקטיאָר, אימפּרעסאַריאָ, אָדער אימיצער אַנדערש, וואָס איז פאַרבונדן מיט׳ן יידישן טעאַטער, וואָלט פאַרוואָנדן אַזוי פיל פלייס און ענערגיע אין מסחר, וואָלט ער מיט דער צייט געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער סוחר, אָדער פאַבריקאַנט; ווען ער זאָל אין זיינע געשעפטן אָנווענדן כאָטש אַ מינימום פון די אויסטערלישע קאָמבינאַציעס, המצאות און סתם איינפאַלן, וואָס עס ווערן פאַרוואָנדן אין דער יידישער טעאַטער־פּראָפעסיע, וואָלט ער אפשר געוואָרן אַ מיליאָנער! אָבער ווי זאָגט דאָס אַקטיאָרישע ווערטעלע:

„ער האָט נישט געוואָלט ווערן קיין לייט, איז ער געוואָרן אַן אַקטיאָר".

אין משך פון די יאָרן, וואָס איך האָב פאַרברענגט מיט׳ן יידישן טעאַטער, האָט מיין קאָפּ געאַרבעט מעשים און איך פלעג ממש צוזאַמענפאָרן „אַ וואַנט מיט אַ וואַנט". איך בין כסדר געווען פאַר׳מוח׳ט און פאַרנומען מיט קאָמבי־נאַציעס (אין תוך געוויינלעך קליינלעכע, גראָשנדיקע קאָמבינאַציעס), ווי אַזוי איך זאָל אָפּנאַרן דעם שטייער־אינספּעקטאָר און אים באַצאָלן עפּעס, אָדער גאָרנישט קיין שטייער פון די פאַרקויפטע טעאַטער־בילעטן; איך פלעג אויס־טראַכטן די אויסטערלישסטע שקרים ביים דרוקער, וואָס האָט געדרוקט אונ־זערע טעאַטער־אַפישן, ווייל ווען מיר האָבן אים געוואָלט באַצאָלן אַ חוב, איז אין דער קאַסע געווען „חושך מצרים", אָדער מיר זיינען געווען „בקי־רייך", ווי דאָס הייסט אויפ׳ן אַקטיאָרישן לשון.

אין דער געשעפטלעכער וועלט, ווען אַ סוחר פאַרלייגט זיך אויף קאָמבינאַציעס, בלייבן אים טויזנטער. אָבער אין יידישן טעאַטער פלעגן פון אַזעלכע קאָמבינאַציעס פאַרבלייבן אין בעסטן פאַל, גראָשנס, אָדער גאָרנישט. אָט איז אַ קליינער משל פון אַזאַ מין „קאָמבינאַציע", ביי וועלכער איך

בין געוואָרן אַזאַ ביטערער קרבן, אַז איך בין פאַרזעצט געוואָרן אַלס אַ „משכון" אין אַ קאַפע־הויז . . .

די מעשה־שהיה איז געווען אַזאַ:

צוליב איינער פון די „נישט פאַראויסגעזעענע סיבות", וואָס איך האָב שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך, בין איך און מיין שותף, זכריה פראנצאָס, געבליבן אָן אַ טרופּע, און דווקא פאַר'ן ווינטער־סעזאָן, ווען די אויסזיכטן צו פאַרדינען אַביסל געלט זיינען געווען גוטע.

אָבער אין די לעצטע יאָרן פלעגן יידישע אַקטיאָרן אויסמיידן זיך צו אנגאזשי'רן ביי פראנצאָסן צוליב זיינע, איך וויל זאָגן, גראַנדיעזע „צילינדער־לעך", וואָס האָבן מיט דער צייט באַקומען אַ גאָר מיאוסן שם אין דעם יידיש־אַקטיאָרישן וועלטל. אַקטיאָרן האָבן זיך געשראָקן, אַז פון זייערע פאַרדינסטן אין פראנצאָס'עס טרופּע וועט זיי בלייבן „וואַסער אויף קאַשע".

ס'איז שוין געווען העט נאָך סוכות. מיר ביידע דרייען זיך אַרום פּוסט און פּאַס אין בראַטיסלאַווא, און ס'זיינען נישטאָ קיין שום אויסזיכטן אימיצן צו אנגאזשירן. און ווען ס'איז שוין יאָ געווען אַן אַקטיאָר, וואָס האָט „דאָס לעצטע מאָל" געוואָלט זיך אַנגאַזשירן ביי פּראַנצאָס'ן, כדי צו פּרווון ס'מזל, איז נישט געווען קיין פּרוטה „באַש" (געלט) צו שיקן דעם אַקטיאָר אויף רייזע־הוצאות.

הכלל, ס'איז געווען שלעכט און יעדער עקספּערימענט, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין דער ריכטונג פון אַנגאַזשירן אַ טרופּע, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר „נעסקעמדיק" (לא מיט אַן אלף) און ס'איז געווען ווי אַקטיאָרן פלעגן זאָגן — „אויף סיפּקע צרות".

נאָך לענגערע באַמיאונגען איז אונז געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ קאָנצערט־טורנעע איבער דער סלאָוואַקישער פּראָווינץ און מיר האָבן פאַר דעם צוועק אַנגאַזשירט דעם אויבער־קאַנטאָר מאַן, און די אין יענער צייט פּאָפּולערע יידיש־העברעאישע פאָלקס־זינגערין, פרוי הילדע דוליצקאַ.

דער ערשטער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין דער סלאָוואַקישער שטאָט נייטראַ, וואָס האָט גאָר שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. אָבער מאַטעריעל איז געווען שלעכט.

דער חזן מאַן, וועלכער האָט זיך תיכף אָריענטירט אין דער לאַגע, אַז „פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין", איז באַלד צוריקגעפאָרן קיין ברין, כדי דאָרט פאָרצוזעצן דאָס חזנות. געבליבן איז די איינציקע שוואַלב (פרוי דוליצקאַ), וואָס האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין זומער, נישט געקוקט אויף איר גרויסן דערפאָלג. די הוצאות האָבן פאַרשלונגען די הכנסות און אין משך פון עטלעכע געציילטע טעג זיינען מיר געוואָרן „פליטה", און „געגעסן אַ לאָקש", ווי אַקטיאָרן פלעגן אָנרופן אַ דורכפאַל.

מיר האָבן ענדלעך זיך דערשלעפּט ביז קיין קאָשיצע, די הויפּטשטאָט פון דער מזרח־סלאָוואַקישער פּראָווינץ, ווו מיר האָבן געפּראַוועט די לוויה נאָך אונזער נישט געלונגענער טורנעע.

ווען פרוי דוליצקאַ איז צוריקגעפאָרן קיין ווין, האָב איך און פראַנצאַס באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין מונקאַטש און דאָרט צוזאַמענשטעלן עפּעס אַן אַמאַטאָרן־טרופּקע, ביז מיר וועלן זיך דערוואַרטן אויף עטלעכע אַרבעטס־לאָזע אַקטיאָרן פון לעמבערג, וואָס זיינען יאָ געווען מרוצה צו קומען שפּילן יידיש טעאַטער אין דער סלאָוואַקיי, אויב מיר וועלן זיי אַרויסשיקן אויף רייזע־הוצאות, און קיין געלט פאַר דעם צוועק איז נישט געווען. נאָך מער: מיר האָבן אַפילו נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר אונזער האָטעלעכל און פאַר דעם עסן, וואָס מיר זיינען שולדיק געווען אין אַ יידיש רעסטאָראַנדל אין קאַשיצע.

פאַראַן אַזוי־גערופענע „יאָלדן", „גוטע ברידער", „טעאַטער־פּאַטריאָטן" און ענלעכע שלעק וואָס, ווען די געשעפטן אין טעאַטער זיינען גוט, זעט מען זיי אויף שריט און טריט. זיי קלעבן זיך צו די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, פון וועלכע מ׳קאָן זיך אַזוי לייכט נישט אָפּטשעפּן. אָבער קוים דערשפּירן זיי, אַז די אַקטיאָרן זיינען „גאָלע", אָן געלט הייסט עס, דעמאָלט פאַרשווינדן זיי ווי אין וואַסער אַריין און מ׳זעט זיי נישט. און טאָמער דערזעט מען זיי יאָ, מאַכן זיי אַ „בויגן", כדי מ׳זאָל זיי נישט דערזען . . .

דאָס איז אַזאַ מין שטילער „אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך" ביי אַלע יידישע טעאַטער־פּאַטריאָטן (מיט ווינציקע אויסנאַמען, פאַרשטייט זיך), וואָס ווערן נעלם גראַד דאַן, ווען מען נויטיקט זיך אין זייער הילף.

אין אַ פּראַסטיקן ווינטער־פרימאָרגן, ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז קיינער פון אונז פאַרמאָגט נישט קיין פּרוטה ביי דער נשמה! מיר האָבן נישט קיין פּאַפּיראָסן, שוין אָפּגערעדט פון אַ מטבע, וואָס זאָל האָבן די ווערט צו באַצאָלן אַ קאַפע . . . אינדרויסן איז קאַלט, ביטער־קאַלט און מיר דרייען זיך אַרום אין גאַס, נישט האָבנדיק קיין חוצפה אַריינצוגיין אין אַ קאַפע־הויז צו טרינקען אַ „טעפּעלע וואַרימס" און אויף איין וועגס זיך אָנוואַרימען די פאַרפרוירענע גלידער.

זאָגט צו מיר פראַנצאַס:

— לאָמיר אַריינגיין אין אַ קאַפע־בית. קודם־כל וועלן מיר אָפּעסן פריש־טיק. דו (געמיינט מיך) וועסט בלייבן אין קאַפע־הויז אַלס „משכון" און איך וועל אַרויסגיין אין גאַס אויפזוכן אַ „יאָלד", כדי ביי אים צו „כאַפּן" (באָרגן) אַ פּאָר קראָן. איך וועל דאַן קומען אין קאַפע־הויז דיך „אויסלייזן" פון „לאָמ־באַרד" . . .

געפעלט מיר די גוטע עצה, און מיר גייען אַריין אין אַ קאַפע־בית.

נאָכ׳ן אָפּעסן פרישטיק איז פראַנצאַס אַרויס אויף דער „יאַגד" צו געפינען עפּעס אַ „האָז", ביי וועמען ער זאָל „אַ כאַפּ טאָן" די אַזוי נויטיקע הלוואה און איך בין פאַרבליבן אַלס „משכון" . . .

אויפ׳ן קאָנטינענט איז אַמאָל געווען אַ טייערע מידה: מען האָט געקאָנט זיצן אין אַ קאַפע־הויז שעה׳ן־לאַנג ביי אַ גלאָז קאַווע און דער קעלנער פלעגט

כסדר ליווערן צייטונגען, זשורנאַלן, גלעזער וואַסער און אַפילו צוטראָגן אַ שוועבעלע צו אַ פּאַפּיראָס.

איך זיץ אין דעם קאַפע־הויז שוין אַ מעשה פון דריי שעה. איך האָב אין משך פון דער צייט באַוויזן אויסצולייענען פאַרשיידענע צייטונגען, וואָכנבלעטער, זשורנאַלן — און פראַנצאַס קומט נישט.

איך ווער אַ שטיקל „האַזאַרדער". איך טרינק נאָך אַ קאַווע און פאַרבייס מיט אַ ווייך, פּוכקע זעמעלע, ווערעס טעם רייצט דעם אַפּעטיט . . . איך נעם ביים קעלנער אַ פּעקל פּאַפּיראָסן אויפ'ן חשבון פון מיין פּערזענלעכער „משכנות". דער קעלנער איז צו מיר זער העפלעך און גנעדיק; ער האָט פאַר זיך אַ „גוטן־גאַסט", וואָס קאָנסומירט, און עס דערוואַרט אים אַ גוט טרינק־געלט . . .

דער זייגער אויף דער וואַנט (מיין זייגער איז שוין פון לאַנג פאַרזעצט געוועזן ביים „פעטער" אין לאָמבאַרד...) ווייזט בולט, אַז ס'איז שוין צוויי נאָכמיטאָג און מיין „גואל", זכריה פראַנצאַס, וועלכער דאַרף מיך אויסלייזן פון דעם ביטערן גלות, קומט נישט! ווער איך שוין נערוועז און האַלט אין איין רויכערן. דאָס פּעקל מיט פּאַפּיראָסן, וואָס איך האָב גענומען ביים קעלנער, איז שוין אַוועק מיט'ן רויך און איך בעט נאָך אַ פּעקל . . .

די קעלנער, דאַרף מען וויסן, זיינען שטיקלעך פּסיכאָלאָגן און זיי דערקענען דעם גאַסט זייערן, אויב עפּעס איז מיט אים נישט אין אָרדענונג . . .

דער קעלנער האָט אפנים באַמערקט מיין נערוועזיטעט, ווי איך קוק כסדר אַרויס אין גאַס און ווער ממש אויפגעציטערט פון דעם קלענסטן באַריר מיט דער טיר, וווהין איך וואַרף אומגעדולדיקע בליקן אין מיין דערוואַרטונג, אַז פראַנצאַס קומט — און ער קומט נישט!

עס ווערט פיר נאָכמיטאָג! דער קעלנער טוישט זיך מיט דער אַרבעט און ער קומט צו מיין טיש מיט'ן חשבון . . . ער פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אים באַצאָלן, וואָס אים קומט. בעט איך אים, אַז ער זאָל דעם חוב מיינעם איבערגעבן צו זיין קאָלעגע דעם קעלנער, וועלכער לעזט אים אָפּ פון דער אַרבעט, ווייל איך וואַרט אויף מיין קאָלעגע, דעם „גואל".

באין־ברירה נעמט דער צווייטער קעלנער איבער מיין חוב, און ער האָט אויף מיר אַ שטאַרקן פאַרדאַכט . . . ווען איך דאַרף גיין אין אַ מקום, וווּ „דער קיסר גייט צופוס", קוקט ער אויף מיר מיט אַ סך חשד, ווי אַן אויפזעער פון אַ תפיסה קוקט אויף אַן אַרעסטאַנט.

איך בין אָבער אַלץ הונגעריק און באַשטעל נאָך אַ גלאָז קאַווע. דער קעלנער ברענגט מיר די קאַווע און מאַכט מיך העפלעך אויפמערקזאַם, אַז דאָס איז די לעצטע קאַווע, וואָס ער האָט מיר געגעבן, ביז איך וועל אים נישט באַצאָלן דעם חוב . . .

ענדלעך אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט — ברוך הבא! —פראַנצאַס איז געקומען . . .

ווען איך האָב דערזען מיין „גואל" האָב איך נישט געוווסט וואָס איך זאָל טאָן: צי וויינען פאַר פרייד, אָדער אים אָנכאַפּן ביים האַלז און ווארגן... גאַנצע צען שעה, וואָס האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי צען אייביקייטן, האָב איך אויף אים געוואַרט. אָבער ווען איך האָב דערזען זיין לאַנגע נאָז מיט'ן איינגע־פאַלענעם פּנים און די אויסגעלאָשענע אויגן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף אים באַדויערן און נישט ער מיך! אין יענעם שרעקלעכן אויגנבליק האָט פראַנצאַס אָנגעהויבן ממש צו וויינען און ער האָט מיר דערציילט די פאָלגענדע מעשה:

אַרום ניין אַזייגער אין דער פרי, ווען ער האָט פאַרלאָזן דאָס קאָפּע־הויז, האָט ער געטראָפן אַ „יאָלד", ביי וועמען ער האָט זיך אויסגעבאָרגט הונדערט קראָן. אָבער אַנשטאָט ער זאָל צוריקקומען צו מיר אין קאָפּע־הויז מיך אויס־צולייזן פון גלות, האָט אים דער „יאָלד" מיטגענומען אין אַ געהיימער „מלינה" אַריין צו שפּילן אַ קערטל מיט אַ חברה „גוטע ברידער". לכתחילה, האָט פראַנ־צאַס געוואונען. ער האָט כסדר געוואָלט אויפשטיין און פאַרלאָזן די קנייפּע, אָבער ער איז ווי צוגעשמידט געוואָרן צום אָרט און האָט נישט געקאָנט אוועקגיין.

דאָס מזל האָט מיט אים זיך געשפּילט, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז: אָט געווינט ער, אָט פאַרשפּילט ער און אַזוי דעם גאַנצן טאָג. ער האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען, און אין גאַנצן פאַרגעסן אין מיר...

פראַנצאַס איז אויף אַן אמת געווען שטאַרק צעבראָכן. ער האָט ערשט דאַן פאַרשטאַנען די ביטערע מערכה פון אַ קאָרטנשפּילער, וואָס קוים פאַלט ער אַריין אין דער נעץ פון קאָרטן, פאַרגעסט ער אין אַלעם! גאָרנישט עקזיסטירט דאַן פאַר אים אין דער וועלט, אַחוץ די קאָרטן. אָבער נאָכ'ן שפּילן בלייבט עפּעס אַזאַ פּוסטע לײדיקייט...

פראַנצאַס פאַרמאָגט נישט קיין פּרוטה ביי דער נשמה! די הלוואה האָט ער אויך פאַרשפּילט... ער וויל ווידער פאַרלאָזן דאָס קאָפּע־הויז, כדי אויפ־צוזוכן אַ פרישן „יאָלד", וואָס זאָל ווערן אַ קרבן פון אַ פרישן הלוואה'לע, אָבער איך לאָז פראַנצאַס'ן מער נישט פון די אויגן...

— „נישט ביי מאָטיען", — מאַך איך אַ באַמערקונג. — גענוג געווען פאַר'משכונ'ט אין דעם קאָפּע־הויז... איצט בלייב דו אַביסל פאַר'משכונ'ט און פיל אויך פון דעם ביטערן טעם, וואָס איך האָב געפילט גאַנצע צען שעה!

צופעליק איז אין קאָפּע־הויז אַריינגעקומען אונזער ביידנס אַ באַקאַנטער סוחר, וועלכער האָט אונז אויסגעבאָרגט אַ פאַר קראָן, וואָס האָבן געסטייעט צו באַצאָלן דעם קעלנער, און איך בין אויסגעלייזט געוואָרן פון דעם ביטערן, פאַר'משכונ'טן גלות...

# אויף פֿאַרבלאָנדזשעטע וועגן

## יידישע פויערים פארן צו א טעאטער־פארשטעלונג און ווערן באפאלן פון א סטאדע וועלף

אין קאַרפּאַטאָרוס איז פאַראַן אַ חצי־דאָרף און חצי־שטעטל מיט׳ן נאָמען יאַסינאַ, וואָס ליגט אין אַ טיפן טאָל און איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט הויכע בערג, וואָס שטאַמען אוודאי נאָך פון ששת ימי בראשית.

דאָס דאָזיקע דאָרף, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ מהלך פון 15 וויאָרסט, האָט זיך געגרענעצט מיט גאַליציע. די טשעכישע באַאַמטע, וועלכע האָבן געוווינט אין יאַסינאַ, האָבן דאָס מקום באַצייכנט אַלס „דאָס סיביר פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק״, ווייל פון דאָרט ביז פּראַג האָט די נסיעה געדויערט 25 שעה מיט׳ן שנעלצוג.

יאַסינאַ איז געווען באַפעלקערט פון פּראַוואָסלאַווער רוטענער, וואָס האָבן גערעדט אויף אַ לשון, צוזאַמענגעשטעלט פון אוקראַיניש, קליין־רוסיש און פון סלאָוואַקישע אויסדרוקן.

אין יאַסינאַ האָבן געוווינט לערך 180 יידישע משפחות. אָבער היות די דאָרטיקע יידן האָבן געהאַט אַ סך קינדער, אַ 10 נפשות אין יעדער משפחה, איז דער דאָרטיקער יידישער ישוב געווען אַ ניש־קשה׳דיקער און ער האָט געליווערט אַ סך קאָנסומענטן פאַר אונזערע פאָרשטעלונגען.

אין די שכנות׳דיקער דערפער פון יאַסינאַ האָבן געוווינט אַ גרעסערע צאָל יידישע פויערים, וואָס זיינען געווען שטאַרקע ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער און זיי פלעגן קומען צו אונזער פאָרשטעלונגען מיט זייער גאַנצן הויז־געזינט.

די דאָזיקע ווילע יידישע פויערים, וואָס זיינען געווען אין זייער פריי־מיטיוון לעבן תמימות׳דיק, האָבן אין דעם יידישן טעאַטער געזען פאַר זיך אַן אַנדערע, פאַר זיי אומבאַקאַנטע וועלט.

אָרים זיינען זיי געווען, די דאָזיקע יידישע פויערים, ווי אָרים ס׳זיינען געווען די איינזאַמע, אומעטיקע פייסאַזשן פון זייער לענדעלע. אָבער די ער־לעכקייט און דאָס פשטות האָט אַראָפּגעשיינט פון זייערע אויגן.

אָט די דאָזיקע טייערע, פאָלקסטימלעכע יידישע פויערים, פלעגן קומען צו אונזערע טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון די פאַרוואָרפנסטע ישובים, וואָס זיינען געלעגן דערווייטערט פון יאַסינאַ צו 30 וויאָרסט און פון נאָך ווייטערע מקומות. געקומען זיינען זיי אויף דראָבניאַסטע וועגענער, איינגעשפּאַנט אין פערד אָדער אין אָקסן, וועמעס רייזע פלעגט דויערן שעה׳ן־לאַנג.

אָבער געקומען זיינען זיי!

היות זיי זיינען געווען בלוטיקע אָרימעלייט און זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר די בילעטן צו די פאָרשטעלונגען, פלעגן זיי זיך אָפּשפּאָרן דעם ביסן פון מויל און מיטגעבראַכט אַביסל מעל, אייער, שוואָמען,

אויבסט און אַנדערע זאַכן, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט צו די דאָרטיקע יידן, כדי פאַר דעם געלט צו קויפן בילעטן . . .

אין יאסינא פלעגט מען שפילן יידיש טעאַטער ס׳רוב אין ווינטער, ווייל אין זומער זיינען די דאָרטיקע יידישע פויערים געווען באַשעפטיקט ביי דער אַרבעט אויף די פעלדער. דער מורא׳דיקער דלות האָט די יידן נישט דער־לויבט דעם לוקסוס אָפּצודינגען די דאָרטיקע אָרימע פויערים, וואָס וואָלטן די מלאכה געטון פאַר פרוטות. דעריבער פלעגט דאָס גאַנצע יידישע הויז־געזינט זיך איינשפּאַנען אין דער אַרבעט צו אַקערן און פאַרזייען זייערע ביד־נע, פאַרשטייניקטע פעלד־נחלות, ווייל זיי האָבן ממש נישט געהאַט קיין איבעריקע פרוטה צו באַצאָלן פאַר אַרויסהעלפן זיי אין דער פעלד־פראַצע.

צוליב מורא פאַר וועלף, וואָס האָבן אין די שווערע, פראָסטיקע ווינטער־צייט, גראַסירט אין די דאָרטיקע וועלדער, פלעגן די יידן אָנצינדן גרויסע שטורקאַצן אויף זייערע שליטנס, כדי די ליכטער זאָלן פאַרטרייבן די ווילדע חיות, וואָס האָבן געלויערט אויף מענטשלעכע קרבנות, צו שטילן זייער הונגער.

אין אַ ווינטערדיקן מוצאי־שבת, איידער מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אונזער פאָרשטעלונג, איז געקומען צו לויפן אַ יידישער רייטער אויף אַ פערד און ביי אונז געבעטן, אַז מיר זאָלן אָפּוואַרטן מיט׳ן „שפּיל״ (פאָרשטעלונג), ווייל אַ קאַלאָנע פון יידישע פויערים, וואָס פאָרן קיין יאסינא, האָט זיך פאַר־האַלטן אין וועג און פירט אַ מלחמה מיט אַ סטאַדע וועלף, וואָס איז זיי באַפאַלן . . .

מיר האָבן געוואַרט מיט דער פאָרשטעלונג לערך צוויי שעה צייט, ביז מיר האָבן פונדערווייטנס באַמערקט אַ גרעסערע צאָל אָנגעצונדענע שטור־קאַצן, וואָס האָבן אין דער נאַכט־פינסטערניש באַלויכטן דעם חלל, ווי הבדלות, און אַ מעכטיק געזאַנג האָט דורכגעריסן די דאָרפישע נאַכט־שטילקייט. די דאָרפס־יידן האָבן געזונגען דעם „בעל־שמ׳ס ניגון״, וועמעס טענער האָבן גע־קלונגען ווי אַ מעכטיקע לויב־תפילה צום רבונו־של־עולם, וועלכער האָט זיי אינמיטן וועג מציל געווען פון אַן אומגליק.

טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אונזערע אויגן, דערזעענדיק אַן עדה יידישע פויערים, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס און זיינען פון די מרחקים געקומען אין אַ שביתות־צו־נאַכטס צו אונזערער אַ פאָרשטעלונג! זייערע אויגן האָבן געשיינט פאַר פרייד און דאַנקבאַרקייט, ווייל מיר האָבן געוואַרט אויף זיי מיט דער פאָרשטעלונג און זיי נישט פאַרשעמט, חלילה.

# אנגע׳שיכור׳ט א פראוואסלאוונע גלח׳ל, כדי ארויסצוגנב׳ענען פון דער צערקווע א פוס-ארגל

געשפּילט האָבן מיר אין יאסינא אין אַ זאַל, וואָס האָט געהערט צו אַ יידישן „האָטעל״, מיט׳ן נאָמען „קאָראָנאַ״.

די אייגנטימערין פון דעם „האָטעל״ האָט געהייסן רחל ציפּסער; אַ פרוי, וואָס הגם זי איז שוין געווען אַ זקנה פון קרוב 70, איז זי נאָך געווען שטאַרק ווי אַ ריז און זי פלעגט פּאַטשן די פויערים, וואָס האָבן זי באַליידיקט, אָדער מיט עפּעס באַ׳עוול׳ט.

אָט די אשת-חיל, אַ פּשוט׳ע יידישע פרוי מיט אַ פויערישן כאַראַקטער, האָט שטאַרק ליב געהאַט יידיש טעאַטער און זי פלעגט וויינען מיט ביטערע טרערן ביי אַ פּיעסע, וועמעס האַנדלונג האָט פאַרמאָגט אַ דראַמאַטישע סיפּור-המעשה.

דער זאַל, ווו מיר האָבן געשפּילט, האָט נישט פאַרמאָגט קיין עלעקטריש ליכט, ווייל אין יאסינא האָט מען זיך נישט געניטיקט אין אַזאַ „לוקסוס״.

דאָס אימפּראָוויזירטע בינעלע, וואָס מיר האָבן דאָרט אויפגעשטעלט, איז געווען אָנגעלענט אויף פעסער און ברעטער, און אינ׳ם „טעאַטער-זאַל״ זיינען געווען אויסגעשטעלט גרויסע פויערישע בענק, ווייל קיין בענקלעך זיינען נישט געווען.

ווען מיר האָבן געוואָלט אויפפירן אַ פּיעסע, וואָס אַנטהאַלט אויך עטלעכע נומערן מוזיק האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין גאַנץ יאסינא איז נישט בנמצא קיין שום מוזיקאַלישער אינסטרומענט, שוין אָפּגערעדט פון אַ קלאַוויר, אָדער אַ פּיאַנאָ.

די פרוי ציפּסער לאָזט רופן דאָס גלח׳ל פון דער דאָרטיקער פּראָוואסלאַוו-נער צערקווע און בעט ביי אים, אַז ער זאָל אויסבאָרגן אויף עטלעכע טעג דעם אָרגל, וואָס פּוסטעוועט אין זיין קירכע. דאָס גלח׳ל וויל אָבער נישט הערן פון דעם פאָרשלאַג און אַנטשולדיקט זיך, אַז ער קאָן נישט לאָזן פאַר-אומרייניקן דאָס „הייליקע אינסטרומענט״ לטובת אַ יידישער טעאַטער-פאָרשטעלונג.

איך גיי שפּעטער אַהיים צום גלח׳ל און אַפּעליר צו זיין „קריסטלעך גע-וויסן״, אַז ער זאָל נישט זיין אַזוי איינגע׳עקשנ׳ט און אונז אויסבאָרגן דעם אָרגל. איך מאַך אים אַ פאָרשלאַג צו געבן אַ נדבה לטובת דער פּראָוואסלאַוו-נער צערקווע, אָבער ס׳העלפט נישט. דער גלח טענה׳ט, אַז ער קאָן אויף זיך נישט נעמען אַזאַ גרויסע „עבירה״ און „מטמא זיין״ זיין אָרגל, וואָס שפּילט אין די פּראַוואסלאַוונע ימים-טובים הייליקע-תפילות. ניין, ער וועט בשום-אופן נישט דערלאָזן פאַראומרייניקן דעם אָרגל מיט די „גאָטלאָזע לידער״ פון יידישן טעאַטער.

אין אַ מאָמענט, ווען דאָס גלח׳ל איז אַריין אין צווייטן חדר, גיט מיר זיין פּלונית׳טע אַן עצה:

— גיט אים אַ טרונק בראָנפן און ער וועט שוין ווערן ווייכער . . .

געפעלט מיר גאָר שטאַרק די עצה־טובה און איך פּאַרבעט דעם פּאַר־שטייער פון דער „הייליקער פּראַוואָסלאַוונער קירכע״ אין אונזער האָטעלכל, און אין אַ שעה אַרום איז מיר געלונגען אים אַזוי אָנצו׳שיכור׳ן, אַז ער האָט נישט געוווסט אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך.

איך האָב פון זיינע הויזן־קעשענעס אַרויסגענומען די שליסל פון דער צערקווע, ווו ס׳איז געשטאַנען דער קליינער פּוס־אָרגל, און מיט דער הילף פון צוויי אַקטיאָרן האָבן מיר די כלי אויפגעלאָדנט אויף אַ וואָגן און זי גע־בראַכט אין זאַל, ווו מיר האָבן געגעבן אונזערע פאָרשטעלונגען.

צומאָרגנס, ווען דאָס גלח׳ל האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיין פאַר׳־שיכור׳טן טשאַד, איז ער אונז באַפאַלן מיט אַ טענה, אַז ער וועט אונז פאַר׳־מסר׳ן צו דער „פּראַוואָסלאַוונע צערקאָווני וולאַסט״, אַז איך האָב אים אָנגע־שיכור׳ט מיט אַ כוונה, כדי פון זיינע הויזן־קעשענעס אַרויסצו׳גנב׳ענען די שליסל פון דער צערקווע.

ווען די אַלטע פּרוי ציפּסער האָט געהערט פון דער מעשה, האָט זי אים אָנגענומען פאַר די לאַצן פון זיין גלח׳ישן בגד און אָנגעהויבן מיט אים צו שאָקלען, ווי מיט אַ לולב . . .

— איך וועל דיר געבן „פּראָסקעס״ (פּעטש) — האָט זי אים געדראָט. — מסר׳ן וועסטו אונז, דו דוראַק, וואָס דו ביסט! . . . נאַ, מאַך אַ טרינק און שווייג . . .

דער סוף פון דער מעשה איז געווען אַזאַ:

דריי מעת־לעת איז דאָס פּראַוואָסלאַוונע גלח׳ל געלעגן אַ שיכור׳ער ווי לוט אין אַ פאַרשלאָסענעם חדר׳ל פון פרוי ציפּסערס „האָטעל״, ווו מיר האָבן געוווינט.

ערשט אויפ׳ן לעצטן טאָג, ווען מיר האָבן מער זיך נישט גענויטיקט אין דעם פּראַוואָסלאַוונעם אָרגל, האָבן מיר די כלי צוריקגעבראַכט אין דער צערק־ווע. ווען דאָס גלח׳ל האָט זיך געהאַט אויסגעניכטערט האָט ער מיר פאַרזי־כערט, אַז ווען מיר וועלן נאָך אַמאָל קומען קיין יאַסינאַ, זאָל איך קומען צו אים און ער וועט מיר אויסבאָרגן דעם אָרגל, אַפילו ווען איך וועל אים נישט אָנ׳שיכור׳ן . . .

## צווישן חסיד׳ישע „דרעליעס״ און „שמויגערס״

איך האָב אין אַ פריערדיק קאַפּיטל שוין דערציילט, ווי אַזוי איך בין אין יאָר 1924 געקומען צו דער „שטראַמער־טרופּע״, וואָס האָט דעמאָלט גאַסטראָ־לירט אין מונקאַטש, איינע פון די פרומסטע און מערקווירדיקסטע יידישע שטעט אין דעם קאַרפּאַטאַרוס׳ער מדינה׳לע, (וואָס איז אין יאָר 1945 „אָנגע־שלאָסן״ געוואָרן צו סאָוויעט־רוסלאַנד און בילדעט איצט אַ פּראָווינץ פון מערב־אוקראַינע)).

מונקאַטש איז אין יענער צייט געווען טרויעריק באַרימט מיט אירע סקאַנדאַליעזע מחלוקות, וואָס האָבן זינט יאָרן זיך געפירט צווישן די מונ־קאַטשער מיט די בעלזער חסידים. די בעלזער האָבן באַצייכנט די מונקאַטשער אַלס „שמויגערס״, און די מונקאַטשער — די בעלזער — אַלס „דרעליעס״...

אין די יידישע לעקסיקאָנען, ווערטער־ביכער און ענציקלאָפּעדיעס וועט מען נישט געפינען די טערמינען — „דרעליעס״ און „שמויגערס״, אָדער זייער טייטש. אָבער ווען מען האָט פאַרבראַנגט אין מונקאַטש בלויז עטלעכע טעג און מען איז אַריינגעצויגן געוואָרן אינ׳ם אומהיימלעכן לאַבירינט פון די חסיד׳ישע קאַמפן און מחלוקות, וואָס זיינען דאָרט געפּראַוועט געוואָרן, האָט מען זיך דערוווסט, וואָס אָט די ווערטער באַטייטן.

די מונקאַטשער חסידים, וואָס זיינען געווען אין אַ שטאַרקער מאַיאָריטעט, האָבן אויף אַ מורא׳דיקן אופן פאַרפאָלגט די בעלזער חסידים און זיי באַשימפט אַלס „דרעליעס״, באשר דאָס חסידות פון די בעלזער — האָבן זיי גע׳טענה׳ט — איז געגליכן צו אַ „גאַלעריטע״ (דרעליע, אויפ׳ן מונקאַטשער לשון), וואָס איז קאַלט און שאָקלט זיך . . .

אַלס נקמה, האָבן די בעלזער חסידים באַשימפט די מונקאַטשער מיט „שמויגערס״, וואָס די ראשי־תיבות פון דעם וואָרט באַטייטן: „שגץ, מסור, ווויטיק״, וכדומה.

די בעלזער חסידים האָבן געטראָגן אַ בייז האַרץ אויפ׳ן מונקאַטשער רבי׳ן און אויף זיינע חסידים, וועלכע זיינען באַשולדיקט געוואָרן, אַז אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען צוליב דעם אַריינמאַרש פון די צאַרישע אַרמייען קיין גאַליציע, האָט דער בעלזער רבי געמוזט אַנטלויפן קיין מונ־קאַטש, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו אונגאַרן, וווּ ער האָט געהאַט אַ גע־וויסע צאָל חסידים. דער מונקאַטשער רבי האָט אָבער נישט געוואָלט האָבן אין זיין שטאָט קיין רבי׳ישן „קאָנקורענט״ און ער האָט, (אַזוי האָט מען דע־מאָלט מיך אינפאָרמירט), פאַר׳מסר׳ט דעם בעלזער רבי׳ן ביי דער אונגאַרי־שער רעגירונג, אַז ער איז אַ „רוסישער שפּיאָן״! . . .

די דאָזיקע גרויזאַמע באַשולדיקונג און מסירה האָט שטאַרק צעפלאַקערט די מחלוקה צווישן די מונקאַטשער און די בעלזער חסידים, ווען מיאוס׳ע

מעשים האָבן אָנגענומען סקאַנדאַליעזע און אָפטמאָל אויך גראָטעסקע פאָרמען.

איינמאָל, אַ שבת ביים דאַווענען, האָב איך בייגעוווינט די פאָלגענדע פיינלעכע סצענע אין דער מונקאַטשער שול.

דער גבאי איז געווען אַ הייסער מונקאַטשער חסיד, וועלכער האָט בשום־אופן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז אַ „דרעליע" (דאָס הייסט אַ בעלזער חסיד) זאָל באַקומען אַן עליה. אין דער שול האָט אויסגעבראָכן אַ ביטער געשלעג צווישן די זיך באַקעמפנדיקע צדדים, צו וועלכע עס זיינען אויך צוגעשטאַנען סתם יידן, וואָס האָבן געוואָלט צערייסן דאָס געשלעג, און ס׳איז זיי נישט געלונגען!

פון די קעפּ זיינען געפלויגען שטריימלעך, שטיקער אויסגעפליקטע בערד און פּיאות; גאַרטלען מיט טליתים, פּאַטשיילעס און שטעק־שיך האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אינ׳ם קנויל צעהיצטע יידן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אויף גאָרנישט קיין יידישן, און אוודאי נישט קיין חסידישן שטייגער . . .

* * *

נישט געקוקט אויף די פיינלעכע חסידישע מחלוקות צווישן די בעלזער און די מונקאַטשער, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן דריי צענדליק יאָר, ביז צום היטלערישן חורבן אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי, פונדעסטוועגן האָט צווישן זיי געהערשט אַ מין שטילער אחדות, אַז יידיש טעאַטער איז אַ מצווה צו באַקעמפן און אונזערע פאָרשטעלונגען זיינען טריפה ווי חזיר!

נישט איינמאָל האָט דער מונקאַטשער רבי, ר׳ חיים אליעזר שפּירא, גע׳אסר׳ט דעם „דיבוק", „טאָג און נאַכט" און אַ ריי אַנדערע פּיעסן, וואָס מיר האָבן אויפגעפירט אין מונקאַטשער שטאָטישן טעאַטער. נישט איינמאָל האָבן מיר געמוזט ענדערן דעם רעפּערטואַר, כדי נישט צו דערצאָרנען דעם רבי׳ן פון מונקאַטש און אַ ריי אַנדערע רביים און רבנים פון קאַרפּאַטאַרוס, וואָס האָבן אונז שטאַרק פאַרפאָלגט און נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז מיר זאָלן „פאַרדאַרבן" די יידישע יוגנט, וואָס האָט אַ סך מאָל, אין געהיים, געבראָכן די איסורים און חרמות פון די דאָרטיקע רבנים און איז יאָ געקומען צו אונזערע פאָרשטעלונגען.

אין יענע יאָרן האָט אין קאַרפּאַטאַרוס שוין עקזיסטירט אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעפירט אַן עקשנות׳דיקן אָפּווער און פּאַרטיידי־קונגס־קאַמף קעגן דעם מונקאַטשער רבי׳ן, וועלכער האָט אויך מורא׳דיק באַקעמפט דעם ציוניזם און די ציוניסטישע באַשטרעבונגען.

דער מונקאַטשער רבי האָט אויך אָנגעפירט אַ ביטערע מלחמה קעגן די העברעאישע שולעס און גימנאַזיעס, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אין אַ גרעסערע צאָל שטעט און שטעטלעך פון קאַרפּאַטאַרוס, און ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג זאָל סובסידירן די דאָזיקע ציוניסטישע לערן־אַנשטאַלטן מיט דעם אויסרייד, אַז די העברעאישע

שולעס פאַרשפּרייטן אפּיקורסות צווישן דער יידישער יוגנט און זיינען נעסטן פון „גאַטס־לעסטערונג“, וכדומה.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען קיין מונקאַטש, האָבן די דאָרטיקע ציוניסטישע פירער מיר געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז איך זאָל דאָרט פאַר־בלייבן און גרינדן אַ יידיש וואָכנבלאַט, וואָס וועט געשטיצט ווערן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

הגם די יידן פון דעם קאַרפּאַטאַרוס'ער מדינה'לע האָבן גערעדט יידיש און שטאַרק ליב געהאַט אונזער מאַמע־לשון, פונדעסטוועגן איז דאָרט נישט דערשינען קיין שום יידישע צייטונג, ווייל ס'זיינען (מיט'ן אויסנאַם פון דעם איין און איינציקן יידיש־אונגאַרישן זשורנאַליסט, אַלעקסאַנדער זויבער) נישט געווען קיין יידיש־רעדנדיקע זשורנאַליסטן, וואָס זאָלן זיין אימשטאַנד צו רעדאַגירן אַ יידישע צייטונג. איך האָב געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז אַ יידישע וואָכנצייטונג וועט דאָרט מצליח זיין און איך האָב מיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

אין מונקאַטש האָבן עקזיסטירט עטלעכע גאָר־קליינע יידישע דרוקערייען, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַ ביסל יידישע שריפט, וואָס האָט געקלעקט אויסצו־זעצן מיט דער האַנט אַ קליין בלעטל, אָבער נישט קיין צייטונג.

קיינער פון די דאָרטיקע יידישע דרוקער, וועמען איך האָב געוואָלט פאַר־אינטערעסירן אין דער זאַך, האָבן אויסגעדריקט זייער צווייפל, צי ס'לוינט זיך פאַר זיי אַרויסצוגעבן אַ „בלעטל“ אין יידישן לשון.

אַן אויסנאַם איז געווען דער יידישער דרוקער (מייזעלס האָט ער געהייסן), וועלכער האָט אין צענטער פון שטאָט געהאַט אַ גרויס פּאַפּיר־געשעפט מיט אַ ניש־קשה'דיקער דרוקעריי און ער האָט יאָ אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע פאַר־אינטערעסירונג צו מיין פאָרשלאַג.

דער באַטרעפנדיקער יידישער בוך־דרוקער איז שוין געהאַט געווען אין אַמעריקע און ער האָט געוווסט וועגן דער וויכטיקער באַדייטונג פון אַ יידי־שער צייטונג. אָבער איין גרויסע מניעה איז אַנטשטאַנען, וואָס אויך זיין דרו־קעריי האָט נישט פאַרמאָגט די געהעריקע צאָל יידישע אותיות, וואָס זאָל זיין גענוג אויסצוזעצן מיט דער האַנט אַ קליינע צייטונג פון לפּחות 4 זייטן. כדי צו באַשטעלן יידישע שריפט פון אויסלאַנד, וועט דויערן אַ לענגערע צייט, מינדעסטנס 2 חדשים און אפשר נאָך מער. אָבער דער עיקר איז געווען, אַז ער האָט מסכים געווען מיט מיין פאָרשלאַג.

מיר האָבן צווישן זיך גע'חתמ'עט אַן אָפּמאַך, אַז איך זאָל זיין דער רע־דאַקטאָר פון דער צייטונג, און ביז די שריפט וועט אָנקומען האָב איך ווייטער עולה־רגל געווען מיט'ן יידישן טעאַטער, וועמעס טורנעע האָט מיך פאַרשלעפּט איבער דער לענג און דער ברייט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער מדינה.

ענדלעך, נאָך 3 חדשים באַקום איך אַ פאַרשטענדיקונג פון דעם יידישן דרוקער, אַז די שריפט איז מיט מזל אָנגעקומען און ער בעט מיך, אַז איך זאָל

תיכף קומען קיין מונקאַטש זיך נעמען צו דער אַרבעט, דאָס הייסט רעדאַגירן די נייע וואָכנצייטונג, וואָס וועט הייסן „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט".

ווען איך בין אין עטלעכע טעג אַרום אָנגעקומען קיין מונקאַטש האָב איך, צו מיין גרויסן צער, זיך דערוווסט, אַט — וואָס: ווען די זעצער האָבן אָנגעהויבן אויסצוסאָרטירן די בוכשטאַבן אין זייערע זעץ־קאַסטנס האָבן זיי אויסגעפונען, אַז ס'פעלן אויס די „אלף'ן" . . . די דייטשע שריפט־גיסעריי אין לייפציג, וואָס האָט געליווערט די יידישע שריפט האָט געמאַכט אַ טעות און אַנשטאָט די „אלף'ן" האָט זי אונז געשיקט טאָפּלטע פּאָרציעס „בית'ן" . . .

מיר הויבן אָן צו קאָמבינירן און זוכן עצות, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז אָן די „אלף'ן" קען מען נישט זעצן קיין צייטונג.

מען טעלעגראַפירט קיין לייפציג וועגן דעם ביטערן ענין און ס'קומט אָן אַ תשובה מיט דער דייטשער „העפלעכער" אַנטשולדיקונג פאַר דעם באַגאַנגענעם טעות. אין דער תשובה ווערט פאַרזיכערט, אַז העכסטנס אין אַ חודש אָדער אין זעקס וואָכן אַרום וועלן אַרויסגעשיקט ווערן די „אלף'ן" . . .

איך הויב אָן צו מעסטן די גאַסן פון מונקאַטש און ווער ממש משוגע פון אַרומדרייען זיך ליידיק, נישט טוענדיק די האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריין. פאַלט מיר איין אַ געדאַנק.

אפשר זיך אַרויסלאָזן איבער די יידישע שטעטלעך פון קאַרפּאַטאַרוס און פאַר די דאָרטיקע יידן רעציטירן דעם „דיבוק"? אפשר אויך מיט רעפעראַטן, כדי דורכצושטופּן די צייט, ביז ס'וועלן פון יעקע־לאַנד אָנקומען די אויספעלנדע אלף'ן?

איך האָב מיין פאָרשלאַג איבערגעגעבן דער לייטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין מונקאַטש און זי האָט תיכף פאַרשטענדיקט אַ געוויסע צאָל פון אירע פאַרטרויאונגס־מענטשן אין דער פּראָווינץ, אַז זיי זאָלן פאַר מיר איינאָרדנען רעציטאַציעס פון ש. אַנ־סקי'ס „דיבוק", וועמעס פּיעסע איז אין יענע יאָרן געווען שטאַרק פּאָפּולער, אַפילו אין אַזאַ אָפּגעשטאַנען לענדל, ווי קאַרפּאַטאַרוס.

---

# איך רעציטיר דעם „דיבוק" און פאר שרעק האט א פרוי מפיל געווען . . .

מיין ערשטער ארויספאר איז געווען אין דעם חצי־שטעטל און חצי־דערפל מיט׳ן נאמען יאסינא, וואס איך האב שוין דערמאנט אין א פריערדיק קאפיטל.

מיין „דעביוט" אלס רעציטאטאר איז פארגעקומען אין דער דארטיקער העברעאישער שולע, וואס איז געווען געפאקט מיט אן עולם יידן, פרויען און זקנים און בעיקר יונגוואַרג, וואס האבן מיט גרויס שפאנונג דערוואַרט דעם „אָוונט".

כדי די רעציטאציע זאל טראגן א „מיסטישן כאראקטער", האב איך גע־הייסן אויסלעשן די קארביד־לאמפן און ביי דעם שוואכן שיין פון צוויי ליכט האב איך אנגעהויבן צו רעציטירן.

לייענענדיק די ערשטע בלעטלעך האב איך געהאט דעם איינדרוק, אז די „שווערע עברי", דאס הייסט, די פראזע פון „דיבוק" איז פאר די דאר־טיקע יידן א שווערער ביסן און זיי האבן די „דיבוק"־פראזע נישט געקאנט צעקייען . . . אבער דער עולם זיצט מיט גרויס דרך־ארץ און אינ׳ם זאל הערשט אן אימה׳דיקע שטילקייט, אז מ׳האט געקאנט דערהערן דאס זשומען פון א פליג.

נאכ׳ן ערשטן אקט איז פארגעקומען א קליינע הפסקה.

דער עולם שוויגט און איז קארג אויסצורעדן א ווארט. דאס איז פאר מיר געווען נישט קיין גוטער סימן. אבער איך נעם מיך צוזאמען און הויב אן מיט׳ן צווייטן אקט, וועמעס אקציע איז שוין אביסל אן אויפגעהייטערטע. ס׳איז דאך א חתונה און די שטימונג איז ביים עולם שוין א בעסערע.

ווען איך האב אנגעהויבן צו דעמאנסטרירן די מיסטישע שטימע פון „משולח" וועלכער זאגט אן די בשורה, אז „אין דער כלה איז אריין א דיבוק", איז צווישן דעם עולם אנטשטאנען א שטארקע סומאטאכע. ס׳האט זיך געהערט דאס קרעכצן און שרייען פון א פרוי, וועמעס יללות האבן דעם עולם דער־שיטערט.

איך רייס איבער דאס רעציטירן און ווער געוואויר, אז א שוואנגערע פרוי, אין די הויכע חדשים, האט זיך אזוי שטארק איבערגענומען מיט דעם עניק, אז זי האט פאר פחד (פאר׳ן „דיבוק") מפיל געווען . . .

איך האב נישט פארענדיקט דאס רעציטירן דעם „דיבוק" און האב דעם זעלבן אוונט פארלאזן דאס שטעטל.

מער האב איך דעם „דיבוק" נישט רעציטירט . . .

---

# יידישער „מאַרעוויכער" דערלאָזט נישט שפּילן אַ פּיעסע, וואָס רירט אָן זיין „כבוד" . . .

די טראַגישע געשעעניש אין יאַסינאַ, ווו אַ יידיש ווייבל האָט פאַר שרעק מפּיל געווען בעת איך האָב רעציטירט דעם „דיבוק", איז געווען פאַר מיר אַ ביטערע לעקציע און אַן אָנדייטונג, אַז איך מוז אויפגעבן מיין „קאַריערע" אַלס רעציטאַטאָר און מוז זיך ווידמען עפּעס אַן אַנדער באַשעפטיקונג, ביז ס'וועלן פון דייטשלאַנד אָנקומען די „אלף'ן", כדי אַרויסצוגעבן די מונקאַטשער יידישע וואָכנצייטונג.

אין צווישן באַקום איך אַן איינלאַדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אונגוואַר, די הויפּטשטאָט פון קאַרפּאַטאָרוס, אַז דאָרט האָט זיך געגרינדעט אַ יידישער אַמאַטאָרן־פאַריין, וועלכער וויל אויפפירן די פּיעסע „גנבים" פון פישל בימקא. היות זיי ווייסן, אַז איך בין אַ שטיקל טעאַטראַל בעטן זיי מיך, אַז איך זאָל צו זיי קומען און העלפן איינשטודירן די פּיעסע.

מיך האָט שטאַרק דערפרייט דער פאַקט, אַז אין קאַרפּאַטאָרוס עקזיסטירט שוין אַ יידישער אַמאַטאָרן־פאַריין — דער ערשטער אין דעם מדינה'לע — וואָס וואָגט אויפצופירן אַזאַ, פאַר זיי שווערע פּיעסע, הגם איר טעמאַטיק איז גאָרנישט צוגעפּאַסט פאַר די יידישע באַדינגונגען, וואָס הערשן אין דעם לאַנד. פונדעסטוועגן האָב איך אַקצעפּטירט די איינלאַדונג און בין געפאָרן קיין אונגוואַר.

ווען ס'איז פאַרגעקומען מיין ערשטע באַגעגענונג מיט די פיינע און ווילע יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געבילדעט די הויפּט־„כוחות" פון דעם אַמאַטאָרן־פאַריין, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פּיעסע איז פאַר זיי אַ צו שווערער ביסן; אַז אייניקע פון זיי רעדן גאָר שוואַך יידיש, וועמעס לשון וואַלגערט זיך אין זייער מיילער, ווי זיי וואָלטן, במחילה, געווען גרים.

איך האָב זיי דערקלערט און אָנגעוויזן, אַז דער דאָרטיקער יידישער עולם וועט בשום־אופן נישט פאַרשטיין דאָס ספּעציפישע לשון פון די יידישע גנבים פון פוילן, און בכלל איז עס נישט קיין דאַנקבאַרע פּיעסע פאַר זייער ערשטן אַרויסטריט.

דער אָנפירער פון דער אַמאַטאָרן־טרופּע, וועלכער האָט געשטאַמט פון פוילן, האָט זיך אָבער שטאַרק פאַר'עקשנ'ט און גע'טענה'ט, אַז ער וויל יאָ אויפפירן די פּיעסע, וועמעס אינהאַלט און כאַראַקטער וועט יאָ אויסנעמען ביים יידישן עולם. ער האָט מיר אויך דערקלערט, אַז אויב איך וועל זיי נישט אַרויסהעלפן אין דער רעזשי, וועלן זיי „די גנבים" אויפפירן אָן מיר.

דערהערנדיק פון אַזאַ באַשלוס, האָב איך במילא מסכים געווען און באַשטימט אַ פאַרלייענען פון דער פּיעסע פאַר דעם קומענדיקן אָוונט.

צומאָרגנס אין דער פרי קלאַפּט מען אין דער טיר פון מיין האָטעל־צימער און ס׳קומט אַריין אַ פאַרשוין, וועמעס אויסזען האָט מיך שטאַרק דערשראָקן.

— יאָך בין פּרויקעלע גנב, — שטעלט ער זיך פאָר. — יאָך בין אַ וואָר־שעווער „יאַט" און בין געקומען אייך וואָרנען, אַז איר זאָלט זיך נישט אַריינ־מישן אין דער „גרענדע" (געמיינט פּיעסע), וואָס די „פראַנצעוואַטע" ייִנגלעך ווילן אַ שפּיל טון אין אונגוואַר. זי פאַרשטייען, — האָט פּרויקעלע מיר דער־קלערט, — יאָך האָב דאָ תּנאים געשריבן מיט אַ מיידל, אַ „וויטישע נשמה", וואָס שטאַמט פון אַ בעל־הבית׳ישער היים. איר טאַטע איז אַ פערדס־הענדלער, אָבער אַן ערלעכער ייִד. מיין כּלה און אירע עלטערן וויסן נישט פון מיין „פּינוסע", אַז יאָך בין אַ „מאַרעוויכער" און צי אַרויס געלט־טייסטערס פון די פּויערישע סעמערינגעס, זי פאַרשטייען?

— ניין, איך פאַרשטיי נישט, — האָב איך געענטפערט. — וואָס פאַר אַ שייכות האָט די פּיעסע צו אייך? וואָס אַרט אייך — אַרגומענטיר איך מיט פּרויקעלען, — אַז אַן אַמאַטאָרן־טרופּע וועט שפּילן „די גנבים"? וואָס קען דאָס אייך שאַטן?

— ווייל מיין כּלה, בראַניעלע הייסט זי, וויל מיטשפּילן אין דער „גרענ־דע"! ווי איז מיר, — און יאָך האָב מורא, אַז ווען זי וועט זיך דערוויסן וואָס פאַר אַ „טריפה׳נער ביין" ס׳איז איר חתן, וועט זי אָפּלאָזן דעם שידוך . . . יאָך ליב זי, יאָך שטאַרב נאָך איר, — צערעוועט זיך דער פּרויקעלע גנב.

— פאַרוואָס גייט איר נישט, — טענה איך צו פּרויקעלען, — צו דעם אָנפירער פון דער אַמאַטאָרן־טרופּע? ער פירט דאָך אויף די פּיעסע און נישט איך! איך בין בלויז איינגעלאַדן צו רעזשיסירן „דאָס שפּיל" און איך בין פאַר גאָרנישט פאַראַנטוואָרטלעך.

— דער „וויטשאַק" (געמיינט דער אָנפירער פון דער אַמאַטאָרן־טרופּע) איז אויך פאַרליבט אין מיין בראַניעלען און ער וויל זי ביי מיר צונעמען . . . אָט דערפאַר וויל ער שפּילן דאָס שטיק, כּדי מיך צו „פאַרשיטן". ער וויל פאַר מיין כּלה שילדערן אויף דער בינע ווער יאָך בין . . . איצט פאַרשטייען זי שוין?

איך האָב צוגעזאָגט פּרויקעלען, אַז איך וועל מיך דורכשמועס׳ן מיט זיין „קאָנקורענט", וואָס איז אויך פאַרליבט אין זיין כּלה, און וועל אויף אים פּרווון צו ווירקן, אַז ער זאָל נישט אויפפירן „די גנבים", ווייל איך האָב עפּעס אַרויס־געפילט, אַז ס׳וועט אַנטשטיין אַ טראַגעדיע . . .

פּרויקעלע האָט זיך שטאַרק באַדאַנקט פאַר מיין אינטערווענץ און ער האָט זיך געשווירן ביי זיין „גנב׳ישן מזל", אַז ער וועט ביי דעם „פראַנצעוואַטן יונג" (דעם קאָנקורענט זיינעם) אַרויסרייסן אַ „זשעברע"; אַז ער וועט אים „צעפּאַלמעסן אויף שטיקלעך"; אַז ער זאָל אַזוי האָבן די „פריי", ווי ער וועט דעם „פראַנצעוואַטן וויטשאַק" אָנטון אַ מעשה, וכדומה.

דער סוף איז געווען, אַז אַ דאַנק מיין אינטערווענץ האָט מען נישט גע־

שפּילט „די גנבים" און איך האָב געראַטעוועט דעם כבוד פון פּרויקעלע, וועלכער האָט מיט מזל חתונה געהאַט מיט זיין בראַניעלען.

אָבער אויסגעווירקט האָב איך — פּרויקעלע האָט מיר געגעבן זיין גנב'ישן „נעמאָנעס" — אַז ווען ער וועט חתונה האָבן, איז אויס מיט'ן „גאָלדענעם הענטל"! ער וועט מער נישט „ציען" קיין געלט־בייטלען פון די פּויערישע סעמערינגעס און פון די פּריצישע בוזים־טאַשן.

* * *

דאָס חתונה־געהאַטע צוזאַמענלעבן צווישן פּרויקעלען מיט זיין בראַניעלען האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. זיין גנב'יש בלוט האָט נישט געקאָנט איינרוען. ער איז, אַחוץ זיינע גנב'ישע פּרנסות, אויך געוואָרן אַ שותף צו זיין שווער'ס פערד־הענדלערישע מסחרים.

פּרויקעלע פלעגט אַרויסשלעפּן פון די פּריצישע שטאַלן זייערע אויסגע־כאַליעטע פערדלעך, וועלכע ער האָט, מיט דער הילף פון געניטע שמוגלער, געלאָזט אַריבערשוואַרצן קיין אונגאַרן און זיי פאַרקויפט אויף די דאָרטיקע יאַרידים.

פּרויקעלע איז אויך געוואָרן אַ „ספּעציאַליסט" אָפּצוקויפן ביי די דאָר־טיקע רוטענישע פּויערים זייערע הונגעריקע און אויסגעדאַרטע שקאַפעס פאַר גראָשנס, וועלכע ער פלעגט „פאַרוואַנדלען" אין חוצפּה'דיקע לאָשיקעס, און אויך ביי די מסחרים האָט ער פאַרדינט שטיקער גאָלד.

אין די טעג, ווען ס'זיינען אין מונקאַטש און אין אַנדערע רוטענישע שטעט פאָרקומען די יאַרידים, פלעגט ער די פערדישע פּגרים'לעך אָנ'שיכור'ן און זיי פלעגן פאַר שיכרות האָפּקען, ווי זיי וואָלטן געווען יונגע זשרעביעקלעך. אָבער ווען די דאָזיקע פערדלעך פלעגן זיך אויסניכטערן פון זייער שכרות, זיינען זיי געפאַלן פון די פיס און האָבן נישט דערלעבט אָנצוקומען אין זייערע שטאַלן . . .

דער סוף איז געווען, אַז די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן אַרומזוכן פּרויקעלען, און מען האָט אים געפּאַקט.

איך האָב בייגעוווינט זיין פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער סלאָ־וואַקישער שטאָט קאָשיצע, און ער האָט אַריינגעכאַפּט זעקס יאָר תפיסה פאַר זיינע גנב'ישע „מעשים טובים".

ווען בראָניעלע האָט זיך דערוווסט ווער ס'איז איר „באַשערטער", האָט זי אים אָפּגעג'גט און חתונה געהאַט מיט דעם בחור פון אונגוואַר, וועלכער האָט געוואָלט אויפפירן „די גנבים", אַלס סימבאָלישע אָנדייטונג פאַר בראָ־ניעלען, אין וועלכער ער איז געווען פאַרליבט ביז איבער די אויערן, ווער ס'איז פּרויקעלע מארעוויכער . . .

# מונקאטשער „פורים־שפילער" באטן מיר אן צו ווערן א שותף צו זייערע „גרענדעס"

דער פאַקט, אַז אין אונגוואַר האָט זיך געבילדעט אַ פאַריין פון יידישע אַמאַטאָרן, האָט מיך באַוויגן נאָכצוטון דעם זעלבן ביישפּיל און גרינדן אַ יידישן אַמאַטאָרן־פאַריין אויך אין מונקאַטש.

איך האָב באַקומען אַ פאַרזיכערונג פון די מונקאַטשער ציוניסטישע פּני, אַז זיי וועלן מיך אין דעם פּרט אונטערשטיצן, און דאָס האָט נאָך מער פאַר־שטאַרקט מיין מיינונג, אַז איך וועל מצליח זיין.

ווען די זאַך איז מפורסם געוואָרן אין שטאָט, האָבן זיך צו מיר געיאָוועט פאַרשיידענע בחורים און מיידלעך פון אָרימע און אַפילו פון בעל־הבית׳ישע יידישע היימען, ווי אויך בחורים פון מונקאַטשער רבי׳נס ישיבה, וועלכע זיינען שוין געווען „געכאַפּט" אין ציוניזם און השכלה, וואָס איז געקומען קיין קאַר־פּאַטאַרוס מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון צענדליקער יאָרן.

די יידן פון די קאַרפּאַטאָרוס׳ער שטעטלעך האָבן געהאַט אַ סך צייט און נאָך מער געדולד. זיי האָבן זיך נישט געאיילט נאָכצויאָגן דעם פּראָגרעס, וואָס האָט שוין געהאַט דורכגעשפּאַנט כמעט איבער גאַנץ אייראָפּע. דאָס געזאַמטע יידישע לעבן איז דאָרט געווען אַרומגעהילט מיט אַ חסידיש־פּאַטריאַרכאַלישן לבוש און די יידישע „פּאָליטיק" האָט זיך געדרייט אַרום די רבי׳ישע און רבנ׳ישע מחלוקות.

די געשיכטע וועגן דער גרינדונג פון אַ יידישער אַמאַטאָרן־טרופּע, האָט אויך דערגרייכט צו די אויערן פון דעם מונקאַטשער בדחן, ר׳ אשר זעליג ווייס (אָדער ווי ער איז בעסער געווען באַקאַנט ביי די דאָרטיקע יידן אַלס „אשר זעליג נאַניע"), און צו „ר׳ קלמן פּורים", וועלכער איז פון דער פּראָ־פעסיע געווען אַן אָרימער שוסטער און האָט געמאַכט אַ הונגער־לעבן פון קלאַפּן זוילן און ציען דראַטוועס איבער אַלטע, צעריסענע שיך און שטיוול פון די מונקאַטשער פאַר׳קבצנ׳טע יידן.

אָט די צוויי יידן, נישט האָבנדיק דאָס קיילעכדיקע יאָר קיין פּרנסה, פלעגן לכבוד פּורים צוזאַמענשטעלן אַ „טרופּע" פון די מונקאַטשער ישיבה־בחורים און מיט זיי געמאַכט „די גרענדע" (פאַרשטעלונג).

די פּורים׳דיקע „שאָו" (אַזוי האָט מען אויך אָנגערופן אַ פאַרשטעלונג אויפ׳ן מונקאַטשער יידישן לשון) פלעגט פאָרקומען אין אַ „סאַלוען" (זאַל), וועלכער איז געווען אָנגעפּראַפּט מיט פרויען און מיידלעך, וואָס זיינען געזעסן אָפּגעזונדערט פון די מאַנסבילן, דורך אַ מחיצה פון אַ לייוונטן פאַרהאַנג.

אויף דער אימפּראָוויזירטער בינע (ווענעס ברעטער זיינען געווען אָנגע־לענט אויף גרויסע פעסער און קלעצער) האָבן די בחור׳ישע אַקטיאָרן פאַר־געשטעלט די „שאָו", וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון ר׳ אשר זעליג „נאַניע".

די פּורים־„שאָו" האָט אַנטהאַלטן מוסר־פּראָזע אויף די „ציוניסטישע פּושעים" און „טרייפניאַקעס", וואָס וועלן אין גיהנום קיין מנוחה נישט האָבן; זיי האָבן געזונגען „שירים" לכבוד דעם מונקאַטשער רבי'ן און זיינע חסידים און לכבוד די ווילע און פרומע לייט, וואָס טיילן צדקה פאַר דער ישיבה, וכדומה.

די דאָזיקע פּורים־פאַרשטעלונגען פלעגן אויך חוזק מאַכן פון די „דרע־ליעס" (די בעלזער חסידים) באשר זיי זיינען, מכלומר'שט, געווען סימפּאַטיש געניגט צו די ציוניסטן און צו דער העברעאישער גימנאַזיע אין מונקאַטש, און דאָס גלייכן.

ר' אשר זעליג ווייס איז געווען נישט קיין קלענערער קבצן פון זיין שותף, „ר' קלמן־פּורים". פון די אָרימע, אביונ'ישע חתונות, וועלכע פלעגן פּאָרקו־מען אין די קאַרפּאַטאַרוס'ער שטעטלעך, האָט ער נישט געהאַט קיין פּרנסה. חוץ דעם איז ער, נעבעך, געווען אַ בעל־מום. פון זיין נאָז, וואָס איז אים אָפּעריִרט געוואָרן ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד, איז אים פאַר־בליבן עפּעס אַ כזית'ל פון אַ נעזל, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט צוויי קליינינקע לעכעלעך, גרויס ווי די אויגן פון אַ נאָדל . . . אָט דערפאַר האָבן אים די מונקאַטשער יידן געקרוינט אַלס „נאָניע", ווייל מ'האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט און צוליב זיין שוואַכן כוח־הדיבור האָט מען אים זעלטן מצרף געווען אַלס בדחן אויף די יידישע חתונות.

אָבער איין מאָל אין יאָר, לכבוד פּורים, האָבן די מונקאַטשער יידן פאַר־געסן אין ר' אשר זעליג ווייס' פעלער און מען איז געקומען מאסנווייז צו זיינע „גרענדעס".

ר' „קלמן פּורים", זיין שותף, איז געווען דער „דירעקטאָר" פון דער אונטערנעמונג און ער האָט זיך פאַרנומען מיט די גשמיות'דיקע ענינים פון די „ביזנעס". ער האָט צוזאַמענגעשטעלט די „טרופּע", אָרגאַניזירט דעם פאַר־קויף פון די בילעטן צו דער „שאָו", אויפגעשטעלט די „בינע" און באַזאָרגט די ישיבה־בחור'ישע „אַקטיאָרן" מיט די געהעריקע קאָסטיומען, פּאַריקן, וכדומה.

אינם טאָג פון דער גרענדע, איז ר' קלמן פּורים געגאַנגען אָנגעטון אין אַ מיליטערישן מונדיר פון די אַמאָליקע „קייזערלעך־קעניגלעכע" הוסאַרן־אָפיצירן און אויפ'ן קאָפּ האָט ער דווקא געטראָגן אַ שוואַרצן, גלאַנצעדיקן צילינדער, פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזען צוויי לאַנגע אויסגעצוואָגענע פּיאות . . .

ר' אשר זעליג ווייס, דאַקעגן, האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט דעם רוחניות'־דיקן טייל פון דער „אונטערנעמונג". ער האָט אָנגעשריבן דאָס גאַנצע פּראָ־גראַם פאַר דער „שאָו" און עס איינשטודירט מיט די ישיבה־בחורים.

תיכף נאָך חנוכה, ווען די גרויסע פרעסט און שטורעמדיקע זאַווערוכעס האָבן ממש גע'שדימ'ט איבער די בערג און טאָלן פון קאַרפּאַטאַרוס, האָבן די

צוויי שותפים זיך געגומען צו דער עבודה און אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן דאָס פּראָגראַם פון זייערע פורים׳דיקע „גרענדעס״.

פון אָט די פורים־פאַרשטעלונגען האָבן זיי ביידע פאַרדינט אויף פּסח, און זייערע הונגעריקע הויז־געזינטן פלעגן, כאָטש איין מאָל אין אַ וואָך פון אַ גאַנץ יאָר, עסן מצה מיט קאַרטאָפל צו דער זעט . . .

קומען די ביידע יידן צו מיר מיט אַ טענה, אַז איך גיי זיי „קוילן אָן אַ מעסער״; אַז איך פאַרלייג מיך אויף דעם לייב־און־לעבן פון זייערע פרויען און קינדער, ווייל אויב איך וועל גרינדן אַ „טריאַטער״ פון די מונקאַטשער „ביטאַנגעס״ און „לינגאַרעס״ (געמיינט לאָבוזעס, שקצים און ווייסע־חברה), וועט דאָס זיין אַ שטער צו זייערע פּרנסות.

די ביידע יידן באַשווערן מיך מיט אַלע הייליקע שבועות, אַז איך זאָל ביי זיי נישט צונעמען דאָס ברויט פון זייערע משפּחות.

אויף מיינע אַרגומענטן, אַז זייערע פורים־גרענדעס האָבן נישט קיין שום שייכות מיט טעאַטער, האָט גאָרנישט געהאָלפן. איך האָב זיי בשום אופן נישט געקענט איבערצייגן, אַז דאָס זיינען, אין תוך גענומען, צוויי גאַנץ באַזונדערע ענינים.

ווען איך בין געבליבן פאַר׳עקשנ׳ט ביי מיינע באַהויפּטונגען, האָבן די צוויי יידן מיר געמאַכט דעם פאָלגענדן פאָרשלאָג: איך זאָל ווערן אַ שותף צו זייערע גרענדעס, בתנאי אַז . . . און די יידן שוויגן פלוצים . . .

— וואָס איז אייער תנאי? — בין איך נייגעריק צו וויסן.

— אַז איר זאָלט, לכבוד פורים, זיך לאָזן פאַרוואַקסן אַ שטיקל בערדל, כאָטש אַ קמצ׳ל, כדי איך זאָל נישט זיין קיין גלוח . . .

— איר פאַרשטייט? — האָט ר׳קלמן־פורים אָנגעהויבן מיר „אויפצו־קלערן״ דעם תנאי, — ווען דער מונקאַטשער רבי, זאָל לעבן, וועט זיך דער־וויסן, אַז מיר האָבן צוגענומען אַלס שותף אַ ייד, אַ גלוח, וועט ער, חלילה, נאָך אסר׳ן אונזער פורים־גרענדע און מיר וועלן בלייבן אָן מצות אויף פּסח.

ווען איך האָב נישט געוואָלט מסכים זיין צו ווערן אַ „שותף״ צו זייערע פורים־גרענדעס און אויך נישט צו לאָזן זיך וואַקסן כאָטש אַ סימן פון אַ קמצ׳דיק בערדעלע, זיינען די יידן אַוועק שטאַרק אָפּגע׳ברוגז׳ט.

אָבער דער ענין איז נישט געוואָרן דערליידיקט.

אין אַ שעה אַרום, ר׳ אשר זעליג ווייס און ר׳קלמן־פורים זיינען ווידער דאָ . . . אָבער זיי זיינען נישט געקומען אַליין, נאָר אין באַגלייטונג פון זייערע פאַרביטערטע ווייבער און זייערע הונגעריקע קינדער, וואָס האָבן מיר געמאַכט דעם אמת׳דיקן „קאָנצערט״ . . . זיי האָבן געשריגן מיט באַנומענע קולות און מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן רחמים, אַז איך זאָל נישט צונעמען זייער ברויט; אַז איך זאָל נישט גרינדן קיין „טריאַטער״ פון די „לינגעוואַטע״ בחורים און מיידלעך . . .

צוזעענדיק דאָס גרויסע צער פון די פרויען און קינדער, וועמעס בקשות

און יללות האָבן געקאָנט רירן אַ שטיין, בין איך ווייכער געוואָרן און זיי מבטיח געווען, אַז איך וועל נישט גרינדן קיין יידישן אַמאַטאָרן־פאַריין אין מונקאַטש און אַז איך וועל נישט ווערן קיין שותף צו זייערע פורים־גרענדעס . . .

אויב מיר איז זינט יענער צייט באַשערט געווען איבערצוקומען פאַרשייי־דענע צרות, האָב איך דאָס געוויס צו פאַרדאַנקען די הייסע ברכות פון ר׳ אשר זעליג ווייס און ר׳ קלמן־פורים, פון זייערע פרויען און קינדער . . .

## אן אקטיאר וויל האבן א „דין־תורה" מיט א רבי׳ן צוליב א גע׳אסר׳טער טעאטער־פארשטעלונג

ביז צום היטלערישן חורבן איז קראַפּאַטאָרוס געווען אַ פעסטונג פון חסידות און פרומקייט. די דאָרטיקע רביים און רבנים זיינען געווען די העכ־סטע אויטאָריטעטן איבער׳ן לעבן פון די דאָרטיקע 120 טויזנט יידישע איינ־וווינער, און די טשעכישע רעגירונג האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט דעם פאַקט.

אין דער דורכאויס יידישער שטאָט מונקאַטש האָט עקזיסטירט אַ „רבנ׳ישע קאַנצליי", וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם פריער דערמאָנטן מונקאַט־שער רבי׳ן, וועלכער האָט געהאַט זיינע אויסטערלישע דרכים אין פראַגן, וואָס זיינען נוגע די יידן אין אַלגעמיין, און פון דעם קאַרפּאַטאָרוסער מדינה׳לע בפרט. דער מונקאַטשער רבי איז געווען אַ גרויסער קנאי קעגן אַלץ, וואָס איז נישט געווען אין הסכם מיט זיין שיטה פון חסידות. ער האָט גע׳רודפ׳ט אויף רעכטס און לינקס און איז אַפילו געווען שטאַרק צעקריגט מיט דער אולטראַ־אָרטאָדאָקסישער „אגודה", באַשר די באַטרעפנדע באַוועגונג איז, לויט זיין קנאי׳שער אויפפאַסונג, נישט גענוג פרום געווען און ער האָט אויף איר געהאַט אַ חשד, אַז זי איז „סימפּאַטיש" געשטימט צום ציוניזם, וואָס דער מונקאַטשער רבי האָט ביטער און מורא׳דיק באַקעמפט, ביז צו די לעצטע טעג פאַר זיין פטירה.

אויך אין דעם קאַרפּאַטאָרוסער שטעטל כוסט, איז געווען אַ שטרענג־פאַנאַטישער רבי, וועלכער פלעגט אָפט אסר׳ן דאָס יידישע טעאַטער און די יידישע וואַנדער־טרופּעס פלעגן פון דאָרט פשוט אַנטלויפן ווי ׳דער פעפער וואַקסט. די דאָרטיקע יידן, הגם זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט יידיש טעאַטער, האָבן איינפאַך מורא געהאַט פאַר זייער רבי׳ן, וועלכער פלעגט פאַר דעם טעאַטער־בנין אַוועקשטעלן אַ וואַך פון פרומע יידן, וואָס האָבן פאַרשריבן די נעמען פון די „בוגדים", וועלכע האָבן עובר געווען אויפ׳ן איסור און זיינען יאָ געקומען צו די פאַרשטעלונגען.

זומער 1930, ווען מיר האָבן גאַסטראָלירט אין כוסט, האָט אין אונזער

טרופּע זיך געפונען דער אַקטיאָר יידל גוטמאַן פון לעמבערג, וועלכער איז געווען אַ שטיקל יודע־ספר, (ער איז געווען אַ ברודער פון לעמבערגער אויבער־ראַבינער ד״ר שמואל גוטמאַן).

איז געשען אַזאַ געשיכטע:

נאָך איידער עס זיינען פּאַרטיק געוואָרן די אַפישן וועגן אונזערע גאַסטראָלן, זיינען אונזערע פאַרשטעלונגען גע׳אסר׳ט געוואָרן פונ׳ם דאָרטיקן רבי׳ן, נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן צוצוקומען צום פּסוק . . .

דער איסור האָט אַרויסגערופן אַ רעש אין שטעטל און ביי די מיטגלידער פון אונזער טרופּע, בפרט. מיר פּלאַנעווען צו פאַרלאָזן כוסט און זיך אַריבערצופּעקלען אין אַ צווייט שטעטל, ווייל מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז צוועקלאָז צו פירן מלחמה מיט׳ן כוסטער רבי׳ן.

יידל גוטמאַן, דאַקעגן, האָט געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן נישט קאַפּיטולירן, נאָר אויפנעמען דעם קאַמף, אַפילו ווען מיר זאָלן אים פאַרלירן!

גייט יידל גוטמאַן צום כוסטער רבי׳ן און וויל אים רופן צו אַ דין־תורה!

ווען דעם רבי׳נס גבאי האָט פאַר זיך דערזען דעם אַקטיאָרישן „גאָלע־בראָדע״, וואָס האָט די חוצפה מורד צו זיין קעגן דעם רבי׳ן און וואָגט אים אַרויסצורופן צו אַ דין־תורה, האָט ער אָנגעהויבן אים צו דראָען מיט די פויסטן, אַז ער וועט אים דורס זיין! אַז אָט־אָט און ער שניידט זיך נאָך אים „צען טויזנט קופּערנע קריעות״. (דאָס איז געווען אַ „גאַנגבאַרע״ קללה ביי די יידן פון קאַרפּאַטאָרוס).

דער שטאַרק אויפגעקאָכטער אַקטיאָר האָט אָבער זיך נישט געלאָזט איבערשרעקן פון די דראָאונגען און האָט זיך אַריינגעריסן אין רבי׳נס חדר.

— רבי, — האָט יידל גוטמאַן זיך אָנגערופן, — איך בין געקומען אייך רופן צו אַ דין־תורה! איר האָט אָן שום באַגרינדונג גע׳אסר׳ט אַ פאַרשטעלונג פון אַ יידישן טעאַטער און איר האָט אונז גורם געווען אַ גרויסן מאַטעריעלן שאָדן.

דער כוסטער רבי האָט מיט אַ געלאַסענער מינע אויסגעהערט די טענות און מיט קאַלטבלוטיקייט געזאָגט פאָלגענדעס:

— כל זמן איך בין מרא־דאתרא פון כוסט וועל איך נישט דערלאָזן, אַז אייערע קאָמעדיאַנטשיקעס זאָלן אין מיין שטאָט שפּילן טריאַטער . . .

ווען יידל גוטמאַן האָט געוואָלט מיט דעם רבי׳ן פירן אַ וויכוח וועגן דעם ענין, איז דער רבי אויפגעשטאַנען פון זיין שטול און געזאָגט:

— אונזער „דין־תורה״ איז געענדיקט, — און האָט גוטמאַנ׳ען געוויזן די טיר . . .

— רבי, — האָט גוטמאַן אים צוריקגעענטפערט פאַר׳ן אַוועקגיין, — זייט וויסן, אַז מיר וועלן יאָ שפּילן יידיש טעאַטער, דווקא היינט אין אָוונט, אַפילו איר זענט דער מרא־דאתרא פון כוסט . . . מיר וועלן דאָ שפּילן יידיש

טעאַטער אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן האָבן פאַר׳אפיקורס׳ט די פרומע בחורים פון אייער ישיבה . . .

— עזות פנים! — האָט דער רבי זיך צעשריגן, — אַרויס פון מיין חדר!

אין דעם זויערן פנים פון יידל גוטמאַן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ביים רבי׳ן גאַרנישט אויסגע׳פועל׳ט און אַז זיין מיסיע האָט געליטן אַ מיאוס׳ן דורכפאַל . . .

— חברה, — האָט גוטמאַן זיך אָנגערופן, — מיר פאַרבלייבן אין כוסט, און מיר וועלן אַ שפיל טון יידיש טעאַטער — אויף להכעיס דעם רבי׳ן! מיר מוזן די דאָזיקע מענטשן באַווייזן, אַז יידיש טעאַטער איז אַ סך שטאַרקער און מעכטיקער פון זייערע איסורים און חרמות!

מיר האָבן אַרויסגעשטעלט עטלעכע געשריבענע אַפישן פאַר דעם קינאָ־זאַל, ווו ס׳האָבן געזאָלט פאַרקומען אונזערע פאַרשטעלונגען און אַנאָנסירט, אַז אין דעם באַטרעפנדן אָוונט וועט געשפילט ווערן „שולמית״.

די דאָרטיקע ציוניסטישע פני האָבן אונז מיטגעהאָלפן אין דער אַגיטאַציע און אַ נס איז געשען — דער עולם האָט אָנגעהויבן צו שטראָמען צו דער קאַסע און געקויפט בילעטן פאַר דער פאַרשטעלונג.

ווען דער רבי האָט זיך דערוווסט, אַז זיין איסור האָט נישט געהאַט קיין שום ווירקונג אויף זיין עדה יידן, און אים אויף להכעיס קומען זיי יאָ אין יידישן טעאַטער אַריין, האָט ער זיך געשעמט אַרויסצושיקן זיינע משגיחים, אַז זיי זאָלן פאַרנאָטירן די נעמען פון די יעניקע „בוגדים״, וואָס קומען צו דער פאַרשטעלונג. נאָך מער: ווען די בחורים פון דער כוסטער ישיבה האָבן זיך דערוווסט, אַז דער רבי האָט נישט אַרויסגעשיקט קיין שפיאָנען פאַר׳ן טעאַטער, זיינען זיי אויך געקומען, אין געהיים פאַרשטייט זיך.

יידל גוטמאַן האָט געהייסן, אַז מען זאָל די ישיבה־בחורים אַריינלאָזן אויף „גאַפּע״ (דאָס הייסט בגניבה, אָן בילעטן), און מען זאָל זיי באַהאַלטן אינ׳ם קליינעם שטיבל, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער קינעמאַטאָגראַפישער אַפּאַראַט.

נאָך דער פאַרשטעלונג, האָט יידל גוטמאַן געהאַלטן אַ דרשה פאַר׳ן עולם אין וועלכער ער האָט זיי דערציילט די מעשה וועגן זיין „וויזיט״ ביים כוסטער רבי׳ן און אויפגעקלערט, אַז יידיש טעאַטער האָט נישט בדעה צו קעמפן קעגן די רבי׳שע און רבנ׳ישע אויטאָריטעטן. אָבער דאָס יידישע טעאַטער וועט קעמפן קעגן די אומזיניקע איסורים און חרמות, וואָס באַצוועקן צו פאַר־טרייבן דאָס יידישע טעאַטער פון דעם דאָזיקן מדינה׳לע.

דאָס איז געווען דער גרעסטער מאָראַלישער נצחון, וואָס דאָס יידישע וואַנדער־טעאַטער אין קאַרפּאַטאָרוס האָט אָפּגעהאַלטן נאָך אַ ביטערער „שלאַכט״, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צענדליקער יאָרן.

## יידישע קור־געסט דעמאנסטרירן קעגן א פאר׳גוי׳אישטער „שולמית־פארשטעלונג״ אין אן אונגארישן טעאטער

אין סלאָוואַקיי איז פאַראַן אַ קור־אָרט מיט׳ן נאָמען פּישטיאַן (פּיעשטאַני, אויף סלאָוואַקיש), וואָס איז וועלט־באַרימט מיט אירע בלאָטיק־שוואַרצע בעדער קייגן רעוומאַטישע קראַנקייטן. צענדליק טויזנטער שווער־קראַנקע פּאַציענטן פון דער גאָרער וועלט פלעגן אין די זומער־חדשים קומען קיין פּישטיאַן, כדי צו געפינען אַ רפואה מיט דער הילף פון די דאָזיקע בלאָטע־בעדער, וועלכע זיינען געווען דיווירקזאַמסטע היילונג פאַר כל־ערליי רעוומאַטישע חולאת׳ן.

די אומגליקלעכע, רעוומאַטיש־קראַנקע חולים, וואָס פלעגן קומען קיין פּישטיאַן און מען האָט זיי געמוזט טראָגן אויף קראַנקען־בעטלעך, אָדער זיי פלעגן זיך שלעפּן אָנגעלענט אויף קוליעס און אויף שטעקענס, פלעגן ממש משוגע ווערן פון די שרעקלעכע יסורים, וואָס זיי האָבן געליטן אין אַלע זייערע אברים, איינגעשלאָסן אויך אויף די הענט און בעיקר אויף די פיס. אָבער אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַקומען אַ צוויי צענדליק בלאָטע־בעדער, זיינען די שמערצן אַוועק און די מענטשן האָבן זיך געפילט ווי ניי־געבוירן.

די דאָזיקע בלאָטע־בעדער האָבן אין זיך פאַרמאָגט אַ נאַטירלעכע היילונג און די באַרימטסטע דאָקטוירים פון ענגלאַנד, אַמעריקע, דייטשלאַנד און פון אַנדערע לענדער האָבן געוווסט, אַז אויסער פּישטיאַן איז נישט פאַראַן קיין בעסערע און ווירקזאַמערע היילונג פאַר די פאַרשיידנסטע רעוומאַטישע קראַנקייטן.

ס׳איז בכן נישט קיין וווּנדער, וואָס דער שטאָטישער עמבלעם פון פּישטיאַן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אַטלעטיש־געבויטן מענטש, וועלכער צעברעכט מיט׳ן כח פון זיינע אויסגעהיילטע פיס אַ שטעקן, כדי צו סימבאָליזירן זיין שטאַרקייט.

פּישטיאַן האָט אויך פאַרמאָגט אַ מערקווירדיקן מוזעאום פון צענדליק טויזנטער קוליעס און סתם־שטעקענעס פון דער גאָרער וועלט, וואָס די געזונט־געוואָרענע פּאַציענטן פלעגן איבערלאָזן אין דעם מוזעאום, אַלס אַ זכר פון זייערע צרות און פּיין.

* * *

אין פּישטיאַן האָבן געוווינט לערך טויזנט יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געהאַט געשעפטן, האָטעלן, פּענסיאָנאַטן, רעסטאָראַנען, קאַפע־הייזער און פאַרשיידענע אַנדערע אונטערנעמונגען. דאָרט האָבן אויך געוווינט דייטשן, מאַדיאַרן, טשעכן, און, פאַרשטייט זיך, די מאַיאָריטעט סלאָוואַקן.

אין די זומער־חדשים, אָנהויבנדיק פון מאַי, ביז סוף־חודש סעפּטעמ־בער, האָט מען דאָרט געשפּילט טעאַטער, איינגעטיילט אויף אַזאַ אופן: פאַר יידיש טעאַטער — אַ חודש; סלאָוואַקיש טעאַטער — אויך אַ חודש און אַזוי כסדר. יעדע נאַציאָנאַליטעט, די אונגאַרישע, דייטשע, טשעכישע, יידישע און די סלאָוואַקישע, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די 10 טויזנט איינ־וווינער פון פּישטיאַן, האָבן געהאַט דאָס רעכט צו באַנוצן דאָס דאָרטיקע שטאָטישע קור־טעאַטער צו 4 וואָכן אין יאָר. דער אַפּצאָל פאַר דעם טעאַטער איז געווען אַ שיבוש: אדרבה: די קור־פאַרוואַלטונג פלעגט פאַר די טעאַטער־פאַרשטעלונגען מאַכן די וויט־גייענדסטע הנחות און פאַרלייכטערונגען, ווייל דאָס איז דאָך געווען אין זייערע געשעפטלעכע אינטערעסן, צו געבן פאַר די קור־געסט כל־ערליי פאַרוויילונגען. נאָכמער: אויב אַ טעאַטער — איינגע־שלאָסן דאָס יידישע — האָט אויפגעפירט אַן אָפּערעטע, וואָס האָט זיך געניי־טיקט אין מוזיקער, האָט די קור־פאַרוואַלטונג געגעבן אין נדן אַריין אויך דעם קור־אָרקעסטער, וואָס איז באַשטאַנען פון 20 מוזיקער.

אין די פאַרמיטאָג־שעה׳ן, פון 10 ביז 12, און נאָכמיטאָג, פון 3 ביז 5 דעם זייגער, פלעגט דער אָרקעסטער שפּילן פאַר די קור־געסט די פאַרשיידנסטע אַריעס פון די באַרימטסטע אָפּערעס און אָפּערעטעס, איינגעשלאָסן אויך יידישע, בעיקר די מוזיק פון אברהם גאָלדפאַדנ׳ס „שולמית“, „בר־כוכבא“, „די כישוף־מאַכערין“ און פון אַנדערע יידישע פּיעסעס.

די גאָר־גרויסע צאָל יידישע קור־געסט פון פּוילן, רומעניע, ענגלאַנד און פון אַנדערע לענדער האָבן געשטראַלט פאַר פרייד, דערהערנדיק אין דעם פאַר זיי פרעמדן פּישטיאַן די האַרציקע יידישע געזאַנגען, און האָבן אונטער־געבראָמט די שיינע מעלאָדיעס און ניגונים פון „פּלאַקער פייערל, פּלאַקער“, „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען“, „שבת יום־טוב און ראש־חודש“, וכדומה, און זיי פלעגן גאָר שטאַרק אַפּלאָדירן דעם קאַפּעלמייסטער און די מוזיקער פאַר דעם גרויסן נחת־רוח, וואָס די גאָלדפאַדנ׳ישע מוזיק האָט זיי פאַרשאַפט.

אין די יאָרן, ווען אונזער טרופּע האָט גאַסטראָלירט אין די סלאָוואַקיי, פלעגן מיר אויסנוצן דעם, פאַר דעם יידישן טעאַטער צוגעטיילטן חודש, און געשפּילט אין פּישטיאַן מיט גרויס דערפאָלג און הצלחה. די יידישע קור־געסט פלעגן יעדע נאַכט באַלאַגערן דאָס קור־טעאַטער און אויספילן ביז צום לעצטן שטיי־פּלאַץ אונזערע פאַרשטעלונגען, וועמענס רעפּערטואַר איז באַ־שטאַנען פון לייכטע אָפּערעטקעס, מעלאָדראַמעס און קאָנצערטן פון יידישע פאָלקס־לידער, איינאַקטערס, אדג״ל.

די איינטיילונג איז געווען, אַז נאָכ׳ן חודש, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט אונזערע גאַסטראָלן אין פּישטיאַן, פלעגט דאָרט אָנהויבן צו שפּילן אַן אונ־גאַרישע וואַנדער־טרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון גאָר־שוואַכע אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

דער טעאַטער־דירעקטאָר פון דער אונגאַרישער וואַנדער־טרופּע, פאַראַ־

גאָ, האָט ער געהייסן, (ער איז, דוכט זיך, געווען אַ ייד), האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגינען דעם לוקסוס, צו אַנגאַזשירן אַ טרופּע פון אָנגעזעענע אַקטיאָרן. זיין אנסאמבל איז, אין דער מאַיאָריטעט, באַשטאַנען פון דילעטאַנטן, וואָס האָבן געשטרעבט צו מאַכן זייער שוישפּילערישע קאַריערע אויף דער אונגאַרישער בינע.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די סלאָוואַקישע יידן האָבן גערעדט און בע־סער פאַרשטאַנען דאָס אונגאַרישע לשון ווי דאָס יידישע, פונדעסטוועגן האָבן זיי אויסגעמידן די אונגאַרישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. די פּיעסן, וואָס זיי־נען אויפגעפירט אין דעם אונגאַרישן, דייטשן, סלאָוואַקישן, אָדער טשעכישן טעאַטער, האָבן נישט אַפּעלירט צו זייערע הערצער און געפילן, ווי דאָס פלעגט יאָ זיין דער פאַל ביי די יידישע פּיעסן, וועמענס אינהאַלט און די טעמאַטיק פון׳ם יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר, אומאָפּהייגיק פון זיין אָפּטמאָל גאָר־נאַיוון אינהאַלט, פלעגט זיי באַגייסטערן. זיי האָבן מיטגעפילט דעם יידישן קרעכץ; געלאַכט פון אַ יידישן וויץ און זיך מחיה געווען מיט אַ יידיש לידל. עפּעס אַ געהיימער כח האָט די סלאָוואַקישע יידן פאַרבונדן מיט׳ן יידישן אַקטיאָר אויף דער בינע . . .

* * *

אין יאָר 1931, נאָך אונזערע דערפאָלגרייכע פאָרשטעלונגען אין פּישטיאַן, האָט דאָרט אָנגעהויבן גאַסטראָלירן דאָס אונגאַרישע טעאַטער און זיי האָבן אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו „ברענען״, אַז ס׳איז געווען סכנות־נפשות! די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, מיט׳ן דירעקטאָר פּאַראַגאָ, בכבודו־ובעצמו, האָבן ממש געהונגערט און גע׳חלומ׳ט פון אַ שטיקל טרוקן ברויט.

זיי האָבן אָנגעהויבן אַרומצופּענטן איבער די יידישע געשעפטן און אין די פּריוואַטע הייזער, כדי צו פאַרקויפן די בילעטן פאַר זייערע פאָרשטעלונגען. אָבער די יידן האָבן זיך אַרויסגעדרייט מיט די פאַרשיידנסטע תירוצים, כדי נישט צו קויפן קיין בילעטן צו די אונגאַרישע פאָרשטעלונגען.

ווען דער טעאַטער־דירעקטאָר פּאַראַגאָ איז אַמאָל געזעסן צווישן די קור־געסט און געטראַכט כל־ערליי עצות, ווי־אַזוי ער זאָל אַרויסקריכן פון דער פּישטיאַנ׳ער „טעאַטער־בלאָטע״, האָט ער געהערט ווי דער קור־אָרקעסטער שפּילט די האַרציקע לידער פון גאָלדפאַדנ׳ס „שולמית״, און נאָך יעדן נומער האַלט דער יידישער עולם אין איין אַפּלאָדירן.

האָט דער דירעקטאָר זיך פאַרטראַכט און איז געקומען צום באַשלוס, אַז „שולמית״, און נאָר „שולמית״ קען אים ראַטעווען פון אַן אומגליק . . . דאָס הייסט: ער וועט אויפפירן די פּיעסע אין דער אונגאַרישער שפּראַך, וואָס האָט אַמאָל, מיט צענדליקער יאָרן צוריק, געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן דערפאָלג אויף דער אונגאַרישער בינע אין בודאַפּעשט, מישקאָלץ, דעברעצין און אין אַנדערע אונגאַרישע שטעט.

פּאַראַגאָ האָט אָבער נישט געהאַט אין זיין רעפּערטואַר דעם טעקסט פון

„שולמית" און די מוזיק פון דער פּיעסע. ער האָט בלויז געוווסט, אַז אין בודאַ־פּעשט וועט ער יאָ געפינען דעם „שולמית"־טעקסט, איבערגעזעצט אין דער אונגאַרישער שפּראַך. ער באַשליסט נאָך אין דעם זעלבן טאָג צו פאָרן קיין בודאַפּעשט, כדי זיך איינצוהאַנדלען די פּיעסע.

דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט און ער האָט אין בודאַפּעשט געפונען אַן אַלטן אונגאַרישן טעקסט פון „שולמית", אָבער די מוזיק, האָט נישט געשטאַמט פון גאָלדפאַדנ'ען, נאָר איז געווען עפּעס אַ באַאַרבייטונג, בעסער געזאָגט — אַ שלעכטער פּלאַגיאַט פון דער יידיש־האַרציקער „שולמית"־מוזיק.

ווען פאַראַגאָ איז פון בודאַפּעשט צוריק געקומען קיין פּישטיאַן מיט'ן טעקסט און די פּלאַגיאַט־מוזיק פון „שולמית", האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרטיילן די ראָלן צווישן די מיטגלידער פון זיין שוואַכן אַנסאַמבל און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פּראָבעס.

ס'איז נישט אין מיין קאָמפּעטענץ צו קריטיקירן די רעזשיסארישע פיי־איקייטן פון דעם באַטרעפנדן פאַראַגאָ. אָבער ווען ס'איז געקומען צו רעזשי־סירן די פּאַר אים אומבאַקאַנטע פּיעסע פון „שולמית", האָט ער „געטאַפּט אַ וואַנט" און נישט געוווסט, ווו גאָט וווינט. ער האָט, אפּנים, נישט געזען, (אָדער ער האָט די אויפפירונג פון „שולמית" געהאַט געזען נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק), און אין דער גרויסער צווישן־צייט געהאַט פאַרגעסן, ווי אַזוי די פּיעסע האָט אויסגעזען אויף דער בינע; וואָס פּאַר אַ קאָסטיומען ס'האָבן גע־טראָגן די מיטבאַטייליקטע שוישפּילער אין דער דאָזיקער היסטאָרישער אָפּע־רעטע; ווי אַזוי זיי זאָלן ריידן און זינגען, וכדומה.

הכלל: פאַראַגאָ האָט נישט געקאָנט צעקייען די פּאַר אים שווערע טעאַטער־נוס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די ממש אַזוי „איינפאַכע" אויפ־פירונג פון „שולמית" אין אַ יידישן טעאַטער, און די אַזוי גאָר־שווערע, ס'ווילט זיך זאָגן, עבודת־פּרך'דיקע אויפפירונג פון אַ יידישער פּיעסע (איינגערעכנט אויך „שולמית"), אויף אַ נישט־יידישער בינע.

* * *

די נייעס, אַז פאַראַגאָ וועט אין פּישטיאַנער שטאָט־טעאַטער אויפ־פירן „שולמית" אין דער אונגאַרישער שפּראַך, האָט מיך דערגרייכט אין דעם שכנות'דיקן סלאָוואַקישן קור־אָרט מיט'ן נאָמען טרענטשין־טעפּליץ (טרענ־טשיאַנסקע טעפּליצע, אויף סלאָוואַקיש), ווו מיר האָבן דעמאָלט גאַסטראָלירט.

מיך האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי אַזוי די פּיעסע וועט אויפגעפירט ווערן אין אַ נישט־יידישן טעאַטער, און ווי אַזוי די ראָלן פון דער „שולמית"־פּיעסע וועלן געשפּילט ווערן פון נישט־יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. איך באַפריי מיך פאַר דעם אָוונט און פאָר אַריין קיין פּישטיאַן לכבוד דער פּרעמיערע פון דער באַרימטער גאָלדפאַדנ'־

ישער פּיעסע, וואָס איז טויזנטער מאָל געשפּילט געוואָרן אויף די יידישע בי־נעס אויף דער גאָרער וועלט און האָט דערצויגן דורות פון יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין פּישטיאַן, איז די גאַנצע שטאָט געווען פאַר־פּלייצט מיט גרויסע אַפּישן, וואָס זענען געווען אויפגעקלעבט אויף די מויערן און ווענט.

די בילעטן פאַר דער ערשטער פאָרשטעלונג זיינען נאָך מיט אַ וואָך פריער געווען אויספאַרקויפט און דער אנסאמבל פון פאַראַגאָ׳ס טעאַטער האָט, צום ערשטן מאָל זינט וואָכן, געזען פאַר זייערע אויגן אַ שטיקל לחם מיט פּוטער . . .

אַ שעה פאַר דער פאָרשטעלונג, איז דאָס שטאָטישע קור־טעאַטער געווען באַלאַגערט פון די פאַרשיידנסטע קור־געסט, צווישן זיי די מאַיאָריטעט יידן, וואָס זיינען געווען זשעדנע צו זען די אויפפירונג פון „שולמית״ אין אַ פאַר זיי אומפאַרשטענדלעכן לשון. אָבער „שולמית״ פאַרשטייט יעדער ייד, אַפילו ווען די פּיעסע וועט געשפּילט ווערן אויף דער כינעזישער שפּראַך. „שבת יום־טוב און ראש־חודש״, „פּלאָקער פּייערל, פּלאָקער״, וכדומה, זיינען ספּעציפיש־יידישע געזאַנגען און זייערע האַרציקע טענער קריכן אַריין אין די ביינער, ממש.

ענדלעך הויבט זיך אָן די פאָרשטעלונג.

אויף דער בינע באַווייזן זיך עפּעס מאָדנע געשטאַלטן. זיי טראָגן נישט די טראַדיציאָנעלע היסטאָרישע קאָסטיומען, וועלכע דער יידישער טעאַטער־באַ־זוכער איז געווען געוווינט צו זען בעת די „שולמית״־אויפפירונגען אין אַ יידישן טעאַטער. אויך די מוזיק איז נישט די זעלבע. דער עולם ווייס נישט פון דעם סוד: צי די מוזיק פון „שולמית״ אויף דער אונגאַרישער שפּראַך איז געוואָרן „מאָדערניזירט״, אָדער זי איז אַ פּלאַגיאַט.

הכלל: די האַנדלונג איז נישט פון „שולמית״ און די מוזיק אויך נישט. די אַקטיאָרן און די אַקטריסעס האָבן אויף דער ברייטער בינע זיך אַרומגעדרייט ווי די שדים און נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט זיי . . .

דער ענין האָט שטאַרק פאַרדראָסן די יידישע טעאַטער־געסט! זיי האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו פּראָטעסטירן קייגן דער פאַר׳גוי׳אישטער אויפפירונג פון דער פּיעסע און אָנגעהויבן צוריק צו פאַרלאַנגען דאָס געלט פאַר זייערע בילעטן . . .

אויף דער אָפענער בינע איז אַרויסגעקומען דער דירעקטאָר פאַראַגאָ, כדי צו פאַרטיידיקן די מיטגלידער פון זיין אנסאמבל און זיין „רעזשי״ פון „שולמית״. ער האָט דערציילט, אַז ער איז געפאָרן קיין בודאַפּעשט ספּעציעל פאַר דעם צוועק, כדי זיך איינצוהאַנדלען די פּיעסע; אַז ער איז אויסן געווען בלויז די „טובה״ פון די אינטערנאַציאָנאַלע קור־געסט פון פּישטיאַן און זיי „מהנה״ זיין מיט דער אויפפירונג פון „שולמית״, וואָס האָט זיך דערוואָרבן

אַזאַ גרויסע רעפּוטאַציע אויף די פאַרשיידנסטע אינטערנאַציאָנאַלע בינעס, וכדומה.

אָבער דער יידישער עולם האָט כסדר פּראָטעסטירט קייגן דער פּראָפּאַגאַציע פון אַזאַ מורא׳דיקער אויפפירונג פון „שולמית״ און עקשנות׳דיק צוריק פאַרלאַנגט דאָס געלט פאַר זייערע בילעטן . . .

דער סוף איז געווען, אַז די פאַרביטערטע טעאַטער־געסט האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דעם קאַסע־פענסטערל פון טעאַטער, וואָס איז, במחילה, געווען פאַרמאַכט און זיי האָבן דאָס געלט נישט צוריקבאַקומען. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פאַראַגאָ האָט נישט פאַרמאָגט קיין פּרוטה אין זיין קבצנ׳ישן געלט־טייסטער, ווייל די הכנסה פון דעם גרויסן „סבאָר״ איז אינצווישן פאַרטיילט געוואָרן צווישן די מיטגלידער פון זיין טרופּע, ווען ער איז שולדיק געווען פאַר חדשים גאַזשע, און חוצדעם האָט ער מיט דעם געלט פון דער שולמית־פאָרשטעלונג באַצאָלט פאַרשיידענע חובות.

ווען די דירעקציע פון פּישטיאַנער קור־אָרט האָט זיך דערוווסט פון דעם מיאוסן דורכפאַל, וואָס ס׳האָט געליטן די אונגאַרישע „שולמית״־אויפפירונג, האָט זי פאַראָרדנט דעם אונגאַרישן טעאַטער־דירעקטאָר, אַז ער זאָל תיכף זיך אָפּטראָגן פון פּישטיאַן און אים גלייכצייטיק מודיע געווען, אַז דאָס אונגאַרישע טעאַטער האָט מער נישט וואָס צו זוכן אין זייער קור־אָרט . . .

---

## אפגעשפארט אן אפותיקא ביים טעאטער און באגראב זי אין א יידישער צייטונג

אין הערבסט, 1930, צוריקקומענדיק קיין ווין פון אַ לענגערער טורנעע איבער די יידישע ישובים פון טשעכאָסלאָוואַקיי, האָב איך באַשלאָסן צו פּרווון ס׳מזל ביי מיין זשורנאַליסטישער פּראָפעסיע. צו גרינדן אין ווין אַ יידישע וואָכנצייטונג, וואָס זאָל דערזעצן די אונטערגעגאַנגענע „יידישע מאָרגנפּאָסט״ און „די נייע צייט״, אין וועלכע איך בין געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

איך האָב דעמאָלט געהאַט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט דאָלאַר, וואָס האָבן געזאָלט „זיכערן״ די עקזיסטענץ פון מיין צייטונג פאַר אַ געוויסער צייט, ביז זי וועט אָנהויבן צו געבן געוויסע „פּראָפיטן״, אָדער לפחות זיך דערהאַלטן פון אַבאָנענטן און אַנאָנסן.

די צייטונג האָב איך אַ נאָמען געגעבן „יידישע וואָכנפּאָסט״, וואָס האָט געזאָלט באַדינען דעם יידיש־לייענדיקן עולם פון עסטרייך, אונגאַרן און סלאָוואַקיי. אין דער קאַרפּאַטאָרוסער שטאָט מונקאַטש, זיינען דעמאָלט דערשינען דריי יידישע וואָכנבלעטער, „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט״, אַ אומפּאַרטייאישע צייטונג, וועלכע איך האָב געגרינדעט אין יאָר 1925 ; די ציוניסטישע „יידישע

שטימע״, און דעם מונקאַטשער רבי׳נס אָרגאַן „די יידישע צייטונג״. די דאָזיקע דריי יידישע וואָכנבלעטער, (וועלכע מ׳האָט איראָניזירט אַלס „דער קאַפּאָ־לאַטש״, „די יאַרמולקע״ און „דאָס שטריימל״), זיינען דערשינען ביז צום היטלערישן חורבן אין אייראָפּע.

נאָך די געהעריקע הכנות, וואָס האָבן פאַרשלונגען אַ געוויסן טייל פון מיין אָפּגעשפּאָרטן פאַרמעגן, האָט די „יידישע וואָכנפּאָסט״ אָנגעהויבן צו דער־שיינען. די הכנסות פון די אַנאָנסן און אַבאָנענטן זיינען אָבער געווען קלאָ־געדיקע, און זיי האָבן נישט געסטייעט צו דעקן די גאָר־גרויסע הוצאות פאַר דעם דרוקער, לאָקאַל פאַר דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע, און פאַר אַנדערע אויסגאַבעס, נישט אַריינרעכנענדיק מיך גופא, דעם בעל־הבית פון דער צייטונג, וועלכער האָט זיך נישט פאַרגונען קיין איבעריקן ביסן. יעדע פרוטה האָב איך אַריינגעשטעקט אין דעם שלימזל׳דיקן עסק אַריין.

ווען ס׳זיינען פאַרגאַנגען לערך 4 חדשים און מיין גאַנצער קאַפּיטאַל איז שוין געווען אויסגעשעפּט ביז צום סאַמע דנאָ, האָט דער אייגנטימער פון דער דרוקעריי געוואָלט ירשה׳נען די צייטונג. ער האָט איינגעזען, אַז די „יידישע וואָכנפּאָסט״, וועלכע האָט אין דער צווישנצייט זיך דערוואָרבן אַ געוויסע רע־פּוטאַציע, קען מען ראַטעווען פון אונטערגאַנג, אויב זי וועט באַפרייט ווערן פון געוויסע לאַסטן, למשל: די רעדאַקציע און די אַדמיניסטראַציע זאָל זיין ביי אים אין דער דרוקעריי; עס זאָלן פאַרקלענערט ווערן, ביז צו אַ מינימום, די פאַרשיידענע, זייטיקע הוצאות, וואָס האָבן פּאַקטיש אויפגעגעסן מיין פאַלשן, דילעטאַנטיש־צוזאַמענגעשטעלטן בודזשעט פון דער „יידישער וואָכנפּאָסט״. הכלל: דער אייגנטימער פון דער דרוקעריי האָט געאַרבעט מיט אַלע כוחות, אַז ער זאָל ווערן דער בעל־הבית פון דער צייטונג.

אין אַ געוויסן דאָנערשטאָג, ווען ס׳איז פאַרטיק געוואָרן דער נומער פון דער צייטונג און מ׳האָט זי באַדאַרפט עקספּעדירן צו די אַבאָנענטן האָב איך מיך אַרומגעזען, אַז כ׳האָב נישט קיין פרוטה אין טאַש! איך פאַרמאָג אַפילו נישט די נייטיקע פאַר גראָשן פאַר׳ן טראַמוויי, וואָס זאָל מיך פירן צו דעם שכנות׳דיקן פּאָסט־אַמט, כדי צו עקספּעדירן די צייטונג. איך האָב אין מיין גרויסער פאַרצווייפלונג אַפילו פאַרגעסן, אַז אַחוץ געלט פאַר אַ טראַמוויי־בילעט דאַרף איך אויך האָבן אַ פּאָר שילינג אויף פּאָסט־מאַרקעס, וואָס מען דאַרף אויפקלעבן אויף די צייטונגס־באַנדעראָלן, כדי זיי צו עקספּעדירן.

נעם איך דעם גרויסן פּאַק מיט די צייטונגען און לאָז מיך סתם־אַזוי, אין גאַס אַריין. אפשר וועט אַ נס געשען און אליהו הנביא וועט מיר אַנטקייגן קו־מען מיך מזכה זיין מיט די פּאָר שילינג אין וועלכע איך נייטיק מיך, ווי אַ חולה־מסוכן, אין אַ רפואה־שלימה! איך טראָג דעם שווערן פּאַק מיט די צייַ־טונגען אויף מיינע אַקסלען און דער נס קומט נישט! נישט געקוקט אויף דער ביטערער קעלט, שוויץ איך און טראָפּנס מיט שווייס באַנעצן מיין אויסגעצערטן פנים.

ווען איך האָב מיך דערשלעפּט צו איינער פון די בריקן איבער דעם דאנוי־טייך, האָב איך געוואָלט מיך אָפּרוען און כאַפּן דעם אָטעם, ווייל די שווערע משא האָט געהאַט אויסגעשעפּט מיינע כוחות. דעם פּאַק מיט די צייטונגען האָב איך אָנגעלענט אויפ׳ן אָנלען פון דער אייזערנער בריק און, כ׳ווייס נישט עד־היום, וואָס ס׳איז דעמאָלט געשען מיט מיר: אָדער איך האָב מיט אַ באַשטימ־טער כוונה, און אפשר צוליב אומפּאַרזיכטיקייט, געלאָזט דעם פּאַק מיט די צייטונגען אַריינפאַלן אינ׳ם דאנוי־טייך! איך געדענק מער נישט ווי־אַזוי דאָס אומגליק איז געשען! אָבער איך האָב געפילט עפּעס אַ מאָדנע גוטסקייט און אַ פאַרלייכטערונג אין מיינע גלידער . . .

טרערן פון מיינע אויגן האָבן באַגלייט די זיך טובל׳דיקע צייטונגען אינ׳ם געפּרוירענעם וואַסער, וועמענס צעיושעטע כוואַליעס האָבן, מיט אַ כהרף־עינ׳דיקער געשווינדקייט, פאַרשלעפּט, העט־ווייט אינ׳ם דאָנוי־טייך . . .

די „יידישע וואָכנפּאָסט" איז טאַקע איבערגענומען געוואָרן פון דעם יידישן דרוקער. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין אריכת ימים. נאָך עטלעכע חדשים מוטשען זיך האָט זי אויפגעהערט צו דערשיינען.

---

## יידן ווילן פירן א נעגער־חזן אין באד אריין . . .

אין די יאָרן, ווען איך בין מער נישט געווען פאַרבונדן מיט׳ן יידישן טעאַטער און האָב געוווינט אין פּראַג, אָפּגעבנדיק זיך מיט זשורנאַליסטישער טעטיקייט, פלעגן די פאַרשיידנסטע יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן און אימ־פּרעסאַריאָס זיך ווענדן צו מיר, אַז איך זאָל זיי אַרויסהעלפן אין די אָרגאַנזשי־רונגען פון זייערע אימפּרעזעס אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער הויפּטשטאָט, אָדער אין די גרעסערע שטעט פון דער טשעכישער פּראָווינץ. איך האָב זייער גערן מקיים געווען די דאָזיקע בקשות, ווייל זיי האָבן מיך דערמאָנט אין מיין פאַרגאַנגענהייט, אַלס אַ „כל־ולך" ביים יידישן טעאַטער. איך האָב גערנוויליק אָרגאַניזירט די טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון דער „ווילנער טרופּע", וואָס האָט גאַסטראָלירט אין פּראַג אין יאָר 1933; אַביסל שפּעטער פון דער „זיג־לער־טרופּע", און פון אַ צאָל יידישע קאָנצערטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פּראַג, בריןָ, מעריש־אָסטרוי, קאַרלסבאַד און אין אַנדערע שטעט פון מערען און בעמען.

אין יאָר 1935, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון אַ יידישן אימפּרעסאַריא פון בראַטיסלאַווא אין וועלכן ער האָט מיר מודיע געווען, אַז ער פאָרט אַרום איבער די סלאָוואַקישע שטעט מיט אַ יידישן נעגער־חזן פון ניו־יאָרק, וועל־כער נעמט דעם יידישן עולם מיט „שטורם"; אַז די יידן לעקן ממש די פינגער פון זיינע חזנ׳ישע שטיקלעך. דער אימפּרעסאַריא פרעגט אָן ביי מיר, אויב

איך וואָלט נישט געווען קיין בעלן צו ווערן אַ שותף צו אַזאַ חזנ׳ישן קאָנצערט אויך אין פראַג, און אין די אַנדערע גרעסערע שטעט פון בעמען און מערען.

די מעשה האָט מיך שטאַרק פאַראינטריגירט: אַ יידישער נעגער־חזן פון ניו־יאָרק, וועלכער נעמט דעם יידישן עולם מיט „שטורם״? — האָב איך מיר געטראַכט, איז סתם אַן אינטערעסאַנטער ענין. אָבער קודם־כל וויל איך מיט מיינע אייגענע אויגן זען דעם חזנ׳ישן בעל־דבר און דאַן וועל איך אַנטשיידן, וואָס איך האָב צו טאָן.

איך פאָר קיין בראַטיסלאַווא און, אין באַגלייטונג פון דעם אימפרעסאַריאָ, באַזוכן מיר דעם נעגער־חזן אין זיין האָטעל־צימער.

איך הויב אָן אויסצופרעגן דעם נעגער־חזן, פונוואַנען ער שטאַמט? ווו און ביי וועמען ער האָט געלערנט חזנות? וכדומה, אַלץ פראַגן, וואָס זאָלן ניט אַרויסרופן דעם מינדעסטן חשד, אַז איך האָב זיינע תשובות בדעה אויסצונוצן פאַר אַ סענסאַציאָנעלער קאָרעספּאָנדענץ אין די יידישע צייטונגען אין וועלכע איך האָב דעמאָלט מיטגעאַרבעט.

דער נעגער־חזן האָט אין אַ גוטן, זאַפטיקן יידיש מיר דערציילט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין דעם האַרלעם־דיסטריקט אין ניו־יאָרק ביי יידישע עלטערן, וואָס שטאַמען פון אַביסיניע; אַז ער האָט געלערנט אין אַ חדר ווו ס׳לערנען די קינדער פון שוואַרץ־הויטיקע יידן; אַז ער האָט נישט געלערנט חזנות ביי קיין שום חזן און דאָס, וואָס ער זינגט, האָט ער זיך אויסגעלערנט פון חזנ׳ישע גראַמאָפאָן־פליטן.

דער נעגער־חזן האָט בעת׳ן שמועס זיך באַקלאָגט פאַר מיר, אַז די יידן, וואָס קומען אויסהערן זיינע קאָנצערטן, הגם זיי זיינען זיך מחיה פון זיין נגינה, ווילן מיט אים נישט רעדן אין דער עפנטלעכקייט; אַז ער איז דעם גאַנצן טאָג אין האָטעל, ווייל ער פילט די פרעמדע, אומפריינטלעכע בליקן פון יידן און קריסטן.

— דאָס ערגסטע איז, — האָט מוסיף געווען דער יידישער נעגער־חזן, — וואָס מיינע ווייס הויטיקע יידישע ברידער צווייפלען, אויב איך בין אַ ייד, און אויב מיין שוואַרץ פנים איז נישט אַנגעשמירט מיט אַ ספּעציעלער סאַזשע, כדי מיינע חזנ׳ישע קאָנצערטן צו פאַרוואַנדלען אין אַ סענסאַציע . . . אָבער איך בין אַ ייד, — באַגייסטערט זיך מיין שוואַרצער ברודער, — איך היט אָפּ אַלע יידישע מצוות; איך עס אויסשליסלעך יידישע מאכלים און איך טראָג אַ טלית־קטן . . .

איך פון מיין זייט האָב געגלויבט אַז דער נעגער־חזן איז אַ ייד. איך בין אָבער אויך געווען אַ בעלן צו הערן, ווי אַזוי ער וועט דערלאַנגען די „חזנ׳ישע סחורה״ און דאַן וועל איך אַנטשיידן, אויב מ׳קען אים מצרף זיין פאַר די, מיר פאַרגעשלאָגענע חזנ׳ישע קאָנצערטן, אין פראַג און אין די אַנדערע טשעכישע שטעט.

דעם חזנ׳ס אימפרעסאריא האָט מיר געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז היות ווי

דעם זעלבן אָוונט וועט פאָרקומען אַ קאָנצערט פון דעם נעגער־חזן אין דער שכנות׳דיקער שטאָט מיט׳ן נאָמען טירנאַוואַ, זאָל איך מיטפאָרן און איך וועל מיך איבערצייגן, וואָס פאַר אַ טייערע חזנ׳ישע כלי עס פאַרמאָגט אונזער שוואַרצער ברודער.

איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג און נאָך צוויי שעה רייזע מיט׳ן שנעל־צוג זענען מיר אָנגעקומען אין דער שטאָט, וואָס איך האָב גוט געקאָנט פון די פריערדיקע יאָרן, ווען איך בין דאָרט געווען מיט די פאַרשיידנסטע יידישע וואַנדער־טרופּעס.

* * *

דער וועג, וואָס האָט געפירט צום דאָרטיקן שטאָטישן טעאַטער ווו עס האָט געזאָלט פאָרקומען דער חזנ׳ישער נעגער־קאָנצערט, איז געווען באַלאַ־גערט פון הונדערטער יידן, וועלכע האָבן זיך געאַמפּערט וועגן דעם „שוואַרצן חזן". עס האָבן זיך געשאַפן צדדים, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער השערה, אַז דער חזן איז נישט קיין ייד, נאָר אַ נעגער, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט אַביסל חזנ׳ישע נגינה און פאָרט אַרום איבער דער וועלט בלאָפן די יידן.

אַ צווייטער צד האָט באַהויפּטעט, אַז דער נעגער־חזן איז אַ ייד און אַז מען טאָר מען אים נישט פאַרשעמען, ווייל גאָט האָט אים שוין גענוג פאַרשעמט צוליב זיין שוואַרצער הויט; אַז ס׳איז אַ רחמנות אויף אים און ס׳איז אַ גרויסע זינד אים מצער צו זיין.

בינו־לבינו האָט זיך געשאַפט אַ דריטער צד, דער „אומפּאַרטייאישער", וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פונ׳ם דאָרטיקן ראש־הקהל, וועלכער האָט אַזוי גע׳טענה׳ט:

— הלמאי זאָלן מיר זיך אַמפּערן צוליב אַן ענין, וועלכער לאָזט זיך אויפ־קלערן אַזוי פּשוט:

— אדרבה — האָבן זיך פאַסמאַקעוועט די יידן, — וואָס מיינט דער ראש־הקהל?

— לאָמיר דעם שוואַרצן חזן פירן אין מרחץ אַריין, — האָט געענטפערט דער ראש־הקהל, דאַן וועלן מיר זיך איבערצייגן, אויב דער נעגער־חזן איז אַ ייד, אָדער נישט!

— אין באָד אַריין! — האָבן די יידן אָנגעהויבן צו ליאַרמען, — זאָל ער גיין אין באָד אַריין, דער שוואַרצער חזן און דאָרט זאָל ער „איבערצייגן" אונזער ראש־הקהל, צי ער איז גע׳מל׳ט . . .

ווען דער נעגער־חזן האָט דערהערט, אַז די יידן בונטעווען זיך און מען וויל אים פירן אין באָד, כדי ער זאָל דאָרט „איבערצייגן" דעם ראש־הקהל, אַז ער איז גע׳מל׳ט, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט און קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער וועט זיך נישט לאָזן דערנידעריקן.

— יידן, בני־רחמים, — האָט דער נעגער־חזן אָנגעהויבן ממש צו שרייען אויפ׳ן קול, — איך שווער אייך ביי אונזערע הייליקע אבות, אַז איך בין אַ ייד

און אַז איך בין גע׳מל׳ט, כדת משה וישראל! ווילט איר מיר גלויבן — איז גוט; ווען נישט — דאַן בין איך אַנטשלאָסן אָפּצוזאָגן דעם היינטיקן קאָנצערט און איר וועט צוריק באַקומען דאָס געלט פאַר די געקויפטע בילעטן.

נישט געקוקט אויף די ווייכהאַרציקע בקשות פון זיין יידישן אימפּרע־סאריא, אַז ער זאָל „צוליב טון" דעם ראש־הקהל און מיט אים מיטגיין אין באָד אַריין, האָט נישט געהאָלפן! דער נעגער־חזן איז געבליבן פאַר׳עקשנ׳ט און ער האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע.

דער באַליידיקטער נעגער־חזן האָט דעם באַטרעפנדן אָוונט נישט גע׳־קאָנצערטעוועט פאַר די יידן פון טירנאַווא און איז צוריק געפאָרן קיין בראַ־טיסלאַווא. ער האָט פאַר כעס און פאַרדרוס איבערגעריסן דעם קאָנטראַקט מיט זיין אימפּרעסאַריא, און איך בין מיט גאַרנישט צוריקגעפאָרן קיין פּראַג.

אין אַ צייט אַרום, ווען איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן אין דער געשיכטע האָב איך, צו מיין גרויסער דערשטוינונג, געלייענט אין אַ פּראַגער טשעכישער צייטונג אַ מודעה, אַז אין אַ געוויסן קאַבאַרעט וועט אויפטרעטן אַ באַרימטער נעגער־זינגער פון ניו־יאָרק.

אין דער מודעה איז אויך געווען דאָס בילד פון דעם „נעגער־חזן" . . .

עד־היום קאָן איך נישט צעקייען דעם רעטזועלהאַפטן ענין:

איז דער באַטרעפנדער „נעגער־חזן" געווען אַ ייד, אָדער ער איז געווען אַ נעגער און ער האָט פאַרשטאַנען צו בלאָפן די יידן פון סלאָוואַקיי, מיט מיין וויינקייט, בתוכם, אַז ער איז אַ יידישער נעגער־חזן . . .

## אן אַקטיאר ווערט אן עושר פון זאגן קדיש נאך זיינעם א פארשטארבענעם „פאטריאט"

אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך איז אויסגעקומען צו דערציילן וועגן דעם קאָמיקער הערמאַן ראַבינאָוויטש וועלכער איז געווען אַ מייסטער אין דער קונסט פון „קאַלעכן"; וועגן זיינע אויסטערלישע אויפפירונגען אַלס אַקטיאָר און זיינע טשיקאַווע מסחרים מיט די פאַרשיידענע לאָמבאַרדן. איצט וועל איך דערציילן אַ געשיכטע, ווי אַזוי דער זעלבער אַקטיאָר איז פּלוצים, פון דער העלער הויט, געוואָרן אַ גביר. הערמאַן ראַבינאָוויטש האָט באַוויזן אָנצו־„קאַלעכן" זיינעם אַ „פּאַטריאָט", אַז אויב ער וועט אים פאַרשרייבן אַ געוויסע סומע פון זיין פאַרמעגן, וועט ער נאָך זיין טויט זאָגן קדיש נאָך אים . . .

אין יאָר 1930, ווען הערמאַן ראַבינאָוויטש האָט, צוליב פאַרשיידענע סיבות, זיך צעשיידט פון אונזער טרופּע, האָט ער געמאַכט „שבת פאַר זיך" און אָנגעהויבן צו „קאָנצערטעווען" איבער דער סלאָוואַקישער מדינה. ער האָט געזונגען אויף חתונות און אויף ברית׳ן; אויף בר־מצוות און אויף אַנדערע יידישע

שמחות, און פון די דאָזיקע הכנסות האָט ער זיך מפרנס געווען. נישט האָבנ־דיק אויף זיך קיין עול צו מאַכן פּראָבעס און צו שפּילן טעאַטער, פלעגט ער זיין גאַנצע פרייַ צייַט זיצן אין די שטעטלדיקע קאַפע־הייזער און „קאַלעכן" די דאָרטיקע יידן אויף זיין געוויינטלעכן שטייגער.

אין דער צייַט, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין קונים פאַר זיינע קאָ־לעכדיקע מעשיות, האָט ער — ווי ס'איז געווען זיין שטייגער — געשריבן בריוו צו די לאַמבאַרדן, ווו ס'זיינען געלעגן פאַרזעצט זיינע זאַכן, אָדער ער איז געזעסן ביי די פענסטער פון די קאַפע־הייזער און פאַר גרויס לאַנגווייליקייט געגריסט די פאַרבייגייענדיקע „טשיזשעס" (פרויען, אָדער מיידלעך) אויף אַן אופן, ווי זיי וואָלטן, מכלומרש'ט, געווען זיינע באַקאַנטע. אַ דאַנק אַזעלכע פּראַוואָצירנדיקע מעטאָדן פלעגט ער טאַקע שליסן באַקאַנטשאַפט מיט דעם ווייבערישן מין.

הערמאַן ראַבינאָוויטש איז אין דעם פּרט געווען אַ גאַר־גרויסער „דאָן־זשואַן". ער איז נישט געווען קיין גרויסער מפונק צווישן אַ „זשאַלע־קלישע" (מיאוס פּנים) און אַ קליפּע פּאַדסטאַוווע" (אַ שיינע געשטאַלט). דער עיקר איז ביי אים געווען, אַז אַ פרוי האָט געהאַט שיינע „מאָטרעס" (אויגן) און פאַר אַזאַ אשה פלעגט ער פשוט איינגעמען די ניכפּה!

* * *

אין זומער, 1937, ווען איך האָב געוווינט אין פּראַג, האָט אין מיין טיר אָנגעקלאַפּט אַ פּאַרשוין, וועלכער איז געווען אָנגעטון אין אַ מונדיר ווי עס טראָגן די פּאַרטיערס פון די מאָדערנסטע האָטעלן, און ער דערלאַנגט מיר אַ בריוועלע מיט דער באַמערקונג, אַז דאָס איז פון זיין „שעף".

איך עפן דעם קאָנווערט און געפין דאָרט אַ בריוועלע, געשריבן אין יידיש, בזה הלשון:

„איך, הער הערמאַן ראַבינאָוויטש פאַרבעט אייך צו קומען אין האָטעל „אַמבאַסאַדאָר" ווו איך שטיי איין אין דער צייַט פון מיין אויפענטהאַלט אין פּראַג".

— ווער זייט איר? — האָב איך געפרעגט דעם פּאַרשוין, וואָס האָט אין זיין שיינעם מונדיר אויסגעזען ווי אַ גענעראַל פון אַ אָפּערעטע־פאַרשטעלונג.

— איך בין דער „קאַמער־דינער" פון מיין „שעף", — ענטפערט דער פּאַרשוין אין אַ מונקאַטשער יידישן לשון. — איך באַגלייט מיין „שעף" אויף זיינע רייזעס, און איך בין אויך זיין מאַסער . . . איך רייב אים יעדן אָוונט אויס זיינע פּלייצעס . . .

געפעלט מיר דאָס דאָזיקע מעשה'לע, און דער „קאַמער־דינער" פון דעם יידישן קאָמיקער הערמאַן ראַבינאָוויטש, פירט מיך צו זיין „שעף" אין האָטעל „אַמבאַסאַדאָר", וואָס האָט פיגורירט צווישן די פּראָמינענטסטע האָטעלן פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער הויפּט־שטאָט.

ווען איך בין אַריין אין האָטעל־צימער, איז הערמאַן ראַבינאָוויטש געווען אָנגעטון אין אַ פאַנטאַסטישן מאָרגן־ראָק פון זייד, באַנייט און באַצירט מיט כל׳ערליי סטענגעלעך און בלומען. איך האָב לכתחילה געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז נישט מיין אַלטער באַקאַנטער ראַבינאָוויטש, נאָר עפּעס אַ מאַהאַ־ראַדזשאַ, אָדער אַ פאַרשטעלטער לץ, וואָס האָט זיך פאַרקליידט פאַר אַן אויפ־טריט אויף דער בינע.

אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט. ס׳איז טאַקע געווען הערמאַן ראַבינאָוויטש, מיט די ביינער, און פון זיין פליישיקן פּנים האָט געשפּראָצט כח און גבורה! נאָך דער ערשטער באַגריסונג, האָט ער מיך אַ „קאַלעך״ געטון אויף זיין שטייגער . . .

ראַבינאָוויטש האָט געגעבן אַ באַפעל זיין „קאַמער־דינער״, אַז ער זאָל „ווערן אַ האַז״ און דער יונג האָט פאַרלאָזן דאָס צימער.

פאַר גרויס איבערראַשונג האָב איך ממש נישט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט. עפּעס קומט מיר פאָר אונזער באַגעגעניש ווי אַ מעשה׳לע פון „טויזנט און איין נאַכט״. הערמאַן ראַבינאָוויטש גייט אָנגעטון אין אַ זיידענעם מאָרגן־ראָק! ער וווינט אין אַ טייערן האָטעל און דערצו נאָך מיט אַ „קאַמער־דינער״, וואָס גייט אָנגעטון אין אַ מין גענעראַלסקען מונדיר, באַצירט מיט גלאַנציקע קנעפּ און מיט גאָלדענע עפּאָלעטן . . .

ענדלעך קום איך צו זיך און פרעג אים:

— ראַבינאָוויטש, וואָס איז מיט אייך געשען? איר האָט געמאַכט דאָס „גרויסע געווינס״? איר האָט גע׳ירשנ׳ט אַ ירושה? . . . .

— ברודער זיסער, — כאַפּט מיך אַרום ראַבינאָוויטש און באַנעצט מיין פּנים מיט קושן, — ס׳איז מיר ווויל ווי די וועלט, — צעוויינט ער זיך ממש פאַר עמאָציע. — ס׳איז מיר נאָך בעסער ווי גוט . . . גאָט האָט צוגעהערט מיין געבעט און מיך געמאַכט פאַר אַן עושר!

ווער איך שוין גאָר געשפּאַנט און וויל וויסן, וואָס פאַר אַ גליק ס׳האָט געטראָפן מיט דעם קאָמיקער פון יידישן טעאַטער. אָבער ראַבינאָוויטש האָט צייט, ער איילט זיך נישט . . .

— קודם כל, — זאָגט ער צו מיר, — לאָמיר אויסטרינקען אַ גלעזעלע, — און בשעת־מעשה גיט ער מיך אַ „קאַלעך״־אונטער . . . ער פאַרגעסט זיך, אַז איך בין „אַן אייגענער״ און אַז איך בין שוין אַ שטיקל מבין אויף אים. אָבער דאָס מין „קאַלעכן״ איז געוואָרן ביי אים אַזאַ רגילות, אַ שטענדיקע געוווינהייט, און ער האָט פּשוט פאַרגעסן, ווו ער האַלט אין חשבון.

— זיסער ברודער, — הויבט אָן ראַבינאָוויטש, — איך בין געוואָרן אַ „סטאַטעק״, דאָס הייסט אַ לייט. איך האָב אויפגעגעבן אַלע מיינע „לינקע עסקים״ מיט וועלכע איך האָב מיך פאַרנומען אין די פריערדיקע יאָרן. אויס „טשיזשעס״, אויס לאָמבאַרדן, אויס חתונות און אויס ברית׳ן. איך מאַך איצט אַ לעבן פון לויטער מצוות און מעשים־טובים . . . איך בין געוואָרן אַ פרוי־

מער ייד און איך גיי צוויי מאָל אין טאָג אין שול אַריין דאַווענען. דאָס הייסט, איך גיי זאָגן קדיש נאָך מיינעם אַ גוטן ברודער, אַ ידיד־נפש, וועלכער איז נעבעך געשטאָרבן מיט עטלעכע חדשים צוריק.

פאַרשטיי איך פונדאַסניי נישט, וואָס ראַבינאָוויטש רעדט צו מיר און מיין, אַז דאָס איז זיינע אַ שפּאָגל־נייע „טעכניק" פון „קאַלעכן". אָבער ניין. דאָס איז נישט געווען קיין „קאלעך", נאָך אַ פּאָלגענדע, וואָרע געשיכטע:

אין דער סלאָוואַקישער שטאָט נייטראַ, וואָס האָט זיך געציילט צו איינע פון די בעסטע שטעט פאַר יידיש טעאַטער, האָט געוווינט אַ יידישער האָלץ־סוחר מיט׳ן נאָמען גרשון פּאָליאַנסקי, וועלכער האָט געשטאַמט פון אָדעס און איז געווען אַ לאַנדסמאַן פון דעם אַקטיאָר הערמאַן ראַבינאָוויטש.

פּאָליאַנסקי איז, אַלס יינגל, געקומען קיין נייטרא, ווו ס׳האָט געוווינט זיינער אַן אָנקעל, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין קינדער. ווען גרשון איז אונטערגעוואַקסן, האָט אים דער אָנקעל אַריינגענומען אין זיינע האָלץ־מסחרים און ער האָט שטאַרק מצליח געווען. ווען דער אָנקעל איז געשטאָרבן, האָט דער יונגער פּאָליאַנסקי גע׳ירשנ׳ט דעם גאַנצע פאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען אין געלט, הייזער, פעלדער און טייערע צירונג.

גרשון פּאָליאַנסקי, וועלכער איז געווען אַ גאָר־טיכטיקער סוחר, האָט נאָכמער פאַרגרעסערט דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס ער האָט גע׳ירשנ׳ט פון זיין אָנקעל און ער האָט זיך געציילט פאַר איינעם פון די רייכסטע יידן אין נייטראַ.

צוליב פאַרשיידענע סיבות, האָט פּאָליאַנסקי קיינמאָל נישט חתונה געהאַט און איז פאַרבליבן אַן אייביקער בחור. ער האָט אין די סלאָוואַקיי נישט געהאַט קיין שום קרובים, מיט׳ן אויסנאַם פון אָדעס. אָבער צוליב דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט, איז אים אָנגעקומען זייער שווער זיך צו קאָמוניקירן מיט די קרובים פון זיין אַמאָליקער היים־שטאָט, וועלכע ער האָט מיט דער צייט פאַרגעסן.

מיט אָט דעם גרשון פּאָליאַנסקי, איז ראַבינאָוויטש געווען גאָר שטאַרק באַפריינדעט און ער איז געווען איינער פון די בעסטע „קרבנות", ווען ראַבינאָוויטש פלעגט „קאַלעכן" שעה׳ן־לאַנג, און זיי זיינען מיט דער צייט געוואָרן אינטימע ידידים.

פּאָליאַנסקי איז אָבער געווען אַ גרויסער קמצן און איז געזעסן אויף זיין געלט. ער האָט זעלטן־ווען געגעבן אַ גרעסערע נדבה, לויט זיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, דאָס האָט גורם געווען, אַז די יידן פון נייטרא פלעגן אים אויסמיידן, ווי מען מיידט אויס אַ דבר־אחר.

פּאָליאַנסקי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז ער האָט אַ מיאוס׳ע טבע — אין פּרט פון געלט. אָבער ער האָט נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון זיין קאַרגשאַפט, וואָס איז געווען אַ געוויסער „אינהאַלט" פון זיין איינזאַמען, בחור׳ישן לעבן, אין דער קליינער סלאָוואַקישער שטאָט.

ווען פּאָליאַנסקי איז פּלוצים קראַנק געוואָרן און ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז דאָס זיינען די לעצטע טעג פון זיין לעבן, האָט ער צו זיך גערופן זיין אַדעסער לאַנדסמאַן ראַבינאָוויטש און זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט, נישט גע־קוקט אויף זיין גרויס עשירות, אָפּגעָחזר׳ט זיין גאַנץ לעבן; ער האָט זיך נישט פאַרגונען קיין איבעריקע פּרוטה, ווייל, ווען מען איז יונג מיינט מען, אַז מען וועט אייביק לעבן, און ווען דער מענטש פאַרמאָגט אַ סך וויל ער האָבן נאָכמער; ער האָט נישט חתונה געהאַט אויס מורא, אַז זיין פרוי זאָל אים נישט מאַכן פאַר קיין אָרימאַן, וכדומה, אַלץ אַזעלכע נאַרישע איינבילדונגען, וואָס ווערן געבוירן אין די קראַנקהאַפטע פאַנטאַזיעס פון קמצנים. אָבער ווען דער שטיין־רייכער גרשון פּאָליאַנסקי איז געלעגן צוגעשמידט צו זיין קראַנקען בעט, האָט אין אים זיך דערוועקט עפּעס אַ מערקווירדיקער חשק, אַז זיין אָנ־דענק זאָל נישט פאַרגעסן ווערן; ער וויל, אַז זיינע שלעכטע מעשים זאָלן באַלוינט ווערן, כאָטש נאָך זיין טויט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אָוועקצו־געבן דעם גרעסטן טייל פון זיין פאַרמעגן פאַר כל־ערליי יידישע צדקה־צוועקן און אים, זיין פריינט הערמאַן ראַבינאָוויטש, האָט ער באַשטימט, אַז ער זאָל נאָך זיין טויט קדיש זאָגן נאָך אים דאָס גאַנצע יאָר, און ער זאָל פּראַוועןן די געהעריקע יאָרצייטן, אַזוי לאַנג ווי ראַבינאָוויטש וועט לעבן. פאַר אָט דעם „דזשאַב", האָט גרשון פּאָליאַנסקי פאַרשריבן אין זיין צוואה, דאַרף הערמאַן ראַבינאָוויטש באַקומען אויסגעצאָלט די סומע פון 25,000 טשעכישע קראָנען!

לויט דער צוואה, האָט ראַבינאָוויטש באַדאַרפן באַקומען אויסגעצאָלט דאָס געלט ביסלעכווייז, יעדן חודש פון די ערשטע 12 חדשים, צו טויזנט קראָן אַ חודש. און דאַן טויזנט קראָן אַ יאָר פון די יאָר־צייטן.

וואָס־זשע האָט געטון ראַבינאָוויטש?

ניט האָבנדיק קיין געדולד צו וואַרטן אַזאַ לאַנגע צייט פון יאָרן, איז ער מיט דעם לעגאַט געגאַנגען צו אַ סלאָוואַקישער באַנק און ער האָט, פאַר אַ געוויסן פּראָצענט, באַקומען אויסגעצאָלט די גאַנצע סומע אויף איינמאָל, און דאָס איז געווען דער גרויסער סוד פון זיין פּלוצים׳דיקן עשירות . . .

* * *

ראַבינאָוויטש האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אַז ס׳איז מנחה־צייט און ער דאַרף גיין אין שול זאָגן קדיש נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם פּאָליאַנסקי. — איך האָב אים אויפ׳ן טויטן־בעט געגעבן תקיעת־כף, אַז איך וועל אָפּהיטן די קדישים און איך האַלט איין דעם צוזאָג מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, — האָט ראַבינאָוויטש באַמערקט מיט אַ געמאַכטער טרויעריקייט, און ער האָט מיך איינגעלאַדן אין שול צו זיין אַן עדות, אַז ער איז מקיים זיין תקיעת־כף און זאָגט קדיש נאָך זיין פאַרשטאָרבענעם בן־עיר.

מיר זיינען געגאַנגען אין דער פּראַגער, היסטאָרישער „מהר׳ל"־שול און

ראַבינאָוויטש האָט, אויף זיין שטייגער, אָפּגע׳קאַלעכט אַ „קדיש״, אַז גאָט האָט זיך געמעגט מרחם זיין . . . פון זיין מויל האָט מען געהערט בלויז די ערשטע ווערטער „יתגדל ויתקדש״ און דעם סוף־זאַץ פון „ואמרו אמן״ . . .

דער סוף פון דעם מעשה׳לע איז אַזאַ:

אין עטלעכע חדשים אַרום, ווען ראַבינאָוויטש האָט, מיט מזל, געהאַט גע׳פּטר׳ט די גרויסע ירושה, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין אָדעסער לאַנדס־מאַן פאַר „זאָגן״ קדיש, האָט ער קודם־כל אויסגעטון דעם גענעראַלסקען מונ־דיר פון זיין „קאַמער־דינער״ און אים צוריקגעשיקט קיין מונקאַטש . . .

ווען ראַבינאָוויטש האָט מער נישט פאַרמאָגט קיין פּרוטה ביי דער נשמה, איז ער נישט געוואָרן פאַרצווייפלט. ער האָט ווידער זיך גענומען צו זיין אַמאָליקער באַשעפטיקונג: געזונגען יידישע טעאַטער־לידלעך אויף חתונות, ברית׳ן, אויף בר־מצווה פייערונגען און האָט „געקאַלעכט״ דעם עולם אויף זיין שטייגער.

לויט ווי איך האָב געהערט, האָט ראַבינאָוויטש נעבעך געהאַט אַ גאָר־מיאוס׳ן טויט. ער זאָל אין יאָר 1941, ווען די סלאָוואַקיי איז שוין געווען נאַ־ציסטיש, האָבן געשטאָרבן אין דער סלאָוואַקישער שטאָט פּרעשאָוו. קיי־נער איז נישט געווען ביי זיין קראַנקען בעט, ווען דער גרויסער לץ האָט אויס־געהויכט זיין נשמה און מען האָט אים מקבר געווען אין קהל׳ישע תכריכים...

# פֿאַרן אָפּענעם פֿאָרהאַנג

## „ישראל, מאך א שפרונג״ . . .

ישראל דייטש (אַ ברודער פון ווינער יידישן אַקטיאָר און רעזשיסאר פון דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע״, איטשע דייטש) איז געווען חזן אין אַ ווינער שולעכל. היות ער האָט שטאַרק ליב געהאַט יידיש טעאַטער און די פריילעכע סביבה פון די יידישע אַקטיאָרן, האָט ער זיך „געדרייט״ אַרום זיי און מען האָט אים שטאַרק מקרב געווען.

אַמאָל, האָט דער ווינער קאָמיקער, מוניע שטרענג, אויפגעפירט אַ פּיעסע אין ווינער יידישן טעאַטער „אסטאָר״ אויף דער פּראטער־שטראַסע. נישט האָבנדיק קיין סופלאר, האָט ער געבעטן ישראל דייטש צו שטיין הינטער די קוליסן און אַרויסהעלפן די אַקטיאָרן מיט אַ „וואָרט״ פון דער פּיעסע, וואָס זיי האָבן, ווי דער שטייגער איז, נישט געקאָנט . . .

ס׳איז געווען אַ לאַנגווייליקע פּיעסע און די פּראזע האָט זיך געצויגן ווי שטרוי. זעענדיק ווי דער עולם אין טעאַטער איז שטאַרק אומצופרידן און הויבט אָן צו געניצן, האָט שטרענג געוואָלט אַביסל שניידן די פּראָזע און זיך געוואָנדן צום חזנ׳ישן סופליאר מיט דער בקשה:

— ישראל, מאַך אַ שפּרונג! (אויף טעאַטער־לשון האָט עס געמיינט איבערמישן אייניקע בלעטלעך פון דער פּיעסע, כּדי מ׳זאָל גיכער קענען פאַר־ענדיקן די פאָרשטעלונג).

ישראַל דייטש האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט „מאַך אַ שפּרונג״, און האָט ווייטער סופלירט.

— ישראל גזלן, — האָט שטרענג, וועלכער איז געווען אויף דער בינע, זיך געבעטן, — מאַך אַ שפּרונג!

ישראל דייטש האָט אָנגענומען, אַז מוניע שטרענג בעט אים צו מאַכן אַ שפּרונג, ווייל דאָס האָט אַ שייכות מיט דער האַנדלונג פון דער פּיעסע . . . איז ער אַרויס אויף דער אָפענער בינע, זיך העפלעך פאַרנויגט פאַר׳ן עולם און געמאַכט דעם אמת׳ן שפּרונג! ער האָט זיך ווידער פאַרנויגט און אַראָפּ הינ־טער די קוליסן . . .

דער קאָמיזם פון דער זאַך האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן אַ שטאַרק געלעכטער ביי די אַקטיאָרן, בעיקר אָבער ביים פּובליקום, וואָס האָט זיך יאָ אָריענטירט אין דער לאַגע. און די פּיעסע האָט ערשט דאַן געהאַט דעם ריכטיקן תּיקון . . .

## דער עולם וויל זען אויף דער בינע די תליות פון
## „די זיבן געהאַנגענע״ . . .

אין יאָר 1932, האָט איינע פון די געשפּאָלטענע „ווילנער טרופּעס״, אונ־טער דער אָנפירונג פון אַלעקס שטיין, גאַסטראָלירט אין קאַרפּאַטאָרוס. איינע פון זייערע דערפּאָלגרייכסטע פּיעסעס איז געווען לעאָניד אַנדרעיעוו׳ס „די זיבן געהאָנגענע״, וואָס איז געווען זער פּאָפּולער ביים יידישן טעאַטער עולם, און האָט אַריינגעבראַכט גרויסע איינגאַמעס.

דער אימפּרעסאַריא פאַר די טשעכאָסלאָוואַקישע גאַסטראָלן פון דער „ווילנער טרופּע״ איז געווען זכריה פראַנצאַס, מיט וועמען דער לייענער האָט זיך שוין באַקאַנט אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך.

ווען די „ווילנער טרופּע״ האָט אויפגעפירט „די זיבן געהאַנגענע״ אין שטאָטישן טעאַטער פון אונגוואר (אוזשגאָראָד, אויף רוטעניש), האָבן די אַק־טיאָרן אויף דער בינע באַמערקט, אַז צווישן עולם הערשט אַ געוויסע נערווע־זיטעט. מען האַלט אין איין קוקן אַרויף צו דער בינע און מען שושקעט זיך.

עס פאַרגייט דער ערשטער און דער צווייטער אַקט, און די באַאומרואי־קונג האַלט כסדר אין איין שטייגן. ווען דער פאַרהאַנג פאַלט, רירט זיך אַפילו נישט קיין איין האַנט צו אַפּלאָדירן. דער פאַרהאַנג פאַלט נאָכ׳ן לעצטן אַקט, דאָס זעלבע — דער עולם אַפּלאָדירט נישט, נאָר בלייבט זיצן אין טעאַטער.

די אַקטיאָרן הויבן אָן זיך אויסצוגרימירן. אייניקע האָבן זיך שוין אַפילו איבערגעטון אין זייערע ציווילע מלבושים, אָבער דער עולם זיצט נאָך אַלץ אין טעאַטער און וואַרט!

ענדלעך קומט אַ דעלעגאַציע פון עולם צו אַלעקס שטיין און מאַכט אים פאַרוואורפן, הלמאי די „ווילנער טרופּע״ האָט זיי אָפּגענאַרט! מ׳האָט פון דער פּיעסע „געשניטן״, און אַלס „באַווייז״ אויף זייערע באַשולדיקונגען ווייזן זיי אָן, אַז מ׳האָט אויף דער בינע נישט געזען די תליות פון „די זיבן געהאָנגענע״.

הכלל, דער עולם איז ווייטער געזעסן און געוואַרט, וועלנדיק זען ווי מען הענגט אויף זיבן לעבעדיקע מענטשן . . .

זכריה פראַנצאַס, דער מייסטער אויף זאָגן וויצן, איז אַרויף אויף דער בינע און דערקלערט פאַר׳ן אומצופרידענעם עולם, אַז די פאַרשטעלונג איז געענדיקט.

— מ׳האָט אונז אָפּגענאַרט! — האָבן זיך דערהערט פּראָטעסטן.

— וווּ זיינען די תליות? — האָט מען געשריגן.

— וווּ זיינען די געהאָנגענע? — האָט מען געליאַרעמט, וכדומה.

— איר האָט אַ גרויסן טעות, — ענטפערט פראַנצאַס קאַלטבלוטיק. — די „ווילנער טרופּע״ האָט אייך נישט אָפּגענאַרט. אַלס יידן, מוזט איר, חשוב׳ער עולם, פאַרשטיין, — האָט פראַנצאַס ווייטער אויסגעפירט, — אַז די תליות

פּאַר „די זיבן געהאָנגענע“ ווערן אויפגעשטעלט בלויז איין מאָל אין יאָר, פּורים, ווען מ׳הענגט המנ׳ען . . . אָבער היינט איז דאָך נישט פּורים; ס׳איז ערשט נאָך שבועות. טאָ ווי קאָנט איר פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך, אַז מ׳זאָל פאַר זיבן יידישע אַקטיאָרן אויפשטעלן תליות אין אַ פּראָסטן מיטוואָך? . . .

— בראַוואָ! — האָט מען געשריגן מצד דעם עולם . . .

— דאָס „שטיקל“ (אַזוי האָט מען אויך אָנגערופן אַ פּיעסע אין קאַרפּאַטאָ־רוס) איז אויך גוט געווען אָן די תליות! . . .

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער כאַראַקטעריסטישער אינצידענט.

---

## אַן אַקטיאָר פאַרבעט דעם עולם צו „צלאל ראַפּאַפּאָרט׳ס לוויה“ . . .

אין יאָר 1933, האָט אַ יידישע וואַנדער־טרופּע אויפגעפירט אין דער סלאָוואַקישער הויפּטשטאָט בראַטיסלאַווא, „די שחיטה“, פון יעקב גאָרדין.

די ראָלע פון „צלאל ראַפּאַפּאָרט“ האָט געשפּילט דער אַקטיאָר אהרן לע־הער, און די ראָלע פון „אסתר׳קע“ האָט געשפּילט זיין פרוי. ביידע זיינען גע־ווען גאָר שלעכט אין זייערע ראָלן און דער עולם האָט נישט „געגליכן“ זייער שפּילן.

צום סוף פון דער פּיעסע ווען „אסתר׳קע“ קוילעט „צלאל ראַפּאַפּאָרט“ קומט זי אַרויף אויף דער בינע מיט׳ן פאַרבלוטיקטן חלף, און דער פאָרהאַנג פאַלט.

דער עולם אין טעאַטער האָט אַביסל אַפּלאָדירט ביי דער דראַמאַטישער סצענע, אָבער ער האָט נישט באַגריפן, אַז די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט און איז ווייטער פאַרבליבן אין טעאַטער, וואַרטנדיק אויף נאָך אַן אַקט . . .

די אַקטיאָרן האָבן אין זייערע גאַרדעראָבעס אָנגעהויבן זיך איבערצו־קליידן און אָפּגעווישט די שמינקע פון די פּנים׳ער.

זכריה פראַנצאָס, וועלכער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער פּיעסע, איז דער ערשטער אַרויסגעקומען פון דער גאַרדעראָבע און האָט, צו זיין גרוי־סער איבעררעשונג באַמערקט, אַז דער טעאַטער איז נאָך אַלץ פול מיט מענטשן.

פרעגט ער זיך ביי איינעם פון די טעאַטער־באַזוכער, אויף וואָס דער עולם וואַרט?

— וואָס הייסט אויף וואָס? — ענטפערט צוריק דער „יאָלד“. — אויף נאָך אַן אַקט וואַרט מען! די מענטשהייט (געמיינט דער עולם), וויל זען דעם סוף . . .

פראַנצאָס האָט זיך אָריענטירט אין דער לאַגע און איז אַרויף אויף דער בינע, זאָגנדיק צום עולם פאָלגענדעס:

— האַכגעשעצטעס פּובליקום, אייער וואַרטן אויף נאָך אַן אַקט איז אומ־זיסט. איר ווייסט דאָך, אַז דער הויפּט־העלד, „צלאל ראַפּאַפּאָרט" איז געקוי־לעט געוואָרן און איז טויט. דעריבער לאַדן מיר אייך אַלע איין צו זיין לוויה, וואָס וועט פאַרקומען מאָרגן . . .

---

## „די דאקטוירים האבן אים אנגעזאגט אז ער זאל נישט לאכן"

איינמאָל האָבן מיר גאַסטראָלירט אין דעם קאַרפּאַטאָרוסער שטעטל בערגסאַס, וואָס ליגט האַרט ביי דער אונגאַרישער גרענעץ.

לכבוד דער אָפּשידס פאָרשטעלונג האָבן מיר אַנאָנסירט אַ קאָנצערט און זיך באַנוצט אין די אַפישן מיט דעם אַלט־באַקאַנטן דעוויז, אַז „לאַכן איז גע־זונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן". חוץ דעם האָבן מיר אויך אַביסל אונטערגע־בלאָזט מיט אַ באַמערקונג, אַז „די יעניקע, וואָס וועלן נישט לאַכן, וועלן מיר אומקערן דאָס געלט פאַר זייערע געקויפטע בילעטן" . . .

נאָך דעם קאָנצערט קומט צו מיר צו אַ קליין דאַר יידל, וואָס האָט געהאַט אַ קרענקלעך אויסזען און פאַרלאַנגט צוריק דאָס געלט פאַר זיין בילעט ! . . .

— וואָס איז ? — פרעג איך דעם ייד. — דער קאָנצערט איז אייך נישט געפעלן ? איר האָט נישט געלאַכט פון די וויצן און פון דעם הומאָריסטישן איינאַקטער, וואָס מיר האָבן אויפגעפירט ?

— ניין, — ענטפערט דאָס יידל מיט אַ טרויעריק שטימעלע, — איך האָב נישט געלאַכט . . . איך לייד אויף דער „בלינדער קישקע" און די דאָקטוירים האָבן מיר פאַרבאָטן צו לאַכן" . . .

---

## ער איז א מונקאטשער חסיד און האט פיינט א דבר־אחר

אין יאָר 1925, ווען די „שטראַמער טרופּע" האָט גאַסטראָלירט אין טשע־כישן קור־אָרט, קאַרלסבאַד, איז געקומען צופאָרן דער באַרימטער יידישער אַקטיאָר, ד"ר פּאול באַראַטאָוו, כדי דאָרט צו פאַרוועלן קוראַציע. אַפּזייענדיק דאָרט עטלעכע טעג, האָט ביי באַראַטאָוו׳ן זיך צעוואַרעמט דער חשק, און ער האָט זיך געלאָזט אַנגאַזשירן צו שפּילן בערקאָוויטשעס פּיעסע „מאַשקעלע חזיר".

נאָכ׳ן ערשטן אַקט קומט צו אַ ייד צו דער קאַסע פון טעאַטער און בעט, אַז מ׳זאָל אים צוריקגעבן דאָס געלט פאַר׳ן בילעט.

— פאַרוואָס ווילט איר צוריק ס׳געלט ? — פרעגט אים דער קאַסירער, — די פּיעסע געפעלט אייך נישט ? איז ד"ר באַראַטאָוו שלעכט אין דער ראָלע ?

— „דאָס שטיקל" (געמיינט די פּיעסע) — ענטפערט דער ייד, — איז גאָר וווּל ; אָבער איך בין אַ מונקאַטשער חסיד און וויל נישט זען פאַר מיינע אויגן אַ ייד, וואָס הייסט „מאַשקעלע חזיר" און פרעסט דבר־אחר . . .

# דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן...

דער אנסאמבל פון ווינער יידישן טעאַטער „רעקלאַם“ אין יאָר 1937.

(אויפגענומען נאָך דער פֿאָרשטעלונג פון אַרנאָלד צווייג׳ס פּיעסע „דעם שטנ׳ס שליחות“, מיט דעם אַקטיאָר לעאָ רויס אין דער ראָלע אַלס „אונטערזוכונגס־ריכטער“. די פּיעסע באַהאַנדלט די עלילת־דם געשיכטע אין דעם אונגאַרישן שטעטל טיסאַ־עסלאַר אין יאָר 1882). ערשטע ריי, זיצנדיק (פון רעכטס צו לינקס): ה. לעווין, י. גאָלדפּליס, לעאָ רויס, פּ. הירש־פעלד, זשעני לאָוויטץ, לאָרקע גליקסמאַן; צווייטע ריי, שטייענדיק (פון רעכטס צו לינקס): ה. טוניס, שלום צוקער, א. בעל, מ. הירשפעלד, דאָלי נאַכבאַר, א. מייזעלס, ע. שאָר, רחל ווייסבערג, קלאַראַ מייזעלס, מ. קלוגער, ב. אָלשאנסקי; דריטע ריי (רעכטס צו לינקס): א. בעלמאַן און מ. שוואַרץ; פערטע ריי (רעכטס צו לינקס): בן־ציון סיגאַל, א. קריגער, מיכאל פּרייס און אשר גרימינגער.

אין די סוף־זומער־חדשים פון יאָר 1938, איז די פּאָליטישע לאַגע אין אייראָפּע געווען אַ געשפּאַנטע ביז־גאָר. די היטלערישע סכנה איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און מען האָט געהאַט דאָס ביטערע געפיל, אַז די וועלט, — בעיקר די יידישע וועלט — גייט אונטער. די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג האָט, אַלס אַ פּועל־יוצא פון דער פּאָליטישער סכנה בנוגע דעם „סודעטן־לאַנד“, פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, כדי דאָס לאַנד צו פֿאַרהיטן פון אַ מעגלעכער נאַציִשער אינוואַזיע. צענדליק טויזנטער יידן אין די באַ־דראָטע שטעט און שטעטלעך פון דער „סודעטן“־פּראָווינץ, האָבן זייער האָב

און גוטס איבערגעלאָזט אויף הפקר און זיינען אַנטלאָפן קיין פּראָג, כדי צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן. אַ סך פון די דאָזיקע יידישע פּלטים האָבן אָנגעהויבן צו לויפן קיין סלאָוואַקיי און קאַרפּאַטאָרוס, כדי פון דאָרט צו אַנטלויפן קיין רומעניע און אין אַנדערע לענדער, וואָס זיינען דעמאָלט געווען דערווייטערט פון דער נאַצישער סכנה.

די „זיגלער־טרופּע“ אין קארלסבאד אין יאָר 1937

ערשטע ריי (פון רעכטס צו לינקס): אַבראַשאַ, ערנאַ זיגלער, קלארא מייזעלס, עריקאַ זילבערמאַן, סעווילא פּאַסטאָר, ד״ר פּאול באַראַטאָוו (האָט געווײלט אין קארלסבאד אַלס אַ קור־גאַסט), עלאַ זילבערמאַן און מוניע פּאַסטאָר; צווייטע ריי (פון רעכטס ביז לינקס): א. מייזעלס, דאָלי נאַכבאַר, ראָזאַ זיגלער, משה זיגלער און כאַוויס. (די אַנדערע אויף דעם בילד, זיינען קור־געסט).

צוויי טעג ערב ראש־השנה פון דעם באַטרעפנדיקן יאָר, האָב איך פּלוצים באַקומען אַ בריוו פון מיין אַלטן באַקאַנטן זכריה פּראַנצאָס, וועלכער האָט דענסטמאָל זיך געפונען אין מונקאַטש, אַלס אימפּרעסאריא פון דער משה „זיגלער־טרופּע“, וואָס האָט גאַסטראָלירט אין דער קאַרפּאַטאָרוס׳ער פּראָווינץ. אין זיין בריוו האָט פּראַנצאָס מיר געמאַכט אַ פּראַקטישן פאָרשלאַג, אַז איך זאָל תיכף קומען קיין מונקאַטש און דאָרט איבערוואַרטן די בהלה׳דיקע טעג, ביז די לאַגע וועט זיך אויפקלערן. דער חשבון איז געווען אַ פּשוט׳ער: וועט טאַקע קומען צו אַ מלחמה, איז מונקאַטש לכל־הדעות אַ מער זיכערער מקום ווי פּראָג, וואָס די נאַציס זיינען געווען קאַפּאַבל צו אָקופּירן אין משך פון שעה׳ן.

די דאָזיקע אומפּאַרהאָפטע איינלאַדונג, אַרויסגעשיקט מיט דער הסכמה פון דער „זיגלער־טרופּע“, איז פאַר מיר געווען אַ ישועה. הגם כ׳בין אין יענער

צייט געווען דער פּראָגער קאָרעספּאָנדענט פון פאַרשיידענע יידישע צייטונגען אין אויסלאַנד האָב איך אָבער פאַרשטאַנען, אַז לאַנג וועל איך נישט קענען אָנגיין מיט מיין טעטיקייט. נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין מונקאַטש און האָב מיט מיר מיטגענומען די גאָר נויטווענדיקסטע זאַכן.

די „זיגלער־טרופּע", מיט וועלכער איך האָב שוין פריער געהאַט געוואַנ־דערט איבער די טשעכאָסלאָוואַקיי, האָט מיר געגעבן אַ ביז־גאָר פריינטלעכן



די „זיגלער טרופּע" פאַר'ן בנין פון מונקאַטשער טעאַטער.

קבלת־פּנים. נישט געקוקט אויף דער פּאָליטיש־געשפּאַנטער לאַגע אין לאַנד, האָט מען דעמאָלט געשפּילט יידיש טעאַטער אין די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון דער קאַרפּאַטן־רוס'ער פּראָווינץ. לגבי דעם בהלה'דיקן פּראַג, וואָס האָט אין יענע קריטישע טעג געמאַכט אַ ביז־גאָר שווערן איינדרוק, ווייל צוליב דעם פּראָקלאַמירטן אויסנאַם־צושטאַנד, האָט מען דערלויבט צו זיין אין די שטאָק־פינסטערע גאַסן ביז צען אין אָוונט, און אין די פּריוואַטע היימען האָט מען געמוזט פאַרשטעלן דאָס ליכט, כמו אַ סגולה, קייגן דער מעגלעכקייט פון נאַצישע באָמבאַרדירונגען, איז אין מונקאַטש געווען ליכטיק און היימלעך. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מונקאַטש איז נישט אַ שטאָט אין דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער רעפּובליק, נאָר ערגעץ אין אַ נייטראַלער מדינה, ווו מ'האָט נישט קיין מורא פאַר דער מלחמה־געפאַר.

אַפּזייענדיק אין מונקאַטש לערך 10 טעג, האָט דער פּאָליטיש־פּאַרכמורע־טער הימל זיך אויסגעלייטערט; די „סודעטן"־פּראָווינץ איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי און איז איינגעגלידערט געוואָרן אַלס אַ טייל פון היטלער׳ס „גרויס־דייטשן רייך". איך בין צוריק געפאָרן קיין פּראָג און איבערגעלאָזט אין מונקאַטש די „זיגלער טרופּע". לאַנג האָט אָבער אויך דאָרט נישט אָנגעהאַלטן די לוסטיקע פרייליכקייט. דאָס קאַרפּאַטאָרוס׳ער מדינה׳לע איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי איז איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן אונגאַרן און די רוטענער.

די לעכערלעכע חלוקה פון קאַרפּאַטאָרוס, האָט געהאַט אַ פאַטאַלע וויר־קונג אויף דעם דאָרטיקן יידישן ישוב, און אויף דער „זיגלער־טרופּע", בתוכם. פון שפּילן יידיש טעאַטער, האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. היות ווי ס׳רוב מיטגלידער פון דער „זיגלער־טרופּע" זיינען געווען רומעניש בירגער, האָבן זיי זיך „געראַטעוועט" אויף יענער זייט רומעניש גרענעץ, ביז די נאַצישע לאַפּע האָט זיי דערגרייכט אויך אין זייער רומענישן „פאָטערלאַנד".

זכריה פּראַנצאָס מיט די שווישפּילער בן־ציון סיגאַל, זיין פרוי רחל ווייס־בערג, זייערעביידע קינדער און דער קאָמיקער דאַלי נאַכבאַר, וועלכע זיינען נישט געווען קיין רומענישע בירגער, זיינען אַ שטיקל צייט פאַרבליבן אין דעם טייל, וואָס האָט אָנגעהערט צו דער „סאַמאָסטאַטנאַ פּידקאַרפּאַטסקאַ רעספּובליקאַ", כדי דאָרט צו שפּילן יידיש טעאַטער. אָבער די אילוזיע איז געווען אַ פאַטאַלע. סיי די מאַדיאַרן, און די מושלים פון די ניי־אַנטשטאַנענער רוטענישער רעפּובליק, האָבן אויף אַ מורא׳דיקן אופן פאַרפאָלגט די דאָרטיקע יידן. די מאַדיאַרישע סאָלדאַטעסקאַ — פון איר זייט, און די רוטענישע „סי־טשיקעס" (מיליטערישע אָרגאַניזאַציע) פון זייער זייט, האָבן זיך ווי איבער־ליציטירט אין זייערע פּאָגראָמעלעך, קאָנפיסקאַציע פון יידישע פאַרמעגנס, אַרעסטן פון די אָנגעזעענסטע יידיש־געזעלשאַפטלעכע טוער און אין כל־ערליי רדיפות און נגישות.

זכריה פּראַנצאָס און די סיגאַל־משפּחה האָבן, אַלס פּוילישע בירגער, מיט גרויס שווערקייטן זיך „געראַטעוועט" קיין לעמבערג. דאָרט זיינען זיי אַ געוויסע צייט געווען אינ׳ם יידישן טעאַטער, ביז ס׳האָט אויסגעבראָכן די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה. דער קאָמיקער דאַלי נאַכבאַר, האָט מיט נסים זיך געראַטעוועט קיין פּראָג און דאָרט אָפּגעוואַרט אַ געוויסע צייט, ביז ער האָט באַקומען זיינע איינוואַנדערונגס־פּאַפּירן קיין אַמעריקע.

ווען די נאַציס האָבן אָקופּירט לעמבערג, איז זכריה פּראַנצאָס, צוזאַמען מיט אַ גרעסערע צאָל יידישע אַקטיאָרן, אַנטלאָפן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. לויט די אינפאָרמאַציעס, וואָס איך האָב באַקומען פון גאַר־באַגלויביקטע מקורות, איז זכריה פּראַנצאָס אַרעסטירע געוואָרן פון די רוסן אונטער דער זינלאָזער באַשולדיקונג, אַז ער איז אַ „דייטשער שפּיאָן" און פאַר אָט דעם ממש אומ־גלויבלעכן בלבול האָבן זיי אים דערשאָסן!

# עפּילאָג

ס׳איז געפֿאַלן „דער לעצטער פֿאַרהאַנג״ פֿונ׳ם יידישן טעאַטער אין די לענדער און שטעט, ווו כ׳בין געווען אַ מיטוואַנדערער מיט פֿאַרשיידענע יידישע טעאַטער־טרופּעס. די היטלערישע געטאָ׳ס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, גאַז־קאַמערן און פֿאַרשיידענע פֿאַבריקן פֿון טויט, האָבן אומגעבראַכט הונדערטער יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, פּיעסן־שרייבער, מוזיקער, קאָמפּאָניסטן, מאָלער און פֿאַרשיידענע אַנדערע יידישע קינסטלער, וואָס האָבן געהאָלפֿן, יעדער אויף זיין שטייגער, ממשיך צו זיין אונזער טעאַטער־קולטור. אַלע, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, זיינען אומגעקומען, און צוזאַמען מיט זיי איז אויך אומגעקומען דאָס יידישע טעאַטער.

אין דער הקדמה צו מיין באַשיידענער אַרבעט האָב איך אונטערגעשטראָכן, אַז איך האָב נישט בדעה צו שרייבן די געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער אין די לענדער, ווו איך האָב אַרומגעוואָגלט. כ׳האָב בלויז דערציילט אַ ריי מעשה׳־לעך און עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער צייט, ווען איך בין גע־ווען אַן עדות פֿון זייערע פּאַסירונגען און — דירעקט צי אומדירעקט — אויך געווען אַ מיטבאַטייליקטער אין זייערע געשעענישן.

קייגן מיין ווילן, האָבן אין מיין אַרבעט זיך אַריינבאַקומען אַ געוויסע צאָל אויטאָביאָגראַפֿישע פּרטים, וועלכע כ׳האָב נישט געקאָנט אויסמיידן, ווייל זיי האָבן אַ דירעקטן שייכות צו דעם, וואָס איז דערציילט געוואָרן אין מיינע עפּיזאָדן.

זאָל מיין באַשיידענע אַרבעט זיין אַ יראת־הכבוד׳יקע דערמאָנונג פֿאַר די אַקטיאָרישע קדושים, מיט וועלכע כ׳האָב עטלעכע יאָר געוואָגלט איבער פֿאַר־שיידנע לענדער און שטעט פֿון די, דורך די נאַציס פֿאַרטיליקטע יידישע ישובים. זאָל זייער טראַגישער אומקום געהייליקט ווערן אין אונזערע הערצער, און איך באַשטייער מיך מיט דעם בוך — כמו אַ מצבה — אויף זייערע אומבאַקאַנטע קברים.

# די געשיכטע פון א דערפּאָלג

## „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע"

אַ ווערטל זאָגט:

„קיין זאַך איז נישט אַזוי דערפּאַלגרייך, ווי דער דערפּאָלג גופא".

למען־האמת, איז גאָר־שטאַרק פּריקרע צו דערציילן וועגן דעם אייגענעם שאַפונגס־דערפאָלג, כדי נישט געשטרויכלט צו ווערן פון אַ געוויסן פּערזענ־לעכן פּרסום, וואָס איז מיר שטאַרק דערווידער. אָבער גראד דערפּאַר, ווייל די אויסערגעוויינלעכע מעשה־שהיה פון מיין פּיעסע „דער קעניג פון לאַמ־פּעדוסע", האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ אומגעהויערע סענסאַציע אויף דער גאָרער וועלט, איז כדאי, (אַזוי דענק איך), די געשיכטע צו דערציילן אינ׳ם ליכט פון אמת, ווי זי האָט זיך פאַרלאָפן אין דער ווירקלעכקייט.

דעם 13־טן יוני, 1943, ווען די מורא׳דיקע מלחמה האָט געבושעוועט אויף די יבשות, אין די ימים און אין דער לופט, האָבן די ענגלישע צייטונגען פּאַרעפענטלעכט אויף די פראָנט־זייטן אַ ידיעה, וועמענס נוסח האָט געקלונ־גען אויסטערליש און טשיקאַווע ביז־גאָר.

אין דער ידיעה איז דערציילט געוואָרן פאָלגענדעס:

„דער 22־יאָריקער פּילאָט סידני כהן, דער זון פון אַן אָרימען יידישן שניידער פון דעם לאָנדאָנער, מיט יידן־באַוווינטן „ווייטשעפּל"־קוואַרטאַל, האָט איינער אַליין דעראָבערט דאָס איטאַליענישע אינזעלע לאַמפּעדוסע, וואָס ליגט אויפ׳ן מיטללענדישן ים. דער געזאַמטער איטאַליענישער גאַרניזאָן פון 4,000 סאָלדאַטן, גענעראַלן און אָפיצירן, האָבן באַדינגונגסלאָז קאַפּיטולירט, און די אינזל איז דעראָבערט געוואָרן פון די ענגלענדער אָן שום בלוט־פאַרגיסונג".

די ממש שטוינענדע קאַפּיטולאַציע פון לאַמפּעדוסע, איז געשען ביי די פאָלגענדע, פאַנטאַסטישע אומשטענדן:

דעם 12־טן יוני, 1943, האָבן ענגלישע עראָפּלאַנען שטאַרק באָמבאַרדירט דאָס לאַמפּעדוסע־אינזעלע, וואָס איז געווען אַ וויכטיקע דייטשע און איטאַליע־נישע ים־באַזע. ס׳פּלעגן זיך דאָרט באַהאַלטן די נאַצישע און איטאַליענישע סובמאַרינעס, כדי צו אַטאַקירן די בריטישע מיליטערישע קאָנוואָיעס, וואָס האָבן געפירט לעבנסמיטל און אַמוניציע פאַר דער וויכטיקער בריטישער ים־באַזע פון מאַלטאַ, וואָס איז דענסטמאָל געווען איזאָלירט צוליב דער טעטיקייט פון די פיינטלעכע אונטער־וואַסער שיפן. נישט געקוקט אויף די פּערמאַנענטע לופט־באָמבאַרדירונגען פון די דייטשע און איטאַליענישע עראָפּלאַנען, האָט מאַלטאַ אויסגעהאַלטן אַלע צרות און פּיינען פון דער פיינטלעכער באַלאַגערונג און האָט נישט קאַפּיטולירט צום שונא! וואָכן און חדשים האָבן אָנגעהאַלטן די טאָג־טעגלעכע באָמבאַרדירונגען אויף דער סטראַטעגיש־וויכטיקער מאַל־טאַ, כדי צו פּאַראַליזירן ענגלאַנד׳ס שיף־פאַרקער אויפ׳ן מיטללענדישן ים,

וואָס האָט, אונטער די שווערסטע און סכנות'דיקסטע באַדינגונגען, אויפגע־האַלטן די בריטישע ים־פאַרבינדונג מיט אירע דאָמיניעס, קאָלאָניעס און פּראָטעקטאָראַטן־לענדער.

„דער קעניג פון לאַמפּעדוסע"

דער יידישער פּילאָט סידני כהן, וועלכער האָט „דעראָבערט" דעם איטאַליענישן אינזל לאַמפּעדוסע.

אין דעם פריער־דערמאָנטן 13־טן יוני, האָט דער יידישער פּילאָט סידני כהן, וועלכער איז געווען סטאַציאָנירט אין מאַלטאַ, געמאַכט אַן אויסשפּירונגס־פלי איבער׳ן מיטללענדישן ים, כדי צו אָבסערווירן דעם שונא׳ס באַוועגונ־גען. בשעת זיין פלי־נסיעה האָט ער באַמערקט, אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין טראָפּן אויל אין זיין טאַנק און ס׳האָט אים געדראָט אַן אומגליק! אין זיין גרויסער פאַרצווייפלונג האָט ער דערזען פון דער לופט אַ פּיצעלע שטח מיט ערד און ער האָט באַשלאָסן דאָרט צו מאַכן אַ נויט־לאַנדונג, כדי צו ראַטעווען זיין עראָפּלאַן און דאָס אייגענע לעבן.

דאָס פּיצעלע ערד, אויף וועלכן ס׳האָט אַראָפּגענידערט סידני כהן מיט זיין בריטישן עראָפּלאַן, איז געווען דאָס איטאַליענישע אינזעלע מיט׳ן נאָמען „לאַמפּעדוסע״, וואָס איז אַנדערטהאַלב מייל די לענג און אַ מייל די ברייט.

ווען די איטאַליענער האָבן דערזען דעם ענגלישן „אורח״ האָבן זיי גע־מיינט, אַז דאָס איז אַ מיליטערישער פאָרפּאָסטן, און אין אַ ליאַדע שעה וועלן אָנקומען אַ מחנה מיט בריטישע עראָפּלאַנען, כדי צו דעראָבערן די אינזל. דער איטאַליענישער מיליטער־קאָמאַנדאַנט פון לאַמפּעדוסע האָט, נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת, פאָרגעשלאָגן דעם וויטשעפּעלער יידישן בחור — די קאַ־פּיטולאַציע פון דעם אינזעלע . . .

סידני כהן איז, וואָס אַן אמת, געווען שטאַרק איבערראַשט פון דעם אומ־פאַרהאָפטן אָנגעבאָט, ווייל ווען ער האָט געמאַכט זיין פאַרצווייפלטע נויט־לאַנדונג איז ער געווען איבערצייגט, אַז ער וועט ווערן אַ געפאַנגענער ביי די איטאַליענער. אָבער פּלוצים שלאָגט מען אים פאָר די קאַפּיטולאַציע פון דער אינזל! דער יידישער פּילאָט האָט זיך אָריענטירט אין דער טראַגי־קאָמישער סיטואַציע און מיט אַ געמאַכטער גדלות געענטפערט דעם קאָמאַנדאַנט:

„איך אַקצעפּטיר אייער פאָרשלאָג. אָבער איר מוזט מיר געבן אַ שריפט־לעכע באַשטעטיקונג פון דער באַדינגונגסלאָזער קאַפּיטולאַציע פון לאַמפּעדוסע. ד.ה. עס טאָרן נישט צושטערט ווערן די אַמוניציע און די מיליטערישע אינ־סטאַלאַציעס, וואָס געפינען זיך אויף דער אינזל. אַלץ מוז איבערגעגעבן ווערן צו די ענגלענדער אין דער בעסטער אָרדענונג.״

דער איטאַליענישער מיליטער־קאָמאַנדאַנט האָט מסכים געווען צו סידני כהנ׳ס „באַדינגונגסלאָזער קאַפּיטולאַציע״ פון לאַמפּעדוסע, און ער האָט אים דערויף געגעבן אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג.

ווען דער יידישער פּילאָט האָט געהאַט אין זיין קעשענע די שריפטלעכע קאַפּיטולאַציע פון דער אינזל, האָט ער מכלומרש׳ט געוואָלט זיך אַריינזעצן אין זיין עראָפּלאַן, כדי אָפּצופליען קיין מאַלטאַ און איבערגעבן דעם דאָרטיקן בריטישן קאָמאַנדאַנט די בשורה וועגן דער „באַדינגונגסלאָזער קאַפּיטולאַציע״ פון לאַמפּעדוסע.

— גיט מיר אַביסל פּעטראָל פאַר מיין עראָפּלאַן, — האָט סידני כהן גע־

בעטן ביים איטאַליעניש מיליטער־קאָמאַנדאַנט, כדי איך זאָל וואָס־גיכער אָנקומען קיין מאַלטא . . .

דער איטאַליענישער קאָמאַנדאַנט, מיט׳ן ראַנג פון אַ גענעראַל, האָט זיך נישט אָריענטירט אין דער קאָמעדיע, וואָס דער יידישער בחור האָט אַזוי פיין אָפגעשפּילט פאַר אים און ער האָט פאַראָרדנט אַנצופילן מיט אויל דעם טאַנק פון סידני כהנ׳ס עראָפּלאַן, כדי ער זאָל וואָס־גיכער אָפפליען קיין מאַלטאַ מיט דער „באַדינגונגסלאָזער קאַפּיטולאַציע" פון זיין לאַמפּעדוסע אינזל.

ווען סידני כהן איז בשלום צוריקגעקומען קיין מאַלטאַ און געוויזן פאַר דעם בריטישן קאָמאַנדאַנט די שריפטלעכע קאַפּיטולאַציע פון לאַמפּעדוסע, האָט ער אים שטאַרק געלויבט פאַר דעם ממש אומגלויבלעכן „שטיקל אַרבעט" און דער יידישער בחור סידני כהן איז מצד זיינע פּילאָטן־קאָלעגן געקרוינט געוואָרן מיט דעם צונאָמען: „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע".

אַ סקוואַדראָן ענגלישע עראָפּלאַנען און אַ גרעסערע צאָל שיפן האָבן זיך תיכף אַ לאָז־געטון קיין לאַמפּעדוסע און דאָס אינזעלע איז, אָן אַ טראָפּן בלוט־פאַרגיסן, דעראָבערט געוואָרן פון די ענגלענדער. לאַמפּעדוסע איז שפּעטער געוואָרן אַ וויכטיקע מיליטערישע ים־באַזע אינ׳ם קאַמף קייגן די דייטשן און איטאַליענער, וואָס האָט אַ סך פאַרהאָלפן צו זייער ביטערער מפּלה אויפ׳ן מיטנלענדישן ים.

דאָס איז די וואָרע, אויטענטישע געשיכטע פון דעם מלחמה־עפּיזאָד, וואָס הייסט „לאַמפּעדוסע".

* * *

די דאָזיקע אויסטערלישע עפּאָפּיי, האָט שטאַרק גערייצט דעם אַפּעטיט פון יעדן ענגלישן זשורנאַליסט, אַ פּשיטא פון אַ יידישן, מיט מיין וויניקייט, בתוכם.

די יידישע לאַגע איז דענסטמאָל געווען אַ טרויעריקע, ביז־גאָר. הגם ס׳האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע סימנים פון דער היטלערישער מפּלה, האָט אָבער די נאַצישע אויסראָטונגס־מאַשין געאַרבעט אויף אַלע כלים און צענדליק טויזנטער יידן זיינען טאָג־טעגלעך אומגעקומען אין די פאַרשיידנע געטאָס און אין די כל־ערליי היטלערישע טויט־פאַבריקן. פּלוצים האָט אויפגעבליצט דער פריער־דערציילטער העלדישער עפּיזאָד פון דעם יידישן פּילאָט סידני כהן, וועלכער איז געוואָרן דער יידישער „קעניג" פון לאַמפּעדוסע! אַן עפּיזאָד, וועלכער האָט שטאַרק אויפגעהייטערט דאָס טרויעריקע יידישע געמיט אויף דער גאַרער וועלט, איינגעשלאָסן אין די נאַציאָקופּירטע לענדער, ווייל אויך די דייטשע צייטונגען און זייערע ראַדיאָ׳ס האָבן דערציילט די מעשה־נורא וועגן סידני כהן און זיין דעראָבערונג פון לאַמפּעדוסע, אין אַ קאָמיש־לעכערלעכער אינטערפּרעטאַציע, פאַרשטייט זיך.

איך בין אין יענער צייט געווען טעטיק אַלס לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט

פאַר׳ן „מאָרגן־זשורנאַל״ פון ניו־יאָרק און ס׳איז מיר אָפּט אויסגעקומען צו באַזוכן דאָס ווייטשעפּעלער געסל אין די היימען פון סידני כהנ׳ס קרובים. איך פלעג דאָרט באַגעגענען צענדליקער רעפּאָרטערס פון די וויכטיקסטע, נישט־יידישע צייטונגען, וואָס זיינען געווען שטאַרק זשעדנע צו באַקומען אינפאָר־מאַציעס וועגן דעם יידישן פּילאָט, וועלכער איז אין משך פון געציילטע טעג געוואָרן אַ לעגענדאַרע פיגור! די ענגלישע צייטונגען האָט נישט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט די אינזל פון לאַמפּעדוסע, נייערט די טשיקאַווע אומשטענדן, און אונטער וועלכע קאָמישע באַדינגונגען דער יידישער פּילאָט, אינ׳ם ראַנג פון אַ פּשוט׳ן „סערזשאַנט״, האָט איינער אַליין, אַזוי צו זאָגן, „דעראָבערט״ די אינזל.

אָן שום ספק, אַז די אינטעליגענץ און שאַרפע חריפות פון דעם יידישן פּילאָט, האָט אים פאַרהאָלפן זיך צו אָריענטירן אין דער פיינלעכער סיטואַציע. ווען דער איטאַליענישער קאָמאַנדאַנט פון דעם אינזלע וואָלט געוווסט דעם אמת, אַז סידני כהן איז געווען געצוווּנגען צו מאַכן די נויט־לאַנדונג אויף לאַמפּעדוסע, ווייל אין זיין עראָפּלאַן איז געשען אַ טעכנישער דעפעקט און ס׳האָט אים אויסגעפעלט דער פליסיקער שטאָף פאַר זיין פלי־נסיעה, וואָלט ער אים נישט געווען געגעבן די שריפטלעכע קאַפּיטולאַציע פון דער אינזל . . .

* * *

אין דעם געיעג נאָך אינפאָרמאַציע וועגן דער לעבנס־געשיכטע פונ׳ם יידישן פּילאָט סידני כהן, האָב איך, ווי שוין פריער דערמאָנט, אָפטמאָל באַ־זוכט דעם לאָנדאָנער „ווייטשעפּל״־קוואַרטאַל, כדי צו זאַמלען וואָס מער פּרטים וועגן דעם העלדישן יידישן בחור און זיין משפּחה; איך האָב אויסגע־פאָרשט די יידישע שכנים און גערעדט מיט סידני׳ס יוגנט־חברים, וועמענס אויגן און פּנימ׳ער האָבן ממש געשטראַלט פאַר שמחה צוליב דעם געשעעניש, וואָס דווקא זייערס אַ בן־עיר האָט באַוויזן אַזאַ גרויסע העלדישקייט — צו „דעראָבערן״ איינער אַליין אַ איטאַליענישע אינזל, און ווי אַ פאַרדינטע באַ־לוינונג פאַר זיין גרויסער טאַט, איז ער געקרוינט געוואָרן אַלס „דער יידישער קעניג פון לאַמפּעדוסע״ . . .

די יידישע שכנים און פריינט פון סידני כהן, האָבן דעם פאַקט נישט אויסגעטייטשט אַלס אַ וויץ. פאַרקערט: די יידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן מעשים און די לעגענדע (וועגן אַ יידישן קעניג פון לאַמפּעדוסע), האָט באַקומען פליגל! די פּשוט׳ע יידישע פאָלקס מענטשן פונ׳ם לאָנדאָנער ווייטשעפּל־קוואַרטאַל, האָבן אין דעם געזען עפּעס אַ סימן פון אַ „אתחלתא־דגאולה״ . . .

די יידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט פאַר יעדן פּרייז געוואָלט זען אין דעם אויסטערלישן געשעעניש אַ נס מן־השמים, אַז אויף דער אינזל פון לאַמפּעדו־סע (אַ נאָמען, וואָס זיי הערן צום ערשטן מאָל און זיי קענען אַפילו נישט ריכ־

טיק נאָכזאָגן דעם נאָמען פון דער אינזל, וואָס קלינגט עפּעס מאָדנע פרעמד אין זייערע אויערן), ווערט געשאַפן אַ יידישע מלוכה, וואָס וועט רעגירט ווערן פון אַ יידישן קעניג סידני כהן, וועמענס נאָמען איז אַ סינאָנים פון שלמה המלך . . . אין די יידישע הערצער און נשמות האָט זיך אויפגעוועקט דאָס בייַנקעניש נאָך אַ יידישן קעניגרייך, וואָס זאָל זיין אַ קאָמפּענזאַציע פאַר די מורא׳דיקע יידישע שחיטות און יסורים, זינט דעם צווייטן טויזנט יאָריקן גלות פון אונזער פאָלק.

די יידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט, פאַר איין ברירה, פאַרשטאַנען, אַז לאַמפּעדוסע איז נישט ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון אונזערע אבות. אָבער זיי האָבן זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס לאַמפּעדוסע וועט זיין אַ מין צייטווייליקע לייזונג פון די יידישע גלות־פּראָבלעמען; ס׳וועט זיין אַ יידיש מלכות אויף דערווייל, ביז די יידן וועלן באַקומען זייער מלוכה׳שע זעלבסשטענדיקייט אין ארץ־ישראל.

* * *

ווען איך האָב שוין געהאַט אויסגעשעפּט אַלע נייעס און מקורות, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער געשיכטע אַרום דעם „יידישן קעניג פון לאַמפּעדוסע" האָב איך אָנגעהויבן תופס צו זיין, אַז פון ריין־יידישן שטאַנדפּונקט איז דאָס נישט רק אַ זשורנאַליסטישע סענסאַציע, נייערט אַ נאַציאָנאַל־יידישע, פון אַלע אַספּעקטן.

ס׳קען זיין, אַז אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז, אין זיין אונ־טערבאַוווסטזיין, שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם אויסטערלישן גע־שעעניש און איך האָב אין סידני כהנ׳ס „דעראָבערונג" פון לאַמפּעדוסע גע־האַט די זעלביקע וויזיע פון אַ יידישער מדינה אויף דעם איטאַליענישן אינזעלע, ווי די פּשוט׳ע יידן פון וויטעבסק.

לכתחילה, האָב איך בדעה געהאַט דאָס וויכטיק געזאַמלטע מאַטעריאַל צו באַנוצן פאַר אַ סעריע אַרטיקלען. אָבער איך האָב איינגעזען, אַז די דאָזיקע טעמאַטיק איז צו־אַקטועל און איז נישט אויסשעפּנדיק, אַפילו פאַר אַ בוך. נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת האָב איך מיך אַנטשלאָסן, דעם דאָזיקן צאַפּלדיקן שטאָף צו באַנוצן פאַר אַ פּיעסע, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף דעם אַקטועלן געשעעניש און זי זאָל טאַקע הייסן „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע".

ווען כ׳בין מיט אַ פיבערהאַפטן ווילן צוגעטרעטן צו דער אַרבעט האָב איך איינגעזען, אַז די פּיעסע מוז, צוליב איר טשיקאַווען תוכן, זיין אַ קאָמעדיע. בעסער געזאָגט — אַ יידישע פאָלקס־קאָמעדיע מיט טרערן אין וועלכער ס׳זאָל אָפּגעשפּיגלט ווערן די יידישע בייַנקשאַפט נאָך אַן אייגענער יידישער היים; נאָך אַ פּיצל יידישער מדינה, באַדיי אויף דעם אינזעלע פון לאַמפּעדוסע, וואָס איז בלויז אַנדערטהאַלב מייל די לייִנג און אַ מייל די ברייט . . .

מיינע יאָרן־לאַנגע דערפאַרונגען אַלס מיטוואַנדערער מיט פאַרשיידענע

יידישע טעאַטער־טרופעס, האָט מיר שטאַרק פאַרהאַלפן גובר צו זיין פאַר־שיידענע טעכנישע מניעות, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט׳ן סצענישן און דיאַלאָגישן אויפבוי פון דער פיעסע. איך האָב באַגריפן, אַז נישט פון דעם דיאַלאָג, וואָס ווי קאָמיש ער זאָל נישט זיין, איז אָפּהייגנגיק די פאַראינטערעסי־רונג פון דער פיעסע, נאָר אין דער זאַכלעכער האַנדלונג. איבעריקנס: ס׳האָט אין דעם פאַל זיך נישט געניטיקט אין גרויסע גאונות אַנצושרייבן די דאָזיקע פיעסע, ווייל די סיפור־המעשה גופא, איז געווען אַ ביז־גאָר דאַנקבאַרער שטאָף פאַר דער „לאַמפעדוסע" פיעסע, ווועמענס אינהאַלט און דיאַלאָגן האָבן געשפּרודלט מיט לעבעדיקער אַקטואַליטעט.

* * *

דער ערשטער אַקט פון דער „לאַמפעדוסע" פיעסע שפּילט אין אַן אָרי־מער קעלער־שטוב ביי אַ יידישן שניידער־פאָרפאַלק אין „ווייטשעפּל". זיי זיינען שטאַרק באַזאָרגט, ווייל זיי האָבן זינט אַ לענגערער צייט נישט באַקומען קיין ידיעה פון זייער זון, (סעם, הייסט ער אין דער פיעסע), וועלכער דינט אַלס פּילאָט אין דער בריטיש־קעניגלעכער אַוויאַציע, ערגעץ אין מיטלען מזרח.

פלוצים ווערט דאָס געסל פול מיט מענטשן, וועלכע ווינטשן די אָרימע יידישע עלטערן אַ „מזל־טוב", באשר זייער זון איז געוואָרן אַ מלך! „דער קעניג פון לאַמפעדוסע"... די טאַטע־מאַמע פון סידני כהן, פשוט׳ע יידישע פאָלקס־מענטשן, ווילן לכתחילה נישט גלויבן אין דער מעשה. זיי מיינען, אַז מ׳וויל פון זיי חוזק מאַכן. אָבער ווען דאָס געזעמל מיט מענטשן ווערט אַלץ גרעסער און מען ווייזט זיי די ענגלישע צייטונגען מיט דעם בילד פון זייער זון אין וועלכע ס׳ווערט באַשריבן די מעשה־נורא, ווי אַזוי ער האָט איינער אַליין „דעראָבערט" דאָס אינזעלע פון לאַמפעדוסע, ערשט דאַן הויבן זיי אָן צו „גלויבן", אַז זייער „סעמעלע" איז געוואָרן דער „יידישער קעניג פון לאַמפעדוסע"...

אינ׳ם ערשטן אַקט פון דער פיעסע קומען פאָר אַ צאָל קאָמישע סיטואַ־ציעס, וואָס שטייגערן פון סצענע צו סצענע, למשל: צו „כאצקל לאַטוטניק" (אַזוי הייסט אין דער פיעסע דער פאָטער פון דעם יידישן פּילאָט), קומען אַ צאָל יידישע שכנים און סתם יידן, וואָס דעקלאַרירן זיך אַלס זיינע „קרובים" און, אַלע אָן אויסנאַם, בעטן ביי דעם אויפגעריכטן „אבי־ה׳קעניג" אַ שטיקל פּראָטעקציע. איינער וויל ווערן דער „אויסערן־מיניסטער" אין זיין זונ׳ס „קע־ניגרייך"; דער אַנדערער וויל ווערן דער „פינאַנץ־מיניסטער" און אַ דריטער וויל סתם־אַזוי ווערן כאָטש אַ „שטיקל מיניסטער", וכדומה. אָט די דאָזיקע יידן, ביטערע קבצנים און אביונים, ווילן געהאָלפן ווערן מיט אַ פּרנסה׳לע אין דעם „יידישן קעניגרייך פון לאַמפעדוסע".

דער ערשטער אַקט פאַרענדיקט זיך מיט דער פּאַטעטישער סצענע, ווען אַן אַדיוטאַנט, אָנגעטאָן אין פאַנטאַסטיש מיליטערישע בגדים, קומט קיין

„ווייטשעפּל“ מיט אַ מיסיע פון דעם יידישן קעניג פון לאַמפּעדוסע, אַז זיינע עלטערן, קרובים, פריינט, ווי אויך זיין כלה, די טאָכטער פון אַ לאָנדאָנער יידישן „אַלרייטניק“ (וועלכער איז, לכתחילה, קייגן דעם שידוך פון זיין טאָכטער מיט אַ פּשוט׳ן שניידער־יונג פון „ווייטשעפּל“), זאָלן קומען קיין לאַמפּעדוסע, אַ לאַנד פון זבת־חלב־ודבש, ווו ס׳איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם, ווייל דאָרטן זיינען נישט פאַראַן קיין יידן . . . און טייטלען מיט באָקסערן, דער גאַנצער חמשה־עשר, וואַקסט ממש אין די גאַסן . . . — — —

* * *

די האַנדלונג פון צווייטן אַקט קומט פאָר אינ׳ם קעניגלעכן פּאַלאַץ פון לאַמפּעדוסע, וועמענס כסא־הכבוד ווערט באַוואַכט פון צוויי יידישע סאָלדאַטן מיט בלאַנקע שווערדן . . . איבער דעם קעניגלעכן שטול הענגט דער יידישער עמבלעם, אַ מגן־דוד אין וועלכן ס׳זיינען איינגראַווירט די עשרת־הדברות, וואָס ווערן באַשיצט פון צוויי לייבן. פון רעכטס און לינקס פלאַטערן בלוי־ווייסע פאָנען. דער קעניג טראָגט אַ שיינע אוניפאָרם פון אַן אַדמיראַל, וועלכער נעמט אויף מיט האַרציקער ליבשאַפט זיינע עלטערן, קרובים און געסט, וואָס זיינען אָנגעטון אין אַלט־מאָדישע, פאַנטאַסטישע בגדים.

היות ווי דער צווייטער אַקט שפּילט זיך אָפּ אין אַ חלום, איז געווען אַ מעגלעכקייט צו לאָזן אַ שפּיל־טאָן די פאַנטאַזיע פונ׳ם מחבר און פון דעם טעאַטער־עולם, וועלכער האָט זיך איינגעלעבט אין דער „איבערצייגונג“, אַז אַלץ וואָס ער זעט אויף דער בינע, איז אַ מין „ווירקלעכקייט“; אַז ס׳האַנדלט זיך אויף אַן אמת אין אַ יידישן מלכות אויף דער אינזל פון לאַמפּעדוסע; אַז די צוויי טויזנט יאָריקע מלוכה׳שע אַספּיראַציעס פון יידישן פאָלק נאָך זיין נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, איז געוואָרן אַ פאַקט פון דער ווירקלעכקייט. אָט דאָס איז, אפשר, געווען דער עיקר „טשוואָק“ פונ׳ם גרויסן דערפאָלג פון דער פּיעסע, וואָס האָט דעם יידישן טעאַטער־עולם אַוועקגעפירט אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיע, ווייט־ווייט פון דער טראַגישער גרוילעכקייט.

ווען דער „יידישער קעניג פון לאַמפּעדוסע“ פּראָקלאַמירט דאָס פּראָגראַם פון זיין קאָנסטיטוציע, וואָס וועט זיין באַזירט אויף דער תורה; אַז ער וועט ווידער אויפבויען דעם בית־המקדש, אויפלעבן דעם סנהדרין און אַנדערע מנהגים, וואָס האָבן עקזיסטירט אין דער צייט פון דער יידישער, מלוכה׳שער זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ ישראל מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, האָט מען געשפּירט דעם גרויסן ציטער אין די הערצער פון דער יידישער אוידיטאָריע.

אויך דער צווייטער אַקט האָט פאַרמאָגט אַ שלל מיט קאָמישע סצענעס און סיטואַציעס, אָבער זיי זיינען פאַרבלאַסט געוואָרן אין די אַבסטראַקטע מאָנאָלאָגן פונ׳ם קעניג און זיין וויזיע — אויף וואָס פאַר אַ יסודות ער וועט אויפבויען זיין יידישע מלוכה אויפ׳ן פּיצינקן אינזעלע פון לאַמפּעדוסע . . .

* * *

דער דריטער אַקט שפּילט זיך ווידער אָפּ אין דעם אָרימען קעלער־שטיבל פון דעם יידישן לאַטוטניק פון „ווייטשעפּל", וועלכער דערוואַכט פון זיין שיי־נעם יידישן חלום אויף דער לאַמפּעדוסע־אינזל . . . אויס יידישער מלך, אויס יידישע מלוכה, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער צעהיצטער יידישער פאַנטאַזיע . . .

ווען „כאַצקל לאַטוטניק", דער האַרציקער פאָטער פון דעם יידישן פּילאָט וואָס האָט „דעראָבערט" די אינזל פון לאַמפּעדוסע, דערזעט פאַר זיך די גרויע טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט, באַדויערט ער נישט דעם חלום. פאַרקערט: ער איז גליקלעך, וואָס ער האָט, באַדיי אין אַ חלום, געזען זיין זון סעמעלע אַלס דעם יידישן קעניג פון לאַמפּעדוסע. אמת איז, אַז ס'איז געווען בלויז אַ חלום. אָבער אַ שיינער יידישער חלום.

אין דער צייט, ווען די „לאַמפּעדוסע" פּיעסע איז געשריבן געוואָרן, האָט די „יידישע אַגענץ" געפירט ענערגישע פאַרהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן דערלויבן צו שאַפן אַ יידישע בריגאַדע פון דער ארץ־ישראל יוגנט, כדי זי זאָל זיך באַטייליקן אין דעם היילינקן קאַמף קעגן דעם גרעסטן נאַצי־שונא אין דער יידישער געשיכטע. היות ווי דער דאָזיקער וויכטיקער ענין איז אין יענער צייט געשטאַנען אויפ'ן סדר־היום, האָב איך אין דער פּיעסע אַריינגענומען צוויי יידישע „רעפאָרם־ראַביס", וועלכע קומען צו דעם „יידישן קעניג פון לאַמפּעדוסע" מיט אַ פּעטיציע, אַז עס זאָל נישט געשאַפן ווערן קיין יידישע אַרמיי, ווייל דאָס וועט נאָכמער פאַרשטאַרקן דעם אַנטיסעמיטיזם אין די גלות־לענדער . . . די דאָזיקע אַסימילירטע ראַביס האָבן נישט געוואָלט לערנען פון אונזער פאָלקס־טראַגעדיע אין דער צייט פון דער היטלערישער ממשלה איבער גאַנץ אייראָפּע, כמעט!

ווען די דאָזיקע „רעפאָרם־ראַביס" פלעגן אַרויפקומען אויף דער בינע, האָט דער טעאַטער־עולם ממש געשטורמט קעגן זיי און געשריען: „שאַדאַפּ" אַראָפּ! און זיי מכבד געווען מיט אַנדערע באַליידיקענדע באַמערקונגען . . .

די פאַרשטייער פון די לאָנדאָנער רעפאָרם־סינאַגאָגעס האָבן עטלעכע מאָל אינטערווענירט ביי דעם שרייבער פון די שורות, אַז איך זאָל באַזייטיקן פון דער פּיעסע די דאָזיקע צוויי טיפּן, אָדער לפּחות מילדערן דעם אינהאַלט פון זייערע פּעטיציעס צו דעם „יידישן קעניג פון לאַמפּעדוסע", ווייל דאָס ברענגט אַ גרויסן מאָראַלישן שאָדן זייער „דזשודאָאיסטישער"־באַוועגונג אין מלכות ענגלאַנד . . . פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט מקיים געווען זייערע בקשות, ווייל די שאַפונג פון אַ יידישער בריגאַדע און אַפילו די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל איז, אין תוך גענומען, קעגן זייער אַסימילאַטאָרישער קאָנ־צעפּציע! והשנית, האָבן די צוויי ראַביי'אישע „קוויזלינגס" געשפּילט אַ וויכ־טיקע ראָלע אין דעם פינאַל פונם צווייטן אַקט. ווען „דער קעניג פון לאַמפּע־דוסע" איז נישט מסכים מיט די טענות פון די צוויי „רעפאָרם־ראַביס" און

צערייסט פאַר כעס זייער פעטיציע — פאַלט דער פאָרהאַנג און דער עולם פלעגט ממש שטורמען דאָס טעאַטער פאַר באַגייסטערונג . . .

דאָס „פינטעלע ייד" האָט מנצח געווען די אַסימילאַטאָרישע קאָנצעפּציע.

פאַרשטייט זיך, אַז איצט, אַ דאַנק די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, איז די טעמע פון דער „לאַמפּעדוסע"־פּיעסע, נישט מער אַקטועל. אָבער דעמאָלט, אין די פינסטערע מלחמה־יאָרן פון 1939־45, ווען דער נאַצישער מולך האָט געהאַלטן אין פאַרטיליקן מיליאָנען יידן און די, פון אים אָקופּירטע לענדער, און מיר זיינען געווען אַזוי מורא׳דיק מאַכטלאָז און הילפלאָז, איז די טעמאַטיק פון „לאַמפּעדוסע" געווען אויפ׳ן סדר־היום.

אין דער יידישער געשיכטע, איז דער לאַמפּעדוסע־עפּיזאָד נישט קיין פאַראיינצלטער. אָן אַ צאָל לעגענדעס וועבן זיך אין דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע וועגן יידישע מלכים און מלוכות, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פאַר־שיידענע לענדער פון אונזער צעשפּרייטקייט, און זייערע טעמעס זיינען עקס־פּלאָאַטירט געוואָרן פון פאַרשיידענע יידישע מחברים פאַר דער יידישער בינע.

---

# די פּרעמיערע

די פּרעמיערע פון דער „לאַמפּעדוסע"־פּיעסע איז, נאָך לענגערע און שווערע הכנות, פּאַרגעקומען אין דער לאָנדאָנער יידישן „גרענד־פּאַלעי" טעאַטער, דעם 31־טן דעצעמבער, 1943. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן לויט דער פּאָלגענדיקער באַזעצונג, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין דעם פּראָגראַם־צעטל:

## „דער קעניג פון לאמפּעדוסע"

מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 3 אַקטן מיט אַ פאָרשפּיל

## פון ש. י. הארענדארף

רעזשי: מאיר צעלניקער. מוזיק לייטער: פהיל בערנשטיין.

---

באַטייליקטע:

כאַצקל קאַגאַן, אַ שניידער.................מאיר צעלניקער
שרה־הינדע, זיין פרוי.................קלאַראַ מייזעלס
סעם, (קעניג פון לאַמפּעדוסע).................יודל גאָלדבערג
דייוו, זיין ברודער.................סעם גאָלדבערג
בעזשיקע, זיין כלה.................מאַרדזשי שערמאַן
איזאַק אָלרייטניק.................מאַקס איצקאָוויטש
בעקי, זיין פרוי.................אַננאַ בוים
לילי, זייער טאָכטער.................חנה צעלניקער
איטשע מאיר דיפּלאָמאַט.................יאָזעף שערמאַן
יונה פּעפּערל, שמש פון דער חברה „עוזר דלים".................מאַקס בוים
מעק קוקו, אַ צייטונגס־רעפּאָרטער.................עלען ווינאָגראַד
אַדיוטאַנט פונ׳ם קעניג פון לאַמפּעדוסע.................נייטען שוואַרץ
1־טער סאָלדאַט.................סעם בערנשטיין
2־טער סאָלדאַט.................באַרני לערנער
1־טער רעפאָרם־ראַביי.................מ. שטיין
2־טער רעפאָרם־ראַביי.................בער מעלאַמעד
אַ פּאָליציאַנט.................ס. בענאַ

אָרט און צייט פון דער האַנדלונג:

ערשטער אַקט: אינ׳ם לאָנדאָנער וויטשעפּל־קוואַרטאַל, 1943

צווייטער אַקט: אויף דער אינזל לאַמפּעדוסע

דריטער אַקט: עטלעכע וואָכן שפּעטער אין וויטשעפּל.

---

איך האָב געהאַט דעם גרויסן „כבוד", אַז אויך די היטלערישע צייטונגען זאָלן אַרויסווייזן אַ גאַר־שטאַרקן אינטערעס צו מיין ווייניקייט, אַלס דער מחבר פון דער „לאַמפּעדוסע"־פּיעסע. ביי מיר האָבן זיך אָפּגעהיטן עטלעכע עקזעמפּלאַרן פון פאַרשיידענע נאַצי־צייטונגען פון דייטשלאַנד און פון די נאַצי־אָקאָפּירטע לענדער, ווי למשל די „פּאַריזער צייטונג" (פון 22־סטן יאַנואַר, 1944), די „בריסעלער צייטונג" (פון 27־סטן יאַנואַר, 1944) און אַ צאָל אַנדערע, וועלכע מאַכן חוזק פון די ענגלענדער, וועמענס צייטונגען לויבן אַזוי

לכבוד די 50־סטע אויפפירונג פון „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע".

דער ערשטער (פון רעכטס צו לינקס), מאיר צעלניקער אין זיין גלענצענדיקער קרעאַציע אַלס „כאַצקעל לאַטוטניק", דער „אבי־המלך" ; מאַדאַם נ. אייזיקאָוויטש, די פאַרוואַלטערין פון דעם „גרענד־פּאַלעי" טעאַטער ; חנה׳לע צעלניקער אין דער ראָלע פון „לילי" ; דער טעאַטראַל א. מייזעלס ; יודל גאָלדבערג (אינם ווייסן אוניפאָרם) אין זיין פּרעכטיקער ראָלע אַלס „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע" ; קלאַרא מייזעלס — אין דער ראָלע פון „שרה־הינדע" ; סעם גאָלדבערג אין דער ראָלע פון „דייוו" ; דער לעצטער, לינקס (אין צילינדער), א. בוים, אין דער ראָלע פון „יונה פּעפּערל". ש. י. האַרענדאָרף, מחבר פון „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע" באַגריסט דעם טעאַטער־עולם אין שייכות מיט׳ן דערפאָלג פון זיין פּיעסע.

שטאַרק אַ יידישן פּילאָט, באשר ער האָט „אויסגענאַרט" ביי די איטאַליענער עפּעס אַ אומוויכטיק אינזעלע ווי עס איז לאַמפּעדוסע, וואָס האָט נישט קיין שום סטראַטעגישע באַדייטונג פאַר די דייטשן און איטאַליענער אינ׳ם מיטל־לענדישן ים, וכדומה.

אויך „לאָרד האָו־האָו", דער ענגלישער קוויזלינג און ביטערער שונא־ישראל, וואָס האָט אין משך פון דער מלחמה־צייט אָנגעפירט מיט דער אַנטי־בריטישער פּראָפּאַגאַנדע אויף דעם דייטשן ראַדיאָ, האָט געשאָטן פּעך און

שוועבל אויף דער ענגלישער פּרעסע פּאַר אירע גינסטיקע רעצענזיעס וועגן דער „לאַמפּעדוסע"־פּיעסע און געדראָט, אַז די דייטשע אַוויאַציע וועט חרוב מאַכן דעם לאָנדאָנער יידישן ווייטשעפּל־קוואַרטאַל, ווו עס געפינט זיך דאָס „גרענד־פּאַלעי"־טעאַטער, וואָס פירט אויף „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע".

צום באַדויערן איז דאָס נישט געווען קיין פּוסטע דראָאונג, נאָר אַ טרויערי־קער פאַקט. נאַכט־איין, נאַכט־אויס, פלעגן די נאַצישע עראָפּלאַנען באַוואַרפן מיט שווערע באָמבעס דעם ווייטשעפּל־קוואַרטאַל און זיך באַמיט צו טרעפן דעם בנין אין וועלכן עס געפינט זיך דאָס יידישע „גרענד־פּאַלעי" טעאַטער.

די היטלערישע משחיתים האָבן געזייט טויט און פאַרוויסטונג איבער ווייטשעפּל, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען געדיכט באַפעלקערט מיט יידן, אָבער דאָס טעאַטער האָבן זיי, צום גליק, נישט געטראָפן!

נישט געקוקט אויף די פּערמאַנענטע באָמבאַדירונגען אויף לאָנדאָן, איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן פולע זעקס חדשים (צו 9 פאָרשטעלונגען אַ וואָך, איינגעשלאָסן „מאַטינעס"), ביי פול־געפּאַקטע הייזער. די פּיעסע וואָלט גע־שפּילט געוואָרן נאָך לענגער, נאָר צוליב די נאַצישע „ראָקעטן"־באָמבעס, וואָס האָבן אין יענע בהלה־טעג פון חודש יוני, 1944, געהאָגלט איבער לאָנדאָן און גורם געווען מורא׳דיקע מענטשלעכע קרבנות און גרויסע מאַטעריעלע שאָדנס, איז „לאַמפּעדוסע" באַזייטיקט געוואָרן פון רעפּערטואַר. די טרופּע האָט מיט דער פּיעסע אָנגעהויבן גאַסטראָלירן איבער די ענגלישע פּראָווינץ־שטעט, מיט נישט קיין קלענערן דערפאָלג ווי אין לאָנדאָן.

איך דערמאָן זיך, אַז אָפטמאָל, אין מיטן די פאָרשטעלונגען, איז מען גע־ווען געצוווּנגען צו מאַכן אַ „הפסקה", ווייל נאַצישע עראָפּלאַנען זיינען באַפאַלן דעם „ווייטשעפּל"־קוואַרטאַל און באַוואַרפן אים מיט שווערע באָמבעס. דער טעאַטער־עולם פלעגט בעת אַזעלכע אומהיימלעכע „הפסקות", זוכן אַ באַשי־צונג אין דעם קעלער־באַהעלטניש פון טעאַטער און צוריק קומען צו דער פאָרשטעלונג, ווען די ענגלישע קאַמף־עראָפּלאַנען האָבן פאַריאָגט דעם שונא׳ס מחבלים.

עס פלעגט גאָר אָפּט פּאַסירן, אַז מחמת די דאָזיקע הפסקות, האָט די פאָר־שטעלונג זיך פאַרצויגן ביז גאָר־שפּעט אין דער נאַכט. אַ צאָל טעאַטער־געסט, וואָס האָבן געוווינט אין די ווייטע לאָנדאָנער באַצירקן, האָבן געמוזט איבער־נעכטיקן אין דעם קעלער־באַהעלטעניש פון טעאַטער, אָדער אין אַן אַנדערן שכנות׳דיקן באַהעלטעניש („שעלטער", האָט מען דאָס גערופן), ווייל די באָמ־באַרדירטע גאַסן זיינען געווען באַליגט מיט אַרויסגעריסענע טירן און פענ־סטער פון די חרוב־געוואָרענע הייזער; ס׳האָבן נישט קורסירט קיין אויטאָבוסן און אַנדערע קאָמוניקאַציע־מיטלען, ביז די חורבות זיינען אָפּגעריייניקט געוואָרן.

נישט געקוקט אויף דעם נאַצי־טעראָר, זיינען די לאָנדאָנער יידן געקומען אין טעאַטער, כדי צו געניסן פון אַ „לאַמפּעדוסע"־פאָרשטעלונג. דער גרויסער

מאָראַלישער דערפאָלג פון דער פיעסע, האָט מנצח געווען די נאַצישע באָמ־באַרדירונגען. אַ דאַנק דער גרויסער פּאַראַינטערעסירונג, וואָס די ענגלישע צייטונגען האָבן געשאָנקען דער פיעסע וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז לאָנדאָן איז דעמאָלט ווי באַהערשט געווען פון אַ „לאַמפּעדוסע־פּסיכאָז". די ענגלישע קאָנדוקטאָרן פון די אויטאָבוסן און „טראָליס", וואָס

אַן אַפיש פון לאָנדאָנער יידישן „גרענד־פּאַלעי" טעאַטער, לכבוד די 100־סטע אויפפירונג פון דער „לאַמפּעדוסע" פיעסע.

שטעלן זיך אָפּ פאַר דעם „גרענד־פּאַלעי" טעאַטער, פלעגן די סטאַציע נישט אָנרופן ביים ריכטיקן נאָמען, נאָר פּשוט: „לאַמפּעדוסע סטיישאָן" . . .

ס׳זיינען געווען אַ גרעסערע צאָל טעאַטער־געסט, וואָס האָבן די פיעסע געהאַט געזען צום 20־סטן מאָל און זיי זיינען נישט מיד געוואָרן צו זען די

זעלביקע האַנדלונג און אויסצוהערן די זעלביקע פראַזע. פון אַקטיאָריש־פּראָפעסיאָנעלן שטאַנדפּונקט, זיינען דאָס נישט געווען קיין סתם פאַרשטעלונגען, נאָר טעאַטער־קאָנצערטן. דער גאַנצער אַנסאַמבל, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין די אומפּאַרגעסלעכע לאַמפּעדוסע־ספּעקטאַקלען, האָט בייגעטראָגן צו די טעאַטראַלישע „לאַמפּעדוסע״־דערפאָלגן.

שוין אָפּגערעדט פון די לאָנדאָנער יידישע פערזענלעכקייטן וואָס האָבן געשטראַמט אין דעם באַשיידענעם יידישן „גרענד־פּאַלעי״ טעאַטער (אפשר צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן), זיינען אויך געקומען בייווינען אַ „לאַמפּעדוסע״־פאָרשטעלונג אַ גרעסערע צאָל דעפּוטאַטן פון בריטישן פּאַרלאַמענט; אַנגעזעענע שריפטשטעלער, אַקטיאָרן, טעאַטער און פילם־רעזשיסאָרן, ווי אויך אָפיצירן פון דער בריטישער אַוויאַציע. עס האָט זיי שטאַרק פאַראינטערעסירט צו זען אויף דער בינע די געשטאַלט פון זייער „תלמיד״ סידני כהן, וועלכער האָט פאַרשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער בריטישער אַוויאַציע אינם קאַמף צו באַהערשן דעם מיטלענדישן ים . . .

גאָר גרויס איז געווען די צאָל יידישע סאָלדאַטן פון די אַלאַאירטע אַרמייען אין ענגלאַנד, וואָס פלעגן באַקומען אַ ספּעציעלן אורלויב, כדי צו פאָרן קיין לאָנדאָן זען אַ „לאַמפּעדוסע״־פאָרשטעלונג. די נישט־יידישע טעאַטער־באַזוכער, הגם נישט פאַרשטאַנען דאָס יידישע לשון, האָבן זיך דאָך אַביסל אָריענטירט אין דער האַנדלונג פון דער פּיעסע, לויט דעם קורצן ענגלישן אינהאַלט, וואָס איז געווען אָנגעגעבן אין די פּראָגראַמען.

* * *

ווען משה שרת, איצטיקער פּרעמיער־מיניסטער פון מדינת ישראל, איז אין די ווינטער־חדשים פון 1944, געווען אין לאָנדאָן אין אַ וויכטיקער שליחות פון דער „יידישער אַגענץ״ אין ירושלים, האָט ער בייגעווינט אַ פאָרשטעלונג פון „לאַמפּעדוסע״. ווען ער איז צוריק געקומען קיין ארץ־ישראל, האָט ער בעת אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג, נישט בלויז וועגן דער פּיעסע, נאָר אויך וועגן דעם נאַציאָנאַלן ווערט און אינהאַלט פון „לאַמפּעדוסע״ פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן.

איך האָב מיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם סאַטירישן טעאַטער „המטאַטאַ״ אין תל־אביב, וואָס האָט אַקצעפּטירט אויפצופירן די פּיעסע. דעם 30־סטן נאָוועמבער, 1944, איז פאָרגעקומען די העברעאישע פּרעמיערע פון „מלך למפדוזה״, וואָס איז געשפּילט געוואָרן איבער זעקס חדשים אין תל־אביב, חיפה, ירושלים און אין אַ צאָל אַנדערע שטעט און קאָלאָניעס.

דאָס העברעאישע פּראָגראַם־צעטל לויטעט:

# „המטאטא"

התיאטרון הסטירי הא"י

# מלך למפדוזה

קומדיה מוסיקלית ב־3 מערכות מאת ש. י. דורפזון

עברית, עבוד ופזמונים: א. לוינסון — מוסיקה: ש. פרשקו

| | |
|---|---|
| הצקל קאגאן, חייט | מ. חורגל |
| שרה־הינדה, אשתו | ר. ליכטנשטיין |
| סעם (מלך למפדוזה), בנם | ש. רודנסקי |
| דייוו, אחיו | י. טימן |
| בז'יקה, כלתו של דייוו | ב. זלצמן |
| אייזיק אולרייטניק | י. פסובסקי |
| בקי, אשתו | ח. רוזובסקה |
| ליל, בתם | מ. שינדלר |
| איצ'ה־מאיר — דיפלומט | ב. לונדון |
| יונה פפרל, שמש בבית המדרש | י. אבא |
| מק קוקו, עתונאי | א. בן־צבי |
| אדיוטנט של מלך למפדוזה | מ. ביקל |
| חייל א' | א. בן־צבי |
| חייל ב' | ו. יבנאי |
| אדיוטנט ב' | א. בן־צבי |
| שגיר | מ. ביקל |
| רבני הרפורמה: | י. פסובסקי |
| | י. בנאי |
| שוטר | מ. ביקל |

**המקום:** המערכה הראשונה — לונדון, ווייטשפל. **הזמן:** ימי המלחמה

המערכה השניה — בלמפדוזה

המערכה השלישית — בלונדון



„דער קעניג פון לאַמפּעדוסע“ אין „המטאטא“־טעאַטער אין תל־אביב.

„דער קעניג קומט!“ אַ סצענע אין 2־טן אַקט. (פון רעכטס צו לינקס): „יונה פּעפּערל“ (י. אבא), „איטשע מאיר דיפּלאָמאַט“ (ב. לאָנדאָן), „לילי“, (מ. שינדלער), „כאַצקעל לאַטוטניק“ (מ. חורגל), „סעם“, „דער קעניג“ (ש. רודינסקי), „שרה־הינדע“ (ר. ליטענשטיין), „דעיוו“ (י. טימן), „בעזשיקע“ (ב. זאַלצמאַן).

דער אנסאמבל פון „המטאטא“־טעאַטער נאָך דער פּרעמיערע פון „קעניג פון לאַמפּעדוסע“.

**דעם 30־סטן נאָוועמבער, 1944**

פון רעכטס צו לינקס, (ערשטע ריי): ע. לופטגלס (הצייר), ר. ליכטנשטין, ר. טימן (הנהלת הלבשות), ב. גוריצ׳קוב (המנהל), ב. פינקלשטין (ההנלה המוסיקלית), מ. חורגל, י. אבא, ת. רוזובסקה, י. פּוסובסקי; (צווייטע ריי): י. אוקסנברג (הבמאי), ש. שטינגל (פּועל במה), א. בן־צבי, י. טימן, ב. לונדון, ש. רודנסקי, ב. זלצמן, מ. ביקל, ג. מרגולית (פּועל במה), ד. הרצוג (השמלאי). (דריטע ריי): י. בנאי, י. רוזנבלום (תפאורות וטוכן הבמה).

„דער קעניג פון לאַמפּעדוסע" איז דעם 1־טן סעפּטעמבער, 1944, אויך אויפגעפירט געוואָרן אין דעם טעאַטער „מיטרע" אין בוענאָס־איירעס און איז געשפּילט געוואָרן עטלעכע וואָכן מיט אַ גרויסן דערפאָלג.

דעם 17־טן מאַי, 1944, האָט די בריטישע ראַדיאָ־געזעלשאַפט („בי־בי־סי") איבערגעבן אַ ענגלישע טראַנסמיסיע פון דער „לאַמפּעדוסע" פּיעסע. דער ערשטער אַקט פון „לאַמפּעדוסע" אין יידישן לשון איז אויך אויפגענומען געוואָרן פון דער „בי־בי־סי", ספּעציעל פאַר ארץ־ישראל.

וועגן דער „לאַמפּעדוסע" פּיעסע זיינען דערשינען אָפּהאַנדלונגען און רעצענזיעס אין יידיש, העברעאיש, ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, רוסיש און אין דער יידיש־דייטשער פּרעסע.

ווען די ענגלישע פּרעסע האָט אויסגעפּויקט די נייעס, אַז די „לאַמפּעדוסע"־פּיעסע איז פאַרקויפט געוואָרן צו אַ בריטישער פילם־געזעלשאַפט, בין איך ממש פאַרפאָלגט געוואָרן פון פאַרשיידענע לעבנס־פאַרזיכערונגס־אַגענטורן, פון כל־ערליי אַקציע־געזעלשאַפטן און פון אַנדערע אונטערנעמונגען, אַז איך זאָל ווערן אַ שותף צו זייערע „ביזנעס" . . .

וועגן די פאַרשיידענע קאָמישע פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן אין דער צייט, ווען די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין לאָנדאָן, האָט זיך געהאָט אָנגעזאַמלט אַ דאַנקבאַרער שטאָף פאַר אַ שפּאָגל־נייער קאָמעדיע . . .

* * *

למען־האמת: איך האָב, שרייבנדיק די פּיעסע, נישט געהאַט קיין שום „ליטעראַרישע אַמביציעס". איך האָב בלויז אויפגעכאַפּט און איבערגעגעבן די מעשה־שהיה, אויף אַ זשורנאַליסטישן (און אפשר אויך אויף אַ געשיקטן אופן). און דאָס איז, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, געווען דער פאַר מיר איבערראַשנדיקער דערפאָלג, וואָס „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע" האָט אַרויסגערופן אין דעם יידישן, און אין דעם נישט־יידישן טעאַטער־וועלטל פון ענגלאַנד.

בעת „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע" איז געשפּילט געוואָרן פון דעם „המטאַטאַ"־טעאַטער, האָט סידני כהן, וועלכער איז אַמאָל געקומען אויף אור־לויב קיין ארץ־ישראל, געהאַט די געלעגנהייט צו זען די פּיעסע — געשפּילט אין העברעאיש. ווען „המטאַטאַ" האָט גאַסטראָלירט אין רחובות און זיך דער־ווּוסט, אַז סידני כהן איז אין שטעטל, האָט די פאַרוואַלטונג פון טעאַטער אים איינגעלאַדן אַלס איר ערן־גאַסט צו דער „לאַמפּעדוסע"־פאָרשטעלונג.

דער עולם האָט תיכף דערקאָנט דעם „קעניג" און אים געמאַכט אַ שטורמישע אָוואַציע.

סידני כהן האָט געהאַט די סאַטיספאַקציע — צו זען די פּיעסע שפּילן אין אַ העברעאישן טעאַטער אין ארץ־ישראל.

מיין גרעסטער ווונש איז געווען, אַז סידני כהן, דער אייגנטלעכער העלד פון דער עפּאָפּיי, זאָל זען די פּיעסע אויפגעפירט אין לאָנדאָן. אָבער מיין ווונש איז, צום באַדויערן, נישט מקוים געוואָרן.

דעם 1־טן אָקטאָבער, 1946, ווען סידני כהן איז דעמאָביליזירט געוואָרן פון דער בריטישער אַוויאַציע איז ער, בעת זיין צוריק פליען קיין לאָנדאָן, אומגעקומען אויף אַ מיסטעריעזן אופן בעת אַן עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע אויפן מיטללענדישן ים . . .

דער יידישער פּילאָט, וועמענס העלדישע טאַט האָט אינספּירירט דעם שרייבער פון די שורות אָנצושרייבן די פּיעסע, האָט נישט זוכה געווען צוריק צו קומען אין דעם לאָנדאָנער „ווייטשעפּל״־קוואַרטאַל, ווו די יידן האָבן פאַר זייער לעגענדאַרן בן־עיר צוגעגרייט אַ מלכות׳דיקן קבלת־פּנים, ווי ס׳האָט זיך געפּאַסט פאַר דעם „יידישן קעניג פון לאַמפּעדוסע״ . . .

זאָל מיין פּיעסע זיין אַ באַשיידענער דענקמאָל פאַר דעם העלדישן יידישן פּילאָט סידני כהן, וועמענס נאָמען איז פאַראייביקט געוואָרן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין ענגלאַנד.

---

## נאָכוואָרט

אין אָנהויב פון דעם אַרטיקל איז באַמערקט געוואָרן, אַז „ס׳איז אַביסל פּריקרע צו דערציילן וועגן דעם אייגענעם שאַפונגס־דערפאָלג״.

נישט דאָס איז געווען די כוונה — צו לויבן זיך גופא.

איך האָב דערציילט די מעשה־שהיה, ווי־אַזוי און ביי וואָסערע אומשטענדן איך האָב געשריבן די „לאַמפּעדוסע״־פּיעסע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג.

אין יענע ביטערע וואָכן און חדשים, ווען די היטלערישע וועלט־מלחמה האָט געבושעוועט אויף אַלע פראָנטן, האָט מיין פּיעסע אויסגעפירט אַ געוויסע שליחות פון יידישן בטחון. דער אינהאַלט פון דער פּיעסע האָט אַפּעלירט צו דעם יידישן עולם, אַז ער זאָל נישט פאַרצווייפלען און געוועקט אין אים דאָס נאַציאָנאַל־יידישע באַוווסטזיין.

„דער קעניג פון לאַמפּעדוסע״, וועמענס אינהאַלט איז געווען באַזירט אויף אַ וואָרער געשעעניש פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען אַ באַשיידענע ביישטייערונג צו די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון אונזער פאָלק — פאַר זיין מלוכה׳שער זעלבסטשטענדיקייט.

סוף

# טייטש־צעטל

## אַקטיאָריש־קלעזמערישע און אַנדערע ווערטער, וואָס ווערן גענוצט אין דעם בוך.

### א

„אַרויסר־יטשן" —אַוועק גיין, אַנטלויפן.

### ב

„באַש"־געלט ; „ביטאַנג" (אויף אונגאַריש) — לאָבוז ; „ביטאַנגעס" — לאָבוזעס ; „בער־יען" — עסן ; „ברענען ווי קין" — אַ שלעכטע הכנסה אין טעאַטער ; „בולבע", „בולבעניק" — קען נישט די פּראָזע, רעדט נישט צו דער זאַך, נישט אויסגעלערנט די ראָלע.

### ג

„גאַפּע" — אַריינגיין אין טעאַטער אָן אַ בילעט, אָדער פאָרן אויף דער באַן בגנבה ; „גאָלע" — אָן געלט ; „געטאַפּט אַ וואַנט", „געגעסן אַ לאָקש", „געכאַפּט דעם פויגל" — געליטן אַ מיאוסן אָפּשניט ; ווען אַן אַקט׳אָר איז געווען שלעכט אין זיין ראָלע, אָדער די פּיעסע האָט געליטן אַ דורכפאַל׳ ; „גרענדע"־פאָרשטעלונג, אָדער אַ פּאַרוויילונג.

### ד

„דויל" — דאָסזעלבע, וואָס „יאָלד" ; „דוילעחקע" — אַ יאָלדישע מיידל, אָדער אַ פרוי ; „דראַליע" — גיין, וואַנדערן, וכו ; „דראָנג" — שלעכטער אַקטיאָר ; „דערלאַנגען די סחורה" — אָפּשפּילן אַ פּיעסע ; אַן אַקטיאָר זאָל באַווייזן, וואָס ער קאָן ; „דערקנאַסט" — דערקאָנט ; „דר. קאָניושנע" — איינער, וועלכער הענגט זיך אָן דעם טיטול אַלס אַ דאָקטאָר ; „דוינע" — רומעניש — סענט־מענטאַלע נגינה ; „דרעליע" (גאַלעריטע), ס׳איז קאַלט און ס׳שאָקלט זיך.

### ה

„העדיעלעך" — פּיצינקע שטעטלעך ; „האַרטער קעגנשטאַנד" — אַ ווערטפולער חפץ צו פאַרזעצן אין לאָמבאַרד.

### וו

„וויטשאָק" — אַ נאַיווער מענש ; „וויאַטער" (אָדער „מאַכן אַ וויאַטער") — אויפשפּילן אַ פריילעכס ווען אין טעאַטער זיינען פאַראַן ווייניק מענשן ; „וויט־ישע נשמה" — דאָסזעלבע, וואָס „וויטשאָק" ; „ווערן אַ האָז" — אַנטלויפן, מאַכן אַ ויברח.

### ז

„זשאָלע" — מיאוס ; „זשאָלע קלישע" — אַ מיאוס פּנים.

### ט

„טשיזשע" — אַ מיידל ; „שיינע טשיזשע", „מיאוסע טשיזשע", וכדומה ; „טויבער מאיר" — איינער וועלכער מאַכט זיך תמ׳עוואַטע.

### י

„יאַט" — ווילער יונג ; „יאָלד", „יאָלדן", „יאָלדעווקעס", — נאַיווע, בעל־הבית׳ישע מענשן. „יאָקעלע" — אַ מטבע.

### כ

„כיליע" — גיין, אַנטלויפן ; „כיליע איבער די ראַטשקעס" — גיין איבער די הייזער (פאַרקויפן בילעטן צו אַ „בענעפיס", קאָנצערט אָדער טעאַטער פאָרשטעלונג) ; „כאַפּן" — באָרגן, שאַפן אַ הלוואה, אַ גמילת־חסד.

### ל

„לאַבעשניק" — אַ פּיאַניסט, קלאַוויר־שפּילער ; „לאַבעשניצע" — פּיאַניסטין, קלאַוויר־שפּילערין ; „לאַטכענען" — גנב׳ענען ; „לאַטעק" — אַן אָפּגעריסענער, אַ באָרוועסער ; „לינגאַר" (אונגאַריש), — אַ ווייסער חברה׳ניק ; „לאָמבאַרד" — אַן אַנשטאַלט צו פאַרזעצן פאַרשיידענע זאַכן ; „לאָקשן" — דאָלאַרן.

### מ

„מאַטרע" — קוקן, זעען ; „מאָטרעס" — אויגן ; „מאַרוויכער" — אַ גנב ; „מאַכן אַ בויגן" — אויסמיידן איינעם, וועלכן מען וויל נישט זען.

### נ

„נעסקעם", „נעסקעמדיק" — שלעכט ; אַ „נעסקעמדיקע פּעסנע" — שלעכטע פּיעסע ; „נעמאָנעס" — אַ גנב׳ישע שבועה ; „נקי" — אָן געלט.

### ס

„סאַלעפּ" — זנב, שוטה, נאַר ; „סבאָר" — אייננאַמעס ; „סמוכען" — לאַכן ; „סליחה׳נען" — מסור׳ן ; „סלינקע" — ווען אַן אַקטיאָר וויל נישט צאָלן ; „סמוריאַן" — יונגל ; „סנעק" — שווייגן ; „סראָקער" — קאָרטן־שפּילער ; „סאַלוען" (מונקאַטשער לשון) — אַ זאַל וווּ ס׳קומען פאָר חתונות, קאָנצערטן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

## פּ

„פּאַפּע“ — עסן, קייען; „פּינוסע“ — פּרנסה; „פּעכנע“ — הונגערן; „פּענטאַק“ — שלעפּער; „פּליטה“ — באַנקראָט; „פּעסנע“ — שלעכטע פּיעסע.

## פ

„פעטער“ — אייגנטימער פון אַ לאָמבאַרד; „פלעק“ — אַ שקרן, איינער, וואָס האַלט נישט קיין וואָרט; „פיש־שמויש“ (דייטש־מעריש) — אַ פיש־סעודה; „פלאַסקעדריגע“ — אַ חסיד׳ישער כניאָק.

## צ

„ציבעלע“ — זייגער; „ציבעלע־כלי“ — אַ פשוט׳ער זייגער, נישט קיין גאָלדענער; „ציימען“ — צאָלן; „צעלייגער“ — אַ שלעכטער אַקטיאָר.

## ק

„קאַיאַף“ — נישט קיין פאַרגינער; „קאַניאָק“ — הויפּט־ראָלע אין אַ פּיעסע; „קאַלעכער“ — פאַררײַדן די ציין; דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט נישט קיין שום ממשות; „קליף“ — וויל, גאָר־וויל; „קליפּטל“ — אַ באַ׳חנ׳ט מיידל; „קילע“ (דייטשמעריש) — קהילה; „קליסאָווניק“ — אַ גנב, גע׳גנב׳עט; „קליפּע פּאָדסטאַווע“ — אַ שיינע געשטאַלט; „קלישע“ — פּנים.

## ר

„ריטשן“ — אַרויסגיין, נעלם־ווערן; „ראָס־קאָשנע בראָך“ — אַ בכבוד׳יקער דורכפאַל פון אַ פּיעסע, אָדער פון אַן אַקטיאָר.

## ש

„שאָלעט“ (דייטשמעריש) — טשאָלנט; „שקויאַך“ (דייטשמעריש) — יישר־כח.

## ת

„תורה׳לע“ — אַ גוטע, מזל׳דיקע פּיעסע.

## דאנק־אויסדרוק

איך דריק אויס אַ האַרציקן דאַנק און אָנערקענונג די חשובע פריינד ע. וו. פּאָדאָלסקי, בר־כוכבא און כרמל נאַראָד, י. גאָלדבערג, י. גלאַזער, שלמה סיערעס, ז. עלענבערג, זשאַזע קאַסטנער און י. שינדלער פאַר זייער מיטהילף, אַז מיין בוך זאָל דערשיינען.

ש. י. האַרענדאָרף.